STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06095

DI HENKER

Henri Barbusse

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

אַנרי באַרביס

די הענקער

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי

וואַרשע, 1930

Henri Barbusse
K A C I
Druk. B-ci Wójcikiewicz,
Warszawa, Pawia 10, tel. 265-82.

אין גיהנום פון אייראָפּע

I

אונדזער „שליחות"

מיט אַן ערנסטן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט גיב איך נאָך דעם חשק פון פאַרשידענע צדדים און פובליקיר אין אַ בוך-פאָרם די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין די באַלקאַנישע לענדער וועגן דעם „ווייסן טעראָר". איך און מיינע וועג-חברים האָבן מיר פון דאָרט גע-בראַכט אַ שפּאָר ביסל פּאָזיטיווע דאָקומענטן, און די פאַקטן, וואָס מיר דאַרפן פאַרעפנטלעכן לייגן אויף אונדז ארויף דעם חוב, מיר זאָלן אַרויסטרעטן מיט אַן ענערגישן אויפרוף צום געזעל-שאַפטלעכן געוויסן. דאָס מענטשלעכע געוויסן קען נישט בלייבן גלייכגילטיק בנוגע דעם שאַרפן קריזיס פון באַרבאַריזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ביי היינטיקן טאָג אַ טייל פון אַלטן קאָנ-טינענט.

צוערשט האָב איך דאָס רעכט צו זאָגן, אַז דידאָזיקע שליחות איז אויסגעפירט געוואָרן אומאָפּהענגיק, אויפריכטיק. פון אָנהייב ביזן סוף האָבן מיר אויסגעמיטן אַלע פאָראורטיילן, אַלע באַשלוסן, וואָס זענען געווען מסוגל אָפּצושוואַכן דעם אָב-יעקטיוון אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער.

אמת טאַקי, איך וויל נישט אָפּלייקענען, פונקט ווי איך האָב קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט מיינע פּאָליטישע איבערצייּ-גונגען. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט.

אַלץ מער און מער בין איך געוואָרן אַזעלכער, בעת איך האָב געזעצן דאָס בילד און געקומען אין נאָענטערע באַרירונג מיט די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן באַצייכנט דעם ערשטן פערטל פון 20-טן יאָרהונדערט. אָבער נישט דערין האַנדלט זיך עס און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם טיפן ראַציאָנאַליזם — טיף ביז צו די פיזישע געזעצן פון די מענטש-לעכע מאַסן און ביז צום איינגעווייד פון לעבן — אויף וועלכן ס׳שטיצט זיך מיין העפטיקע אָפּאָזיציע בנוגע דער איצטיקער אָרדענונג.

פערזענלעכע מיינונגען טאָרן קיין שום השפעה נישט האָבן אויף באַהויפּטונגען. אַלזאָ, איך חזר איבער: אַוועקפאָרנ-דיק דאָסדאָזיקע מאָל פון פראַנקרייך קיין דרום-מערב אייראָפּע, האָב איך גערן אָפּגעלייגט אָן אַ זייט מיין פערזאָן פון אַ קעמ-פער. איך בין נישט געווען קיין פּאַרטיי-מענטש, נאָר אַ פּשוטער מענטש מיט אַ פרייען גייסט, וואָס פּאָרט אויפן אָרט פון קאָנ-קרעטע געשעענישן, כדי נאָכדעם צו מאַכן אַ סך-הכל פון זיי-נע אָבסערוואַציעס און זיינע אויספאָרשונגען

*

* *

איך דערמאָן זיך איצט ביי וואָסערע באַדינגונגען ס׳איז פאָרגעקומען דידאָזיקע „אַנקעטע", אויב ס׳איז מיר דערלויבט צו באַנוצן אַזאַ קלינגענדיק וואָרט. אַ געוויסער טייל מענטשן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון מערב-אייראָפּע און פון צענטראַל-אייראָפּע זענען געוואָרן אויפגעצאַפּלט פון די מעשים-תעתועים: אַרעסטן, פּאָליציייאישע ענוים, מאַסנווייזע רציחות. דידאָזיקע ידיעות זענען צו זיי דערגאַנגען פון עטלעכע פּאַר-יאושטע שטימען פון רומעניע, בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע — רעגירונגען, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דידאָזיקע אכזריות. דידאָזיקע אכזריות, וועלכע פּאַסן פאַרן מיטלאַלטער, האָבן אַרויסגערופן צוויי פּראָטעסטן, אונטערגעחתמעט פון אַ גרויסער צאָל אָנגעזעענע און חשובע לייט פון פראַנקרייך,

ענגלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך. אָבער אַזויווי מען האָט דידאָזיקע פאַקטן אָפּגעלייקנט, זענען מיר עטלעכע געקומען צום באַשלוס, אַז אָנשטאָט צו פּלאָנטערן זיך אין אַ נעץ פון השערות, איז בעסער צו פאָרן אויפן אָרט, כדי נאָכצוקאָנטראָלירן די אַלע באַשולדיקונגען. אַלזאָ, מאַדמאַזעל לאַמי פון ברוסעלער אַדוואָקאַטן-ראַט, פּראָפעסאָר לעאָן ווערנאָשע, הויפּט-סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אונטעריכטונג און איך אַליין, און אויב מען קען זאָגן, פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג,—האָבן מיר גענומען אויף זיך אַזאַ מאָראַלישע און פּריוואַטע שליחות און מיר זענען אַריינגעדרונגען אין רומעניע און אין די שכנותדיקע לענדער.

נישט געקוקט אויף אַלעם, איז עס אפשר אַ סימן פון דער צייט, אַז אַזאַ מין איניציאַטיוו איז אַנטשטאַנען און פאַרווירקלעכט געוואָרן ביזן סוף. דער פאַקט, אַז אויסלענדער האָבן אין אַ העלן טאָג געקענט קומען צו פאָרן אין הויפּטשטעט און מיט אויטאָריטעט פאָדערן אַ דין-וחשבון פון דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט,—דאָס אַליין באַווייזט, וואָסער חשובן פּלאַץ דאָס וועלטלעכע געוויסן פאַרנעמט אין די געשעענישן.

איך וויל דאָ נאָך זאָגן אָט וואָס: נישט געקוקט דערויף וואָס מיר, אַלס אויספאָרשונגס-ריכטער פון אַ נייעם מין, האָבן פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט דעם ציל פון אונדזער רייזע און געפירט מיט זיך אַ שפּאָר ביסל העזהדיקע פּרעטענזיעס, האָט דאָך דידאָזיקע אַריינמישונג פון אויסלענדער אין נאַציאָנאַלע ענינים ביי קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין חידוש און אַלע האָבן געקוקט דערויף, ווי אויף אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

דאָך, האָבן צוויי מיינונגען שאַרף אַרויסגעטראָטן אין רומעניע קעגן דערדאָזיקער וויכטיקער פּראַגע פון „רעכט אויף משפּטן", וואָס רופט אַרויס וויכוחים פון אַ גרויסער מאָראַלער וויכטיקייט. די אַרבעטער-קלאַסן, מיט וועלכע איך בין עטלעכע מאָל געקומען אין קאָנטאַקט, ווי אויך אַ געוויסע צאָל אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן און זשורנאַליסטן פון דער לינקער

פּרעסע, האָבן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע אונדזער אונטער־נעמונג, וואָס מיר זענען געגאַנגען פאַרווירקלעכן.

אַן אַנדער טייל פון דער פּרעסע, אַ נאַציאָנאַליסטישע און קאָנסערוואַטיווע מינדערהייט, האָבן באַקעמפט און באַקעמפן נאָך ביז היינטיקן טאָג — אויב איך וועל גלייבן די צייטונגען וואָס איך באַקום — דידאָזיקע אויספאָרשונגס־רעכט פון פרעמדע בירגער אין „נאַציאָנאַלע ענינים". אויף אַזאַ אופן האָט דער ה׳ גאָגאַ לעצטנס געשריבן אין זיין „אינדרעפּטאַרעאַ": „מיר האָבן שוין דאָס געדולד פאַרלוירן פון דערדאָזיקער מחנה בעלי־תביעות, וועלכע שוין זיבן יאָר, ווי זיי קומען אין נאָמען פון עפּעס אַ קאָלעקטיוו, באַטראַכטן די לעבעדיקע פראַגן פון רו־מעניען". ה׳ גאָגאַ האַלט, אַז „דאָס געפיל—צו זיין אונטער עמעצנס אַפּוטרופּסות, וואָס ס׳וועקן אין אונדז אויף דידאָזיקע קאָנטראָ־לערן, איז זייער נישט קיין אָנגענעמע", און ער איז מוסיף: „די עלעמענטאַרע ווירדע הייסט אונדז נישט טאָלערירן, אַז מען זאָל אונדז באַטראַכטן ווי אַ נידעריק לאַנד, אויף וועלכן ס׳קע־נען אָנפאַלן אַלע דילעטאַנטן". און ער פאַרענדיקט: „מיר מוזן זיין חוצפּהדיק אין די גרענעצן פון אונדזערע ווענט".

פאַר מיינע אויגן ליגט אַ „פּראָטעסט פון די אינטעלעק־טועלע אין בוקאַרעשט", פאַרעפנטלעכט אין די נאַציאָנאַליסטי־שע און רעאַקציאָנערע צייטונגען. דערדאָזיקער פּראָטעסט דריקט אויס די „אויפרעגונג", וואָס אַלע אַנקעטעס, הויפּטזעכלעך מיינע, האָבן אַרויסגערופן אין געוויסע קרייזן. די עטלעכע אונטערגעשריבענע פון דעמדאָזיקן פּאַשקוויל באַטראַכטן אַלע אַריינמישונגען ווי „נישט־פּאַסיקע פאַרן כבוד פון אַ סוווערע־נער מלוכה".

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט פון אַן אויפגערעגטער מינאָרי־טעט, איז אויך דער שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג אַליין. די העפלעכע אויפנאַמע, וואָס די מיניסטאָרן האָבן מיר אַרויס־געוויזן, איז קענטיק געווען אַ דיפּלאָמאַטישע פּינקטלעכקייט, פון וואָס איך בין צופרידן. אָבער זיי זענען געווען זייער נישט העפלעך צו מיינע פּרעטענזיעס, וואָס איך האָב אַרויסגעשטעלט.

די אָפיציעלע צייטונג מעלדעט, אַז ה׳ דוקאַ, דער זויסערן-מי־ניסטער, געבנדיק אַ תשובה אויף די אינטערפעלאַציעס, וואָס מען האָט אים געמאַכט אין דעפּוטאַטן-הויז בנוגע מיך, האָט געזאָגט: „אַז ער האָט גענומען אין אַכט די ליטעראַרישע פּער־זענלעכקייט פון ה׳ באַרביס און זיין חשק צו אַנטדעקן דעם אמת״. „אָבער, האָט ער פאַרענדיקט צווישן בייפאַלן, איך וויל, אַז פון היינט אָן זאָל מען וויסן, אַז אונטער קיין שום אויס־רייד קען די רעגירונג נישט דערלויבן, מען זאָל דורכפירן אַ גאַנצע ריי אַנקעטעס, מיט אַ פיינטלעכער שטעלונג צו דער מלוכה, נישט וויכטיק פון וועמען ס׳איז״.

פון דער צווייטער זייט האָט דער פאַריין פון די רומע־נישע זשורנאַליסטן אויסגעשלאָסן פון זיינע רייען דעם ה׳ קאָס־טאַ פּאָרו, דעם סעקרעטאַר פון דער רומענישער ליגע פאַר מענטשן-רעכט דערפאַר, ווייל ער האָט מיך געשטיצט. דער פאַריין פון די רומענישע שרייבער האָט אָפּגעשטימט דעם פּאָרשלאַג, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן, אַז „דער וויזיט פון אַנרי באַרביס איז נישט אויפן אָרט, אַז די אַריינמישונג פון אויסלענדער אין די אינערלעכע פּאָליטישע ענינים פון רו־מעניע איז געפערלעך״. און דער פאַריין באַדויערט, „וואָס צו־ליבן זשעסט פון אַנרי באַרביס, איז אים געווען אוממעגלעך צו באַטראַכטן דעמדאָזיקן וויזיט פון קולטורעלן שטאַנדפּונקט״.

מען איז אַרויסגעטראָטן קעגן מיר מיט פאַרשידענע אַנ־דערע פּאָרוורפן און באַשולדיקונגען. איך וועל נאָך דערפון ריידן. איך וויל צוערשט באַהאַנדלען די פּרינציפּ-פראַגע, זי באַלויכטן נאָך איין מאָל, ווייל איבער דער פראַגע האָב איך שוין אַ סך געשריבן, אפילו אין דער רומענישער פּרעסע. און נישט נאָר געשריבן, נאָר אפילו אַ סך גערעדט אין דער פאָרם פון אינטערוויוען.

איך בין אויסדריקלעך קעגן דער טעזע, וואָס פאַרווערט אַ מענטשן פון אַ פרעמדער ראַסע צו שטודירן אין אַ לאַנד די געריכטלעכע, פּאָליציייִשע אָנגעלעגנהייטן, אפילו די אָנגע־לעגנהייטן פון מיליטערישער און פּאָליטישער אָרדענונג. דידאָזיקע

טעזע איז פאַלש און קינדעריש און אין אונדזער עפּאָכע לווינט נישט וועגן דעם ערנסט זיך אָפּצושטעלן.

מעגלעך, אַז ס׳זענען דאָ אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן, ווו די אויספאָרשונג פון פרעמדע פערזענלעכקייטן קען באַטראַכט ווערן ווי אַ באַליידיקונג אָדער אַפילו ווי אַ סכנה. דאָס איז אין דעם פאַל, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אינטימען לעבן פון אַ לאַנד, ווען מען דאַרף עפּעס פאַרבאָרגן: ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג, וועגן מלוכה-סודות.

אָבער וועגן וואָסערע ענינים האָבן מיר דאָ אַרויסגערוקט אונדזערע פּרעטענזיעס? ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו מיליטערישער אָקופּאַציע, וועגן פאַקטן און זשעסטן פון שופטים און פּאָליציי-אַגענטן, וועגן באַהאַנדלונג פון געפאַנגענע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן געזעלשאַפטלעכע פּע-פּאַגראָמען און מערדערייען. דאָס זענען געזעלשאַפטלעכע נאָמענען. זיי מוזן אַפילו באַטראַכט ווערן ווי היסטאָרישע פאַקטן. זיי געהערן צו אַלע. דער שריפטשטעלער און דער היסטאָריקער האָבן דאָס רעכט און זיי זענען אפילו מחויב דערמיט זיך צו פאַרנעמען. איבעריקנס, איז שוין צייט, אַז אַלע גרויסע צייטונגען פון דער וועלט זאָלן דאָסדאָזיקע רעכט און דעמדאָזיקן חוב פון פאַרשפּרייטונג — פּשוט אַריינפירן אים פּראָגראַם פון זייער טעטיקייט. ס׳איז שוין צייט, אַז ידיעות און קריטישע אַרטיקלען זאָלן, אין פּרינציפּ, פריי צירקולירן פון פרעמדע קאָרעספּאָנדענטן אין זייערע רעדאַקציעס. זאָל מען ביי היינטיקן טאָג אָפּלייגן אין אַ זייט די אַקטועלע פראַגע וועגן אינטערנאַציאָנאַלער פרייהייט פון פּרעסע און ליטעראַטור, שטיצנדיק זיך בלויז אויף די אָרעמע טעאָריעס פון נאַציאָנאַלער אילוזיע פון ה׳ גאָגאַ וכדומה.

אויב מען אָנערקענט שוין יאָ אַ מענטשן די רעכט צו באַטראַכטן און צו קריטיקירן די געשעענישן, וועלכע זענען אין פּרט און אין אַלגעמיינעם אַ טייל פון דער עפּאָכע-געשיכטע, טאָ פאַרוואָס זאָל מען וועלן ביי אים באַקעמפן דידאָזיקע רעכט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט באַטראַכטן די זאַכן

אויפן אָרט, כּדי ארויסצוזאָגן אַ געוויסנהאַפטערע און פּינקט־לעכערע מיינונג? וואָסער פּרינציפּיעלער חילוק איז צווישן אַן אורטייל, וואָס מען טראָגט אַרויס פונדערווייטנס און אַן אורטייל אַרויסגעטראָגן פונדערנאָענטן? דער חילוק איז בלויז דער, וואָס דער צווייטער אורטייל האָט מער חשיבות און מער ווערט פונם ערשטן. איך וואָלט זייער וועלן, דער ה׳ גאָגאַ און אַלע אַנדערע זאָלן מער אָפנהאַרציק ענטפערן אויף דערדאָזי־קער פראַגע.

איך פאַרשטיי, אַז די אַלע פאָרווורפן, די אַלע שיקאַנעס קעגן מיר פון די, וואָס שרייען וועגן נאַציאָנאַלער סוווערעני־טעט, נעמט זיך בלויז דערפון, וואָס איך בין נישט גע־ווען געשטימט צו זינגען לויב־געזאַנגען דער רומענישער רעגי־רונג. אָט דאָס האָט זיי געקרענקט און דעריבער האָבן זיי גע־מאַכט אַזעלכע געוואַלדן. זיי וואָלטן קיינמאָל אינזינען נישט געהאַט צו ריידן וועגן מאַיעסטעט־באַליידיקונג, אָדער וועגן אַן אַטענטאַט אויף נאַציאָנאַלער ווירדע, ווען איך וואָלט געזאָגט: „אין רומעניע, איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג!" דעמאָלט וואָלט מיין „ארייננמישונג" געווען אויפן אָרט. איבעריקנס ווייסן אַלע, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין צוויי אמתן. לאָמיר ריידן אָפן: דאָס וואָס אונדזערע קעגנער באַקעמפן הייסט נישט: רעכט אויף אויספאָרשונג, נאָר רעכט אויף קריטיק. אָבער איינס גייט נישט אָן צווייטן.

ווען מען האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב נישט דעם כּיוון צו פאַרבאָרגן די בולטע אומגערעכטיקייטן און צו פאַר־רייבן די מעשים־תעתועים, האָט מען געוואָלט איינרעדן דעם עולם, אַז איך בין געקומען אויף די באַלקאַנען מיט אַ פאַר־טיקן באַשלוס זיי צו באַשמוצן. מען האָט מיך אפילו צייטנווייז באַטראַכט ווי אַ „מאָסקווער אַגענט", און אין געוויסע קסענאָפאָבי־שע און שאָוויניסטישע צייטונגען האָבן זיך אַפילו באַוויזן אַזעלכע מינים קאַריקאַטורן. די אַנטיסעמיטישע געלערנטע האָבן אַרויסגעלאָזט אַפּישן מיט אויפשריפטן, אַז איך בין „אַ ייד

אַ פאַרברעכער", וועלכער איז געקומען צו באַשמוצן און באַפלעקן רומעניע אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

איך גלויב נישט, איך זאָל זיין מער פאַרברעכער ווי ייד און קיין באַפעלן און שליחות האָב איך פון מאָסקווע קיינמאָל נישט באַקומען. אָבער אלס תשובה אויף אַזעלכע פאַמפלעטן וויל איך בלויז דאָס זאָגן: אַז אַלץ, וואָס איך האָב אַליין געזען און די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען פון אַלע זייטן — זענען פאַקטן. די באַשלוסן, צו וועלכע איך בין געקומען שטאַמען אַרויס פון פאַקטן און זענען אַזוי פעסט, ווי די פאַקטן אַליין. אויב מען וויל זיך צו מיר נעמען און מיך באַקעמפן, דאַרף מען אַטאַקירן דידאַזיקע פאָזיטיווע זייט פון מיינע אויספאָרשונגען און נישט פאַרווענדן די טעאָריע פון פאַרגאַנגענע דורות, וואָס פאַרווערט אַ מענטשן צו קוקן איבער די גרעניצן פון זיין לאַנד. און איבעריקנס, איז דער מספר פון די פאַקטן אַזוי גרויס און וואַרפן זיך אַזוי אין די אויגן, אַז זיי לאַכן זיך אויס פון די אַלע באַקוועמע פיינטלעכע רעזאָלוציעס.

אָבער איך גיי נאָך ווייטער און זאָג גאַנץ אָפן, אַז די גאַנצע רשימה וועגן ווייסן טעראָר אין די באַלקאַנישע לענדער, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט, ווערט בשום אופן נישט „דיסקרעדיטירן" דאָסדאָזיקע לאַנד. איך האָב קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן מיין באַוואונדערונג, מיין דרך-ארץ, מיין פריינטשאַפט פאַרן רומענישן פאָלק, פאַרן בולגאַרישן פאָלק און פאַר אלע אַנדערע פעלקער, דורך וועלכע איך בין פאַרבייגעפאָרן. אין די אַלע לענדער האָב איך זיך מיט ליב און זעל געברודערט מיט די אַרבעטער און פויערים מאַסן, מיט אַ געוויסע צאָל שילער און סטודענטן, מיט אַ געוויסן טייל מענטשן פון גוטן גלויבן און הויכן געוויסן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אין מיר די בעסטע דערינערונגען. בעת איך האָב פאַרלאָזט רומעניע, האָט מען אין דער צייטונג „פאַקלאַ" אָפגעדרוקט אַן אַרטיקל „מיין אַכטונג פאַר רומעניע", אין וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט האָבן קיין וואָרט צו ענדערן. איך חזר דאָ איבער, אַז דידאָזיקע שיינע און איידעלע

פעלקער האָבן קיין שום שייכות נישט מיט באַשולדיקונגען, וואָס מען וואַרפט פאָר דעם רעזשים און די רעגירונגען, אונטער וועלכע זיי זענען משעובד. די רומענישע רעגירונג, — פונקט ווי די רעגירונגען אין אַנדערע לענדער, רעפּרעזענטירט איר פאָלק בלויז אין די דיפּלאָמאַטישע פאָרמולירן. קיינער וועט נישט האָבן די העזה צו זאָגן, אַז דער ה׳ בראַטיאַנו און דער ה׳ צאַנקאָוו — אויב זיי וועלן נאָך זיין די אָפיציעלע דעספּאָטן, בעת די שורות וועלן דערשיינען — סימבאָליזירן באמת רומעניע און בולגאַריע. העסלעך זענען די אַלע פּרעטענזיעס פון דידאָזיקע מענטשן און פון זייערע משרתים, וועלכע זענען צוגעקומען צו דער מאַכט אַדאַנק פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פון פּאַרטייען אינם פּאַרלאַמענט, ווען זיי זאָגן: „דאָס פאָלק בין איך. אויב מען קריטיקירט מיינע מעשים, אָדער די עובדה׳ס פון מיינע העלפער, וועלכע איך האַלט פאַר פּאַסיקע, באַגייט מען אַ חלול-הקודש קעגן מיין לאַנד״.

זאָלן זיי זיך באַרויקן. אַ פאָלק סאָלידאַריזירט זיך נישט מיט די מעשים און זשעסטן פון מיניסטאָרן-פּאַראַזיטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער הויפּטשטאָט. דערדאָזיקער אמת איז באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר די באַלקאַנישע רעגירונגען, וועלכע זענען רעגירונגען פון שווינדל, פאַרשווערונג און טעראָר. אָבער דאָס איז אויך אמת בנוגע אַלע רעגירונגען, וועלכע קענען נישט זיין די אמתע שלוחים און געבן דעם געטרייען אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן ווילן. דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן בנוגע דער פראַנצויזישער רעגירונג, ווו קיינער האָט נישט דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן די פעלערן און די חטאים פון פראַנקרייך.

„די באַלקאַנישע אַגענץ״, אַ קליינער דרייסטער אָרגאַן, וועלכער באַמיט זיך אַרויסצוגראָבן דעם אמת פון דעם שקרדיקן באַריכטן-מיש-מאַש פון דער אָפיציעלער פּרעסע, שרייבט גאַנץ פאַרנונפטיק בנוגע די אונגאַרישע סקאַנדאַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין פעברואַר 1926:

„דער כבוד פון אונגאַרן (וועגן וועלכן מען שרייט אפילו אין דער אָפּאָזיציע, אַז דעמדאָזיקן קריזיס דאַרפן אַנטשיידן בלויז די אונגאַרן אַליין), איז מיט קיין שום זאַך נישט פאַרשמוצט געוואָרן, ווייל אַ באַנדע גזלנים האַלטן מיט געוואַלד די מאַכט. דאָס אונגאַרישע פאָלק איז בשום אופן נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון ווינדישגרעץ, נאַדאָסי און זייערע מיטהעלפער. די אָפּאָזיציע דאַרף עס פאַרשטיין, אָפנהאַרציק שטיצן די מיינונג פון די אויסלענדער, פאָדערנדיק מען זאָל אַלץ אויפדעקן, מען זאָל באַשטראָפן די שולדיקע, און מען זאָל צוריקשטעלן די עלעמענטאַרע פרייהייט אין אונגאַרן".

ס'איז ווייניק צו פּראָקלאַמירן, אַז דער אָדער יענער בירגער איז נישט קיין מיטהעלפער פון זיין רעגירונג. מען דאַרף אויף אַ נאָרמאַלן אופן פאַרברייטערן די ציווילע רעכט פון פרייען אורטייל. מען דאַרף אַזוי זאָגן: אַלע פאַרפאָלגטע פון דער וועלט סאָלידאַריזירן זיך איינער מיטן צווייטן. זייער לאַגע קען אויף לאַנג אויסגעבעסערט ווערן בלויז דורך אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע פון דערדאָזיקער סאָלידאַריטעט, דורך איינשטימיקייט און פאַרייניקונג. פאָלגן די גוטע אָפיציעלע אַפּאָסטאָלן, וואָס פּריידיקן: „זאָלן אייערע תביעות נישט אַריבערשפּרייזן די יוענט פון אייער לאַנד", — דאָס הייסט פאַר אַ מענטשן, פאַרראַטן זיינע דערהויבענע מענטשלעכע פליכטן.

אין בוקאַרעשט זענען מיר געקומען אין קאָנטאַקט צוערשט מיט דער פראַנצויזישער לעגאַציע און אַזוי ווי דער שעף איז געווען אָפּוועזנד, זענען מיר אויפגענומען געוואָרן דורכן שאַרזשע ד'אַפער, ה' זשאַפּי. מיר האָבן זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן רומענישן אויסערן-מיניסטער, ה' דוקאַ, מיטן שטאַטסעקרעטאַר פון אינערן-מיניסטעריום, ה' טאַטאַרעסקו, אין דער ווירקלעכקייט אינערן-מיניסטער. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל

געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן גענעראַל רודעאַנו, דעם קאָ-
מאַנדיר פון דריטן קאָרפוס פון דער בעסאַראַבישער אַרמיי.
איך האָב שוין איינמאָל ביי אַ געלעגנהייט דערציילט מיט וואָ-
סער העפלעכקייט ס׳האָבן אונדז אויפגענומען דידאָזיקע הויכע
אָפיציעלע פערזענלעכקייטן. דידאָזיקע הערן האָבן אונדז צוגע-
זאָגט צו מאַכן אַלע הנחות אין באַצוג צו אונדזער אַנקעטע,
האָבן אונדז פאַרשפּראָכן צו געבן פאַרשידענע אַקטן, אָפיציעלע דאָ-
קומענטן, וועלכע האָבן געקענט באַלייכטן אונדזער ווענ. קורץ
דערויף איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אינם פּרצוף פון דער
מאַכט. דידאָזיקע ענדערונג איז אַנטשטאַנען נאָך אַ באַגייסטער-
טער פאָלקס-מאַניפעסטאַציע לכבוד מיך, אין אַ זונטיקדיקן טאָג,
אויף די גאַסן פון בוקאַרעשט. דידאָזיקע געשעעניש האָט גע-
שטאַרקט און צוגעגעבן מוט דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט, ווי
איך האָב פריער געזאָגט, זיך געמאַכט טויב אין די קסענאָפאָ-
בישע קרייזן. מיר האָבן געהאַט אַ גרונט משער צו זיין,
אַז די רעגירונג אַליין האָט זיך מיט חסד באַצויגן צו דערדאָ-
זיקער אָפּאָזיציע. דערויף האָט עדות געזאָגט: די ווענדונג אין
דעם „ענין באַרביס” נאָך די פּאַרלאַמענטאַרישע סקאַנדאַלן, דער
פאַקט, וואָס די סיגוראַנצאַ (פאַרזיכערונגס-קאָמיטעט) האָט גע-
ווּסט וועגן די קליינע מאַניפעסטאַציעס פון די אַנטיסע-
מיטישע סטודענטן, און האָט כסדר פאַרשפּרייט פאַלשע
ידיעות, אַז גאַנץ רומעניע איז אויפגערעגט קעגן אונדזער
„אַריינמישונג” — דאָס, וואָס איז אין היפּוך מיט דער ווירק-
לעכקייט. בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס מען האָט אונדז גע-
שיקט, אָדער וואָס מיר האָבן געשיקט, זענען איבערגעכאַפּט
געוואָרן אויפן ווענ. מיר האָבן זיך צוגעקוקט, וויאַזוי מען האָט
זיך באַמיט צו שאַפן אַ פיינטלעכע שטימונג קעגן אונדז: ווי-
אַזוי די פּרעסע מיט פאַרשידענע פאַלשע ידיעות איז ספּעציעל
אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בולגאַריע, וווהין מיר האָבן געדאַרפט
פאָרן, פאַרלאָזנדיק רומעניע.

איך מוז דאָ פּראָטעסטירן קעגן דער פאַרשפּרייטונג

פון פאַלשע אויסדרוקן, וועלכע איך האָב כּלומרשט אַרויס־געזאָגט אין קאָנסטאַנצע און זענען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין פּריאָדישן „ביולעטין פון דער רומענישער פרעסע". איך האָב כּלומרשט געזאָגט: „די רומענער זענען מענטשן פון שוואַכער ציוויליזאַציע, וואָס האָבן נישט קיין שום אידעאַלן א. אז. וו"... איך האָב זיך קיינמאָל נישט דערלויבט אַזעלכע נאַרישע אויסדרוקן בנוגע אַ גרויס פאָלק. דידאָזיקע ווערטער זענען בלי ספק איבערגעגעבן געוואָרן דער סיגוראַנצאַ דורך עפּעס אַ בהמישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט באַוווּסטזיניק איבער־געדרייט אין זיין פּראָפעסיאָנעלן מוח עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין בעסאַראַביע. מיר האָבן בייגעוווינט אויף די זיצונגען פון מיליטער־געריכט, ווו מען האָט געמשפט די מורדים פון טאַטאַר־בונאַר. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַדוואָקאַטן פון דער פאַרטיידיקונג, מיט עדות, מיט ריכטער.

נאָכמער, מיר האָבן געהאַט באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט אַ גרויסער צאָל פּערזענלעכקייטן פון פּאָליטישע קרייזן און פון דער פּרעסע: מיט ה' קאָנסטאַנטין מיל, שעף־רעדאַק־טאָר פון דער „לופּטאַ", מיט דער רעדאַקציע און מיט דער דירעקציע פון דער „פּאַקלאַ", „אַדעווערול", „דימינעאַטצאַ", „אוראָראַ" א. אַז. וו..., מיט די פאָרשטייער פון דער טעטיק־סטער געזעלשאַפט פון די אַלטע רומענישע קריגער, מיטן ה' קאָסטאַ פּאָרו, דעם סעקרעטאַר פון דער רומענישער ליגע פון מענטשן־רעכט.

מיר זענען אַריינגעקומען אין קרייזן פון אינטעלעקטועלע: פון ליטעראַטן, געריכטס־לייט, אוניווערזיטעט־לייט. מיר האָבן באַגעגנט אַ סך אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, מיט אָפענע מוחות און מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דערדאָזיקער אויסוואָל פון דער געזעלשאַפט איז דורכגעדרונגען מיט אידעאָלאָגישער און

קינסטלערישער קולטור. די השפעה פון פראַנצויזישן געזאַנג איז אומגעהויער גרויס אין רומעניע. באמת, דער פראַנצויזישער אינטעלעקטועלער האָט גאָר קיין באַגריף נישט, וויאַזוי ער האָט דאָרט געענדערט די סביבה, נישט געקוקט אויף די טויזנטער קילאָמעטער, וואָס דער אָריענט-עקספּרעס דאַרף דורכמאַכן. בו־קאַרעשט און קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען די איינציקע שטעט אין אייראָפּע, וווּ מען רעדט ס׳רוב פראַנצויזיש.

מיר האָבן אויך באַגעגנט פאַרשטייער פון פאַרשידענע מיינונגען און פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. איך ברענג דאָ די נעמען פון ד״ר לופּי, פון ה׳ סטער, פון ווירזשיל מאַ־דזשעאַרו, די דריי זיילן פון דער אָנגעזעענסטער אַגראַרישער פּאַרטיי.

מיר זענען צוגעקומען צו אַרבעטער-קלאַסן. הגם מען האָט מיך געבעטן, דאָך האָב איך נישט געוואָלט אויפרופן קיין שום פאַרזאַמלונגען. פונדעסטוועגן האָט מען געזאָגט, אַז איך האָב געהאַלטן רעפעראַטן. זיי האָבן אַ גרויסן טעות. ס׳האַנדלט זיך דערין, אַז איך מיט מיינע חברים, — פון וועלכע איינער איז אָן שום פּאָליטישער איבערצייגונג,—האָבן מיר באַזוכט דעם לאָקאַל פון די פאַרייניקטע אַרבעטער-סינדיקאַטן. פונקט אַזוי האָבן מיר געהאַנדלט מיט די פּראָפעסיאָנעלע אָנגעשטעלטע, מיט די פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבעטער און סטודענטן אין בעלגראַד.

דידאָזיקע רשימה איז נישט קיין פולשטענדיקע. אין דעם איבערזיכט פון מיין רייזע, באַמי איך זיך צו געבן די הויפּט־שטריכן פון אַ וויכטיקער, מעטאָדישער אויספאָרשונגס-אַרבעט און קלאַסיפיצירן חמרים מיינע איינדרוקן... אויפן אָרט זעט מען בעסער די זאַכן, די שפורן, מען דרינגט גוט אַריין אין אַלע סודות. די סימנים, די השערות, די פאַקטן פאַרייניקן זיך צוזאַמען און פאָרמירן אַ בולט בילד.

איך קאָנסטאַטיר, אַז צום באַשלוס צו וועלכן מיר זענען אַלע דריי איינשטימיק געקומען, — נישט געקוקט אויף אונ־דזערע פּערזענלעכע חלוקי-דעות אין שטרעבונגען און מיינונ־גען — וואָלט יעדער אָרנטלעכער עדות מיט א ריינעם געוויסן געקומען.

איך מיין, אַז ס׳איז נישט נייטיק אַלס גביעת־עדות דאָ צו דערמאָנען אַלע פּערזאָנען, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט און אַלע סביבות, וועלכע מיר האָבן באַזוכט אין די איבעריקע באַלקאַנישע לענדער: בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, טערקיי, אונגאַרן און עסטרייך. דאָס קליין ביסל צייט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָבן מיר באַנוצט אויף אַ סך נוצלעכע באַגעגענישן צווישן אָפּיציעלע קרייזן, צווישן אינטעלעקטועלע און אומאָפּהענגיקע קרייזן און צווישן אַרבעטער־קרייזן.

אין סאָפיאַ האָבן מיר אויפגענומען דערקלערונגען דירעקט פונעם פּאָרשטייער פון פראַנקרייך, פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון אויסערן מיניסטעריום, פון די פּאַרטיי־שעפן פון מאַצעדאָנער קאָמיטעט צו שטיצן די פּליטים און פון די פּאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַצעדאָנער אָרגאַניזאַציע. אַ חוץ אַדוואָקאַטן, ריכטער, ראַטמענער האָבן אין יעדעס לאַנד אויסגעפרעגט די קרבנות, אָדער די קרובים פון די קרבנות, די פּליטים, די פאַרשיקטע, מענטשן, וואָס האָבן מיר זיך פאַרבאַהאַלטן, מען זאָל זיי נישט אַרעסטירן אָדער הרגענען (ספּעציעל אין טערקיי און אין יוגאָסלאַוויע). מיר זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַלע הויפּט־צייטונגען, פון וועלכע די רעדאַקטאָרן זענען פרייוויליק געקומען זיך זען מיט אונדז. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין בעלגראַד און אין בודאַפּעשט. דעם לעצטן טאָג פון מיין נסיעה, אין ווין, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל קענען זיך שיידן מיטן מנהג, וואָס איז ביז איצט פּינקטלעך אָפּגעהיט געוואָרן: ריידן עפנטלעך. איך האָב פּשוט נישט געוואָלט געבן קיין גרונט דער קריטיק, זי זאָל פאַרפירן אַ פּאָלעמיק וועגן פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע — זאָל עס זיין אפילו אויף אַן אומדירעקטן אופן. אָבער אויף אַ רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ פּובליקום פון די אָנגעזעענסטע אינטעלעקטועלער און אויף אַ פאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט אין פּאָלקס־זאַל דורכן קאָמיטעט „הילף פאַרן רויטן אינטערנאַציאָנאַל”, האָב איך גערעדט וועגן מענטשלעכער סאָלידאַריטעט און באַגריסט די

פראָלעטאַריער פון איין לאַנד אין נאָמען פון די פראָלעטאַריער פון אַן אַנדער לאַנד.

אויף דער שוועל פון דערדאָזיקער דערקלערונג האַלטן מיר, פאָל לאַמי, לעאָן ווערנאָשע און איך, פאַר אונדזער חוב צו באַגריסן די, וועלכע האָבן עס פאַרדינט, די, וועלכע האָבן נאָך פאַר אונדז און מיטן זעלבן פּאָראורטייל וואָס מיר, זיך אַוועקגעלאָזט אין די באַלקאַנישע לענדער און מיט זייער איינפלוס, טאַלאַנט און אָרנטלעכער דרייסטקייט אויפגעעפנט די אויגן די מערב-מאַסן, שילדערנדיק זיי אַ גאַנצע וועלט מיט געטעעניש. דאָס זענען געווען: אַנרי טאַרעס, מאַרסעל ווילאַר, אַלבערט פורניע, דאַניעל רענול און פליזניער.

II

מען דאַרף שרייען „געוואַלד, מערדער!"

מיטן פולן באַוווסטזיין פון דער סיבה, פאַרעפנטלעכן מיר, אַלע דריי, דעם באַשלוס פון אונדזער אָרנטלעכער פאַרטיפּטער אויספאָרשונג. אַלץ, וואָס ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן טעראָר אין די באַלקאַנישע לענדער, איז נישט איבערטריבן. די וואָס פרעגן: „איז עס אמת?" דאַרף מען ענטפערן: „דער אמת איז נאָך ערגער".

ס'איז דאָ אַ מין פרומע שטרעבונג אין דער מיינונג פון די מיטעלע קלאַסן — אָפּצושוואַכן, אַ פריאָרי, די צופיל טראַגישע אינהאַלטן פון דער מאָדערנערווירקלעכקייט. „נאַט אייך, מען וויל אונדז גאָר איינרעדן, אַז אין אונדזער צייט..." שושקען אַ טייל מענטשן, שקלאַפן פון דער געזעלשאַפטלעכער פוילקייט און מיטלמעסיקייט. אָנשטאָט צו גריבלען זיך אין די רעפלעקסיעס, וואָס רופן אַרויס אַזאַ מין קורצזיכטיקייט אין די מענטשלעכע גייסטער, לאָמיר בעסער ברענגען קאָנטראָלירטע פאַקטן, בולטע ציפערס, און לאָמיר זאָגן, לאָמיר שרייען: דאָרט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ שוידערלעכע מאַכינאַציע און, באַפוצנדיק זי מיט דעמאַגאָגישע סאָפיזמען, איז עס אַן אומגעהויערע מאָרד-אָרגאַניזאַציע.

איך וואָלט געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט אויסצורעכענען די פאַקטן אין אַ קאָמפּלעטן צעטל, אַרויסרופן פאַראַמאָל

טויזנטער באַווייזן. אָבער, כּדי מיין דערקלערונג נישט צופיל מאריך זיין און כּדי זי זאָל נישט ווערן עקלדיק פון צופיל שוידער, וויל איך דעריבער באַלייכטן די ווירקלעכקייט מיט עטלעכע קורצע איבערזיכטן פון אַלגעמיינער אָרדענונג, אָנשטאָט שיטן מיט לאַנגע רשימות פון דער בלוטיקער ענציקלאָפּעדיע. ס'וואַלגערן זיך אַרום מיר פון דערדאָזיקער ענציקלאָפּעדיע גאַנצע חמרים דאָקומענטן, וואָס שטימען לײדער מיט דער ווירקלעכקייט.

די אײדעלע אָרעמע פעלקער

אַלע באַלקאַנישע פעלקער, נישט געקוקט אויף די לעגענדאַריש-נאַרישע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן זיי, זענען אַלע אַרבעטזאַם, רויק און דרייסט. אויפן גאַנצן רייזע-שטח, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די נייע מלוכות, וועלכע פאַרטרעטן איצט דעם פּלאַץ פון אַמאָליקע טערקישע פּראָווינצן, האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטער-מאַסן און מיט פּויערים בלויז סימפּאַטישע, אָרנטלעכע, פול מיט די בעסטע מעלות. ס'איז נישטאָ אין דער וועלט קיין מענטש, וואָס זאָל זיין אָרנטלעכער פון אַ בעסאַראַבער, פון אַ בולגאַר, אָדער פון אַ טערק. און איך חזר גערן איבער נאָכאַמאָל, אַז צווישן די אינטעלעקטועלע קרייזן פון בוקאַרעשט, סאָפיא, בעלגראַד זאַגרעב און פון בודאַפּעשט זענען דאָ אַזויפיל גרויסע גייסטער, וועלכע קענען זיך אויסגלייכן און אָפּטמאָל אַריבערשטייגן אין קולטור די אינטעלעקטועלע קרייזן פון מערב.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין דידאָזיקע אַלע לענדער איז אַ דורכשניטלעכע און נישט קיין רעגלמעסיקע. עלנד און פאַרוויסט זענען דאָרט די פעלדער. אין רומעניע, אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעך לאַנד, האָבן די פאַרזייטע שטחים אין 1924–25 אויסגעמאַכט 8 מיליאָן העקטאַר, דאָס הייסט מיט 2 מיליאָן העקטאַר ווייניקער פון פאָריקן יאָר, און בלויז 50 פּראָצענט פון פאַר די מלחמה-יאָרן. ס'פעלט געלט פאַר לאַנדווירטשאַפט. די נאַציאָנאַלע באַנק און די אַנדערע בענק האָבן אַוועקגענומען

דעם קרעדיט ביי די פּויערים, וואָס האָט גורם געווען, אַז צינזנפוס איז געשטיגן פון 30 ביז 40 פּראָצענט. און די פאָלקס־בילדונג? אין רומעניע איז אַ שפע פון אַנאַלפאַבעטן. דער פּראָצענט פון אַבסאָלוטער אומוויסנקייט דערגרייכט ביז 70. אין פאַרשידענע געגנטן איז די פּראָפּאָרציע 90 פּראָצענט, ביי פּרויען 98 פּראָצ. אַ רומענישער דאָרפס־לערער דאַרף אויסקומען פון זיין פּענסיע, וואָס באַטרעפט דורכשניטלעך 190 פראַנק אַ חודש. אויסגעדינטע לערער אין דער אַלטער רומעניע באַקומען יעדן חודש אַ דאָלאַר, אין בעסאַראַביע אַ האַלבן דאָלאַר.

עטלעכע סיבות האָבן גורם געווען דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין רומעניע. קודם־כּל די ספּעקולאַציע־פּאָליטיק מיט די רייכטימער פון לאַנד: דאָס געזעץ פון ערד־נאַציאָנאַליזאַציע, דאָס געזעץ איבער די אונטערנעמונגען פון די אַלטע פיינטלעכע בירגער, איבער די שאַכטן, איבער דער קאָמערציאַליזירונג פון די מלוכה־אונטערנעמונגען, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די גראָבע פאַרדינסטן זענען אַריין אין די הענט פון דער „אָלי־גאַרכיע". און איצט, די אָפּמאַכן מיט דער נאַציאָנאַלער באַנק, די העכערונג פון שטייערן, דאָס שטייערן־אָפּשאַפונג פון קאַפּיטאַל און פון מלחמה־אונטערנעמונגען, דאָס אָפּשאַפן דעם געזעץ קעגן שפּעקולאַציע, פרייע טראַנזאַקציעס מיט דירות! חוצדעם גייט נאָך צו: דער פּאָליטישער רעזשים פון „דענאַציאָנאַליזאַציע", די ווילדע אונטערדריקונג פון אַרבעטער קלאַס און פון מיטעלע קלאַסן, וועגן וועלכע איך וועל נאָך שפּעטער רעדן. מיט איין וואָרט: דידאָזיקע אַלע מיטלען האָבן פאַרוואַנדלט די אַלטע פעאָדאַלע אָרדענונג פון די באָיאַרן אין אַ פעאָדאַלער אָרדענונג פון קאַפּיטאַליסטן.

אין בולגאַריע, וועלכע איז אויך אַ לאַנדווירטשאַפטלעך לאַנד (דאָס פּויערטום שטעלט מיט זיך פאָר פיר פינפטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), באַנוצט מען פּרימיטיווע ווירט־שאַפטלעכע מאַשינען: איין אַקעראייזן אויף 49 העקטאַר. די טאַבאַק־פעלדער פאַרנעמען דאָרט אַ דריטל פון די קולטיווירטע פעלדער. דידאָזיקע פּראָדוקציע צאָלט זיך נישט אָפּ בעסער

פאַרן קולטיווירער, ווי אַנדערע מינים פּראָדוקציעס. זי האָט אָבער אָנגענומען אַזעלכע גרויסע פּראָפּאָרציעס בײַ די פּויערים, ווײַל דערין איז געווען פאַראינטערעסירט אַ מעכטיקער קאָנ־סאָרציום און צוליב דעם, וואָס די מין פּראָדוקציע פאָדערט ווייניקער מכשירים און הוצאות פון אַלע אַנדערע פּראָדוקציעס. די טאַבאַק־פּראָדוצירער האָבן געמאַכט אַ לעבן אין די פאַר־גאַנגענע צײַטן פונם מיניסטער סטאַמבאָליסקי, ווײַל דערדאָזיקער מיניסטער האָט זיך תמיד באַמיט צו דערווײַטערן פון דער טאַבאַק־פּראָדוקציע די שפּעקולאַנטן, די פאַרמיטלער און פאַר־פעסטיקט די קאָאָפּעראַציע. אָבער אַט, אַ דאַנק דער הילף פון די גרויסע טאַבאַק־קאָמפּאַניעס, האָט די מיליטערישע ליגע בכוח צוגענומען די מאַכט בײַ די אַגראַריער. דעמאָלט האָבן דידאָזיקע אַלע קאָמפּאַניעס, אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַקומען אַלע רעכט פון עקספּלואַטירונג און, פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן שטאַרק דערין מיסברויכט. מיר ברענגען דאָ עטלעכע סטאַטיסטישע ציפערן פון איין געגנט בלויז: אין גאָרנאַ־דזשומאַיאַ, פּעטריטשער דעפּאַרטאַמענט, האָבן די טאַבאַק־פּראָדוצירער באַ־קומען אין 1923 יאָר פון 110 ביז 130 לעוואַס פאַר אַ קילאָ טאַבאַק, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ אָרטיקן קאָאָפּעראַטיוו. די סוחרים האָבן אין יענער צײַט געצאָלט פאַר אַ קילאָ טאַבאַק פון 45 ביז 70 לעוואַס. איצט צאָלט דער טאַבאַק־סוחר, דער איינציקער באַלעבאָס, 25 לעוואַס אַ קילאָ. און די שכירות פונם טאַבאַק־אַרבעטער איז פאַרקלע־נערט געוואָרן פון 15 ביז 30 פּראָצ.

פון דער מלחמה אָן לעבט איבער די אינדוסטריע אַ געוואַלדיקן קריזיס אין בולגאַריע. זײַט בײַ זײַט מיט די אומ־געהויערע רווחים פון די גרויסע טאַבאַק־אונטערנעמער (צוויי מיליאַרד מלוכה־געלט איז אין 1923 צוגישט געגאַנגען צוליבן קליינעם אַקציז פון 10 מיליאָן, וואָס מען האָט בלויז גענומען), און מיט דער אַנטוויקלונג פון שפּעקולאַציע און וווכעריי, זענען אַלע מיטעלע אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע און קאָ־מערציע אויף גרויסע צרות. דער טראַנספּאָרט אויף די אײַזנבאַנען

איז רעדוצירט אויף אַ העלפט. די קוילן-פּראָדוקציע האָט באַקומען דעמזעלבן קלאַפּ. דאָס אַלץ דערפירט צו באַנקראָטן, שאַפט אָן אומזיכערע לאַגע און טרייבט אָן אַ שרעק פאַרן מאָרגן. די שפּייז-געשעפטן פאַרקויפן גאָרנישט צוליב דעם, וואָס דער עולם דערעסט נישט. די פּריוואַטע חובות ביי פּראָצענטניקעס באַטרעפן אין בולגאַריע בערך 15 מיליאַרד לעוואַס, מיט אַ יערלעכן פּראָצענט פון 7 מיליאַרד. 28.169 בולגאַרישע מלחמה-אינוואַלידן באַקומען פּענסיע, דורכשניטלעך 80 סענט אַ חודש. די, וואָס מען רופט אָן „שלום־אינוואַלידן", דאָס הייסט זעלנער און אָפיצירן פון דער רעגירונגס־רעפּרעסיע, וועלכע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן אינם בירגערקריג, באַקומען אַ פּענסיע פיר מאָל אַזויפיל, ווי די מלחמה־אינוואַלידן. יעדן חודש שטייגט דער אימפּאָרט איבער דעם עקספּאָרט. דער בודזשעט איז אין שטענדיקן דעפיציט, און אַ העלפט פון די הכנסות גייט אויף צו דעקן דעם פּראָצענט פון חובות, אויף קריגס-מיניסטעריום און אויף פּאָליציי. אין דעמדאָזיקן קליינעם לאַנד געפינען זיך 100.000 אַרבעטסלאָזע; 500.000 פון די אַרבעטער קלאַסן זענען אָן הילפסמיטלען. בערך 7—8 טויזנט באַאַמטע זענען אָן אַרבעט און קיינעם גייט עס נישט אָן.

אָט דאָ זענען עטלעכע גענויע ציפערן פון 1926 יאָר, בלויז פון די אַרבעטסלאָזע טאַבאַק־אַרבעטער אין בולגאַריע. אין קוסטענדיל זענען געווען 1200 אַרבעטסלאָזע ביי אַן אַלגעמיינער צאָל פון 1.500 אַרבעטער; אין דופּניצא 2.800, ביי א צאָל פון 3.000; אין פּיליפּאָפּאָל 7.000 ביי דער צאָל פון 8.000 א. אז. וו... און די שכירות געמינערט אויף 50 פּראָצענט.

ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג, האָט מען דערלויבט אַרויסצופירן קיין ענגלאַנד חזרים און ירקות, אין אַ צייט ווען די בולגאַרישע באַפעלקערונג ליידט דחקות און נויט. דאָס איז אַ ספּעקולאַטיווע אָפּעראַציע פון די באַנקירן מיט לאַפּטשאַוון

בראש. פונקט אַזעלכע מיטלען האָט אָנגענומען די רומע־נישע רעגירונג צו שטיצן דעם קאַפּיטאַל, קעגן די לעבנס־אינטערעסן פון די דאָרפסלייט. ס'זענען דאָ אַזעלכע געגנטן, ווו דער פויער עסט איינמאָל אין צוויי טעג, אָדער איינמאָל אין דריי טעג.

אדעווערול, מאי 1926.

אין יוגאָסלאַוויע, ווו אַ סך פאַבריקן זענען געשלאָסן און ווו די צאָל אַרבעטסלאָזע דערגרייכט 200.000, האָט זיך אָנגע־הייבן אַ שרעקלעכער לאַנדווירטשאַפטלעכער קריזיס. דער פּרייז פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן איז געפאַלן פון יענעם יאָר ביז היינטיקן אין פאָלגנדיקע פּראָפּאָרציעס: קאָרן — פון 400 דינאַר אויף 260; קוקורוזע פון 200 דינאַר אויף 110. דער פּרייז פון אַ פּאָר אָקסן איז געפאַלן פון 12.000 דינאַר אויף 5.000 דינאַר. וואָס שייך באָדן, איז דער פּרייז פון אַ מאָרג גוטן באָדן, וואָס האָט אין 1924 יאָר געקאָסט 25.000 דינאַר, קאָסט ביי היינטיקן טאָג אינגאַנצן 10.000 דינאַר. חוץ דידאָזיקע עקאָנאָמישע סיבות, האָט דידאָזיקע ירידה נאָך אַן אַנדער גרונט: די ספּעקולאַציע פון די גרויסע סוחרים. כדי צו האָבן אַ באַ־גריף וועגן דער דאָרטיקער ספּעקולאַציע, איז כדאי צו באַמערקן, אַז נישט געקוקט, וואָס דער פּרייז פון תבואה איז שטאַרק געפאַלן, קאָסט ברויט אין בעלגראַד 4 און אַ האַלבן דינאַר (מער פון 2 פראַנק.)

אינם לעצטן בודזשעט פון יוגאָסלאַוויע האָט מען אָפּגע־שאַפט צוליב עקאָנאָמיע דאָס מיניסטעריום פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע. דערפאַר אָבער האָט מען פאַרגרעסערט דעם קריגס־בודזשעט אויף 227 מיליאָן דינאַר, כדי איינצוקויפן קרייצערס און אַעראָפּלאַנען. מען האָט אויך אַסיגנירט אַ גרויסע סומע פאַר וואַנגלען מיט זיינע געדונגענע.

אין בוקאַרעשט און אין בעלגראַד האָט מען דעם גאַנצן אינדוסטריעלן שוווּנג הויפּטזעכלעך צו פאַרדאַנקען די אויסלענ־דער, און מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע שפּע

איז אַ קינסטלעכע. אין די „זיגרייכע" שטעט, איז אָן אומגעהויערער קאָנטראַסט צווישן די מאָדערנע פּאַלאַצן פון די אויפגעקומענע גבירים און די אַלטע מאַלערישע, טריבע, עלנטע קוואַרטאַלן און געגנטן פון אַרבעטער און פויערים.

אין אונגאַרן איז די אַלגעמיינע סיטואַציע דיזעלבע. אין דעמדאָזיקן לאַנד, ווו אויף צען איינוווינער זענען דאָ זיבן פויערים, ווערט די עקאָנאָמישע לאַגע ערגער פון טאָג צו טאָג. די שכירות פונם ערד-אַרבעטער דערגרייכט קוים אַ דריטל פון דער שכירות, וואָס ס׳באַקומט דער אינדוסטריעלער אַרבעטער. 23.000 אונגאַרישע מעטאַלורגיסטן זענען אַרבעטסלאָז. די פּאַרברויכס-אַרטיקלען, באַלייגט מיט שטייערן, האָבן זיך אויף אַ העלפט פאַרמינערט זינט דער צייט פון פאַר דער מלחמה, נישט בלויז אין לאַנד, ווו די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט אויף 8 מיליאָן איינוווינער, נאָר אפילו אין בודאַפּעשט, ווו די באַפעלקערונג האָט זיך נישט פאַרקלענערט. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע שטערבלעכקייט און אויך שווינדזוכט ביי קינדער. אונגאַרן האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד אין אייראָפּע פון שטערבלעכקייט דורך שווינדזוכט. פון איין יאָר צום צווייטן פאַרגרעסערן זיך די זעלבסטמאָרדן אין אונגאַרן אויף 50 פּראָצענט, און די מאָרדן אין בודאַפּעשט אויף 60 פּראָצענט.

אין בודאַפּעשט זענען 70.000 פאַרשוין אָן אַ דאַך. 8.992 פאַרשוין וווינען אין קעלערס. איך האָב באַזוכט אונטערערדישע לאָקאַלן, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. אויף יעדן בעט ציען זיך אויס אָדער, בעסער געזאָגט, קורטשען זיך איין אין דער ברייט פון דריי ביז פיר מענטשן.

און דער לעצטער אונגאַרישער בודזשעט, פאַרגרעסערנדיק די הוצאות פאַר דער פּאָליציי, פאַר דער זשאַנדאַמעריע, פאַר דער אָפיציעלער אָרגאַניזאַציע פון שטרייק-

ברעכער, אַסיגנירנדיק גרויסע געהיימע סומען פאַר יעדן מיניסטער, האָט גלייכצייטיק פאַרקלענערט די דירעקטע שטייערן, וואָס רירן אָן די קאַפיטאַליסטן, האָט פאַרקלענערט דעם קרעדיט פאַר פאָלקס-בילדונג, האָט פאַרגרעסערט די הוצאות אויף וואַסער-פאַרטיידיקונג, אויף אויפהאַלטן דעם קייזערלעכן הויף, אויף סעמינאַריעס.

דער מיליטערישער בודזשעט אין אונגאַרן האָט פאַר דער מלחמה באַטראָפן 101 מיליאָן גאָלד־קראָנען. ביי היינטיקן טאָג, נישט געקוקט אויף די באַשרענקונגען פון טריאַנאָנער אָפמאַך, באַטרעפט דער בודזשעט 92 מיליאָן גאָלד־קראָנען, פאַר אַזאַ קליין אונגאַרן פון נאָך דער מלחמה.

אין דער רייכער פאָרשטאָט פון בוקאַרעשט, אויף אַ גרויסער אַלעע, ווו ס׳שטייען אין שאָטן שיינע נייע פאַלאַצן, געפינט זיך דער דענקמאָל פון נצחון. ער ציט צו דאָס אויג פונדערווייטנס מיט זיין גאַוּוהדיקן אויסזען. פון דער נאָענט זעט מען, אַז ער איז פון גיפס, אָפגעקראָכן און געשפּאָלטן, ווי אַ אויסשטעלונג-דעקאָראַציע. דער דאָזיקער דענקמאָל, וועלכער איז פונקט ווי אויסגעקנאָטן פון טייג, דידאָזיקע האַלבע חורבה, כמעט נאָך ניי, ווו מען זעט הענגען אַ שטריק, סימבאָליזירט געטרוי די אויבערפלעכלעכקייט און אומזיכערקייט אין דער איצטיקער אַנטוויקלונג פון די געשעפטן אין אַ גרויס לאַנד.

פאַראַזיטישע רעגירונגען

אָבער דידאָזיקע אַלע לענדער — אין דעם שטעקט זייער אַלגעמיינע טראַגעדיע — ליגן אין די הענט פון פאַראַזיטישע רעגירונגען, וועלכע קומען נישט אַרויס פון די נאַציעס און פון די פעלקער אַליין, נאָר וועלכע שטיצן זיך אויף קינסטלעכע מיטלען: אויף דער פאָליציי, אויף מיליטערישן און געריכטלעכן טעראָר, אויפן כוח פון דעמדאָזיקן אַלטן פּרינציפּ פון סאָציאַלן מעכאַניזם, לויט וועלכן מען דאַרף אָנווענדן אַלע

מיט׳ ײנצוהאַלטן די מאַכט, אויב מען האָט זי גאָר געננו־ מען אין די הענט אַרײַן. ס׳איז אָבער נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז די באַלקאַנישע רעגירונגען רעפּרעזענטירן בלויז זיך אַלײַן. זײ שטיצן זיך אויף דער ווירקלעכקייט, אויף געוויסע פּאָליטישע פּאַרטייען, אויף געוויסע נאַציאָנאַלע עלעמענטן; אָבער דידאָזי־ קע עלעמענטן גייען נישט אַרויס פונם גדר פון דער גרויסער פּריווילעגירטער בורזשואַזיע.

מען וואָלט געדאַרפט אָפּגעבן אַ גאַנץ קאַפּיטל, — דאָס וואָס איך וועל נישט טאָן, — כדי צו שילדערן אַלע מינים קאָרופּציעס, וואָס קומען פאָר ביי די פּאַראַזיטישע באַלקאַנישע רעגירונגען. איך וועל זיך באַנוגענען דער־ מיט, וואָס איך וועל אָנווייזן, אַז די פאַקטן פון קאָרופּ־ ציע האָט מען אין יוגאָסלאַוויע לעצטנס אַרויסגעטראָגן אויף דער עפנטלעכקייט און ס׳איז אַפילו געווען פאַר־ מישט אַ זון פון אַ מיניסטער און מיניסטאָרן אַליין. ה׳ ראַדיטש אַליין האָט אַ געשריי געטאָן צו פאַקראַשן: „די קאָרופּציע האָט פאַרפּלייצט אַלע צווייגן פונם מלוכהשן אַפּאַראַט און זי מוז אויסגעראָטן ווערן מיט די וואָרצלען". אַן אַמאָליקער פּאָרזיצער פונם ראַט, ה׳ דאַווידאָוויטש, האָט געמאָלדן: „אַז כל־זמן עטלעכע מיניסטאָרן וועלן נישט אַרייַנגעזעצט ווערן אין תפיסה, וועט צו דער קאָ־ רופּציע נישט נעמען קיין סוף". ה׳ ראַדיטש איז אויך באַשולדיקט געוואָרן אין קאָרופּציע מצד דעם ראַדיקאַל מאַרקאָוויטש. דידאָזיקע דיסקוסיעס צווישן די יוגאָסלאַ־ ווישע אָנפירער פלאַנצן איין אינם פובליקום די קערנער פון מלחמה, ווי למשל דער אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ, א. אז. וו.

פערדינאַנד האָענצאָלערן, דער מלך פון רומעניע איז ווייט נישט קיין סימפּאַטישע פּערזענלעכקייט, וועלכער איז אַרומגע־ פלאַנצט מיט אַ נאַציאָנאַלן אַפּאַראַט פון אויפזיכט און גוואַלד־ טאַט, אָבער דער מאָנאַרן, נישט געקוקט, וואָס ער ווערט אַזוי־

אָפּגעהיט, איז ער דאָך נישט דער באַלעבאָס. מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, ווו אַ מלך איז בלויז אַן אינסטרומענט, ווי ס׳באַשטעטיקט אַ ציניש לידעלע פון די דייטשע יונקערס: זאָל דער פּרינץ האָבן די אַבסאָלוטע מאַכט, אַבי ער זאָל טאָן, וואָס מיר ווילן!״

איבעריקנס, איז ער נישט דער עקספּלואַטירטער, ווייל ער איז אויך אַן אָנטיילנעמער. אַדאַנק די פּאָליטישע שפּילן, הערשט די ליבעראַלע פּאַרטיי אין רומעניע און פירן פאַר דער נאָז דעם גאַנצן פּאַרלאַמענט. אין דעמדאָזיקן פאַנטאַסטישן פּאַרלאַמענט קען די מאַיאָריטעט גאָרנישט אויפטאָן, אויב די רעגירונגס-דיקטאַטור איז דערויף נישט מסכים פּאָרויס. איר הערט גאַנץ אָפט אין פּאַרלאַמענט געררעכטע פּראָטעסטן, וועלכע גייען אַדורך מיט אַ וואָטום-צוטרוי פון דער אונטערדריקטער מערהייט. מען דאַרף זיין אַ ביסל באַהאַוונט אין דער אינערלעכער רומענישער פּאָליטיק, כדי זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי דריקט מיט קיין שום זאַך נישט אויס די אַספּיראַציעס און די לעבעדיקע כוחות פון זייער נאַציע. די צאַרניסטישע פּאַרטיי, אָדער די אַגראַרע, פאַרנעמען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין לאַנד.

די איבעריקע הויפּט-פּאַרטייען זענען: די פּאָפּוליסטישע פּאַרטיי פון גענעראַל אַווערעסקו און די נאַציאָנאַלע טראַנסילוואַנישע פּאַרטיי. היות די ליבעראַלע פּאַרטיי שטייט דאָרט זייער גוט, גייט דאָרט אַ שפּיל פון אונטערהאַנדלונגען, אום צו פאָרמירן אַן אָפּאָזיציע-בלאָק. אָבער ס׳זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן ס׳זאָל עפּעס קענען אַרויסקומען פון דידאָזיקע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס, פון דידאָזיקע מאָדיפיקאַציעס, סיידן אין די אויגן פון נאַיווע מענטשן, וועלכע באַנוגענען זיך מיט ענדערונגען פון נעמען. די רומענישע רעגירונגס-פּאַרטייען האָבן כמעט אַלע דיזעלבע שטרעבונגען און קיינע פון זיי שטייען נישט אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן לאַנד. די רומענישע פּאַרטייען, נישט אויסשליסנדיק די אַגראַרישע פּאַרטיי, וועלכע קען צוקומען צו דער מאַכט, בלויז דורך צולעקן זיך, זענען אַלע

מער אָדער ווייניקער שקלאַפּן פון דער „רומענישער אָליגאַר־כיע", אָדער זענען די עמודים פון אַ רעזשים — ווי ס'האָט מיר געזאָגט אָטאָ באַוער אין ווין — וואָס איז „די מער פּעאָ־דאַלע אין גאַנץ אייראָפּע". וואָסער רעגירונג ס'וואָלט נישט געוואָרן אַרויסגערוקט פון די פרילינגס-וואַלן אין 1926 יאָר, וואָלט איר פּראָגראַם קודם-כּל געווען דיזעלבע ווי ביי די ליבעראַלן: די פּראָגראַם פון פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם; איר טאַק־טיק וואָלט געווען דיזעלבע ווי פון די ליבעראַלן — צעטיילן די אָפּאָזיציע און הינטער דער סצענע אַרבעטן מיט אַ פעסטער האַנט.

דאָסזעלבע קען געזאָגט ווערן בנוגע דעם פּאָליטישן פּאַר־לאַמענטאַרן קאַמף אין בולגאַריע; דער חילוק איז בלויז דער, וואָס דער בולגאַרישער רעגירונג איז ביז איצט געלונגען אויפ־צוהאַלטן אַ קאָנטער-אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. אָבער אין בולגאַריע, אין רומעניע, אין יוגאָסלאַוויע, ווי אויך אין גריכנלאַנד, האָט די אָנפירנדיקע אויטאָקראַטיע אין איר דיספּאָזיציע אַנדערע מיטלען ווי פּאַרלאַמענטאַריזם.

דידאָזיקע מיטלען ווערן ס'רוב געלאָזן אין גאַנג, צו פאַבריצירן וואַלן. ס'איז אַן אמת, וואָס קיינער לייקנט נישט אָפּ, גלייך ווי ס'וואָלט געווען פרייע וואַלן אויף די באַלקאַנען. דאָס רופט, פאַרשטייט זיך, אַרויס גרויס אויפרעגונג, פאַר וואָס די אָפיציעלע אויטאָקראַטיע האָט פּאַרלויפיק קיין מורא נישט.

די וואַלן אויף די באַלקאַנען קומען פאָר אונטערן דיר־עקטן דרוק פון זשאַנדאַרמען און פאַשיסטן און ביי דער ברוטאַלער אַריינמישונג פון דער מאַכט.

מען האָט אונדז באַוויזן אַ ביישפּיל און אַ סכעמע פון אַזעלכע מעטאָדן, בעת די וואַלן אין סאַלאָניק. אַ ליסטע פון אַן אַרבעטער פּאַריין איז דורכגעגאַנגען מיט 3000 שטימען. פּאַנגאַלאָס, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום רעכט, האָט אַנולירט דידאָזיקע וואַלן. דידאָזיקע אַרבעטער-ליסטע איז געוואָרן איבערגעוויילט

דורך 8000 שטימען. דעמאָלט האָט דער דיקטאַטאָר באַשולדיק די אויסדערוויילטע, זיי האָבן אַרויסגעלאָזט מרידה-אויפרופן צו דער אַרמיי, און ער האָט זיי אַרעסטירט סוף יאַנואַר 1926, אין אַ צאָל פון צוויאונצוואַנציק מאַן.

פאַנגאַלאָס, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט די אינדזלען פון עגעאישן ים, הויפּטזעכלעך די אינדזל סאַנטאָרין אין אַ קאָצענטראַציאָנס-לאַגער פאַר די רעפּובליקאַנער, האָט אויף אַ זייער כאַראַקטעריסטישן אופן איינגעאָרדנט זיינע אייגענע וואַלן, וואָס גיט אַ שילדערונג פון זיין פערזאָן — פון אַ גאַנצן סיסטעם. ער האָט זיך אַליין צוגעשיקט אַ דעלעגאַציע אָפיצירן, כדי איינצורעדן זיך ביי אים, ער זאָל אָננעמען זיין קאַנדידאַטור. נאָכדעם, ווען ער האָט סקאַסירט די קאַנדידאַטור פון ה׳ ווענעזילאָס, האָט ער פאַרווערט אַלע צייטונגען צו שרייבן וועגן אים. און דערפירנדיק גריכנלאַנד אין א צושטאַנד פון באַלאַגערונג, האָט דידאָזיקע בלוטדורשטיקע ליאַלקע באַקומען 90 פראָצ. שטימען. ער האָט געקענט פאָרויס, דורך אַ דעקרעט, באַשטימען די צאָל פון זיינע שטימען.

אָט זענען נאָך עטלעכע פאַקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן בולט רומעניע:

מיר ווייסן, אַז בעת די וואַלן אין בעסאַראַביע, אין וואָלאַנטיראָווקע, האָט דער פרעפעקט, כדי אָנצושרעקן די וויילער, געמאָלדן, אַז די יעניקע וועלכע וועלן שטימען קעגן דער מלוכה, וועלן מוזן פאַרלאָזן בעסאַראַביע.

אין שאַבאַ האָבן זשאַנדאַרמען פאַרווערט די פאַרטרויאונגס-מענער פון דער אָפּאָזיציע אַריינצוקומען אינם לאָקאַל פון די וואַלן. דורך אַזאַ מין הנהגה, האָט זיך דער מאַכט איינגעגעבן נישט צו דערלאָזן דעם אָנטייל פון פויערים אין די וואַלן. פון 8000 איינוווינער אין שאַבאַ זענען בלויז 811 אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויף די וואַלן-ליסטעס; אין פּאַפּושאָי

די הענקער 3*

66 פון 6000; אין פלאַכטעאָווע 67 פון 8000; אין דעליערי 66 פון 4000, און אין אַנדערע ערטער פון 30 ביז 100 מענטשן אויף 5000—10000 איינוווינער.

אין טאַטאַר-בונאַר האָבן פון 14000 איינוווינער פיגורירט אויף דער ליסטע בלויז 1112. די מאַכט האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז נאָך אַ צו גרויסע צאָל, ווייל דעם 26 יולי איז די-דאָזיקע ליסטע פאַרשוווּנדן געוואָרן און פאַרביטן געוואָרן דורך אַן אַנדער ליסטע פון 400 וויילער. די באַאַמטע אין טאַטאַר-בונאַר האָט מען באַדראָט מיט אָפּשאַפונג, אויב ס'וועלן נישט אַדורכגיין די קאַנדידאַטן פון דער רעגירונגס-ליסטע. צוליב מער זיכערקייט האָט מען די אַלטע שטאָט-באַאַמטע אויף 24 שעה פאַרביטן מיט נייע, מער זיכערע אַגענטן. דער פרעפעקט אַליין האָט איבערגעקוקט די וואַלן-ליסטעס און אויסגעשטראָכן די נעמען פון אַ סך מענטשן.

ה' סטער, איינער פון די אָנגעזעענסטע ערדבאַזיצער אין בעסאַראַביע, אָבער פון דער אָפּאָזיציע, האָט מיר דערציילט וועגן די נגישות, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין בעת די לעצטע וואַלן. און נישט ער אַליין האָט זיך אויסגעליטן, נאָר אויך אַ סך מענטשן, וועלכע זענען געווען אויף הויכע מלוכה-פּאָסטנס, ווי האַליפּאַ. מען האָט חוצדעם פאַרווערט נישט קיין אָפיציעלע קאַנדידאַטן צו אָפּהאַלטן וואַלן-פאַרזאַמלונגען.

אין די דעקלאַראַציעס פון אַן אָנגעזעענעם רומענער, ה' זשאָרגאַ, אַ פּראָפעסאָר פון היסטאָריע און אַ דעפּוטאַט, געפינען מיר אַ רעדע קעגן דעם ציניזם פון דער רעגירונג און איר האַנדלונג בעת די לעצטע וואַלן. איך באַצי זיך מיט באַזונדער רעספּעקט צו דערדאָזיקער גביעת-עדות, ווייל ה' זשאָרגאַ ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ שלימזלדיקן פאַרטיידיקער פון „רומעניעס כבוד".

בעת די לעצטע שטאָט-וואַלן אין רומעניע (פעברואַר 1926) האָבן 250.000 איינוווינער אין בוקאַרעשט געהאַט וואַל-רעכט; פון זיי זענען 54.000 אַרויפגעטראָגן

געוואָרן אויף די וואַל-ליסטעס און אַ המלטט פון דידאָ-זיקע רעגיסטרירטע האָבן קוים באַקומען קאַרטעס. מיט אַ קייט פון פּאָליציאַנטן האָט מען אַרומגעצוימט גאַנצע קוואַרטאַלן, מיטן אויסרייד, אַז דאָ געפינען זיך פאַר-פּעסטעטע חולאים. אויף אַזאַ אופן זענען אַ סך וויילער נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו די וואַלן. אַ סך פּאָליציי-אַגענטן האָט מען געפּאַקט אויפן אָרט, ווען זיי האָבן געשטימט אויף פאַלשע קאַרטן. אין אַ סך ערטער האָט מען סקאַסירט די אָפּאָזיציע-ליסטע און אָן שום וואַלן אָנערקענט די אָפיציעלע ליסטע. די „דאָמינעאַטצאַ” האָט געמעלדעט וועגן די „שטיק”, וויאַזוי מען האָט אויף אַ שווינדלערישן אופן אַנולירט אַ סך שטימען. די פּאָליציי האָט אָפּגעטאָן שרעקלעכע מעשים אין גאַנצן לאַנד. די רעגירונג איז מודה, אַז ס׳זענען געהרגעט געוואָרן פיר מענטשן. מען ווייסט אָבער פון זעקס מתים. בלויז אין גאַלאַפּאַ זענען געווען פיר טויטע און אַ סך פאַרוווּנדע-טע, אין בורסוגיעני 15 פאַרוווּנדעטע און א. וו. „אַדעוו-רול” פון 22 פעברואַר 1926 יאָר פאַרעפנטלעכט אַ פּראָ-טעסט פון 1800 שטאָט-ראַטמענער פון 140 שטעט, וועל-כע, נישט געקוקט אויף דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, געהערן זיי גאָרנישט צו דער רעגירונגס-פּאַרטיי. די וואַלן פון 14 פעברואַר 1926 אין בולגאַריע האָבן גורם געווען די זעלבע רעזולטאַטן. ה. טאַטעאַנו, איינער פון מיינע גרעסטע רכילות-טרייבער, וועלכער האָט געפירט אַ העפּ-טיקע קאַמפּאַניע אין רומעניע און פראַנקרייך קעגן די „אינספּעקטאָרן פון דער מענטשהייט”, האָט געשריבן אין „קוואַנטול” וועגן די וואַלן: „ווען ה׳ טאַרעס האָט גע-זאָגט, אַז אין רומעניע הרגעט מען מענטשן, האָב איך אים באַקעמפט. אָבער ביי היינטיקן טאָג האָט ה׳ בראַ-טינו פעסטגעשטעלט, אַז ס׳עקזיסטירט אַ ווייסער טע-ראָר אין אונדזערע געגנטן. ווו איז די גאַראַנטיע פון אָרדענונג אין אַ לאַנד, וועלכע פאַרטיידיקט נישט דאָס

לעבן פון אירע בירגער און ווי די מאכט אַליין איז אַ באַנדע מערדער!״ (פעברואַר 1926).

אין אַלע באַלקאַנישע לענדער ווערט פאַרגוואַלדיקט די טעאָרעטישע פרייהייט פון די וואַלן, וועגן וועלכע איך וועל נאָך ריידן. דידאַקטישע פאַרגוואַלטיקונגען הערן גאָרנישט אויף. אין דער אונגאַרישער קאָנסטיטוציע, וועלכע פראַנקרייך האָט געהאָלפן איינאָרדענען, עקזיסטירט לגמרי נישט קיין אַלגעמיינע וואַל-רעכט. אַלע בירגער, וועלכע קענען נישט צושטעלן קיין באַשטעטיקונג פון עלעמענטאַרער בילדונג זענען אויסגעמעקט פון די וואַל-ליסטעס. אָבער אין אונגאַרן זענען דאָ אַ שפּאָר ביסל אומגעלערנטע. און פון דער צווייטער זייט, אַ דאַנק דער געשיקטקייט פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, געלינגט זיי אַריינצורוקן אין די ליסטעס וואָס האָבן נישט קיין וואַל-רעכט אַ סך אַזעלכע, וואָס קענען לייענען. חוצדעם שטימט דער וויילער אויף אַן אָפענעם צעטל און שרייבט אים אונטער. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די רעגירונג האָט אַזאַ גרויסע ווירקונג און פאַרוואָס די רעגירונג האָט אין פאַרלאַמענט אַ מערהייט פון 170 שטימען.

די רעגירונג פון ה׳ צאַנקאָוו און גענעראַל וואָלקאָוו, קריגס-מיניסטער (ס׳איז שווער זיי אָפּצוטיילן פון איינאַנדער) האָט נישט אין בולגאַריע קיין טיפערע וואָרצלען, ווי ה׳ בראַטאַניו אין רומעניע. דער מיניסטער סטאַמבאָליסקי, זיין פאָרגייער, האָט געהאַט אַ גרעסערן פאַרנעם. אַלעקסאַנדער סטאַמבאָליסקי, דערדאָזיקער פויער-ריז, וועמען די מיליטערישע הויטשינדער פון ה׳ סלאַוועיקאָ וואַסיליעוו האָבן צעהאַקט און צעבראָקט אויף שטיקער, איידער זיי האָבן אים געהרגעט אין 1923 יאָר, פאַרבלייבט אַ הויכע אָנגעזעענע פיגור. ער האָט געהאַט אַן אויטאָריטעט און איז געווען אַ צעשטערער. זיין רעגירונג איז געווען אַן אמתע פויערים-רעגירונג. דערדאָזיקער הערשער האָט אָפט באַנוצט דעספּאָטישע מיטלען, און מען קען זאָגן, אַז פון אים, פון זיין „אָראַנזש-גוואַרדיע״, פון זיין פּאָליציי-

פּרעפעקט פּרודקין און פון זיין גאַנצער אומפּאַראַנטוואָרטלעכער סביבה האָט זיך אָנגעהייבן די תקופה פון אכזריותדיקע רעפּרעסיעס אין בולגאַריע.

אָבער ער האָט געהאַט אַ פעסטן פאָלקס-געפיל, וואָס מען מוז אַנערקענען. סטאַמבאָליסקיס קאַבינעט האָט איינגעפירט רעפאָרמעס, פון וועלכע עטלעכע זענען זייער וויכטיק. הויפּטזעכלעך האָבן אַ גרויסן ווערט די רעפאָרמעס פון אָבליגאַטאָרישער אַרבעט, פון פאָלקס-בילדונג, די אַגראַרע רעפאָרם, די לאַנדווירטשאַפטלעכע בענק. ער האָט אויסגעאַרבעט און איינגעפירט אַ מין פּאַטריאַרכאַלן רעזשים, פול מיט דרייסטע מעשים, אָבער פאַרשמוצט מיט געוויסע קלייניקייטן. למשל, ער האָט באַזייטיקט אויף אַ מיאוסן אופן אַלע אינטעלעקטועלער. צאַנקאָוו האָט אויסגענוצט סטאַמבאָליסקיס פעלערן און די אַכזריות בנוגע די אַרבעטער-מאַסן. ער האָט נישט געקענט פאַרייניקן דעם אַרבעטער מיטן פויער. ער האָט אויפגערייצט קעגן אים די אָפיצירן, די בירגער, די רייכע און די אינטעלעקטועלער. אויף אַזאַ אופן איז צאַנקאָוון געלונגען צו מאַכן אַ פאַרשווערונג און אין אַ האַלבע שעה, פון 3 אַזייגער ביז 3.30 פאַרטאָג דעם 9-טן יוני 1923 יאָר, האָט ער אַראָפּגעשליידערט און פאַרביטן די רעגירונג.

רעכנענדיק זיך מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָט ער געמוזט אַרבעטן צוזאַמען מיטן פאַרלאַמענט. דורך פאַרשידענע מיטלען פון לאפּוווקע, איבערשרעקענישן און צוואַנג איז אים געלונגען צו פאַרייניקן אַלע פריערדיקע פאַרטייען — חוץ די פויערישע און די קאָמוניסטישע, אונטערן נאָמען דעמאָקראַטישע פאַרייניקונג (דעמאָקראַטיטשעסקי סגאָוואָר). דעמאָלט האָט ער אָנגעהייבן צו פאַרווירקלעכן זיין טייוולאָנישן פּראָיעקט: פאַרזיכערן זיך אַ מערהייט, אויסהרגענענדיק אַלע מיטגלידער אָדער סימפּאַטיקער פוןביידע אָפּגעריסענע פאַרטייען און נאָכדעם בכלל אָוועקפּטרן אַלע קעגנער. ס'איז אים געלונגען. ס'זענען דאָ פאַקטן, דאַטעס, סטאַטיסטיק.

ס'איז כדאי צו קאָנסטאַטירן די געמיינקייט פון די פאַר-

טיי־ן, וועלכע האָבן זיך פייערלעך אָנגערופן: אָפּאָזיציע-פּאַר-טייען. ס'איז אינטערעסאַנט די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטי-שער פּאַרטיי בנוגע דערדאָזיקער איבערקערעניש. די „עפּאָקאַ", דער אָרגאַן פון סאָציאַליסטישן שעף פּאַסטוכאָוו פייערט דעם 9 יוני, אַלס אַ באַפרייאונגס-טאָג פון אַן ערגערער טיראַניע ווי די טערקישע. פּופּציק טעג נאָך דער איבערקערעניש, וואָס די רעגירונגס-מענער — ווי די פאַשיסטן פון איטאַליע — רופן אָן רעוואָלוציע, האָט דער העכסטער ראַט פון דער סאָציאַ-ליסטישער פאַרייניקטער פּאַרטיי באַגריסט דעם אָפיצירן-קאָרפּוס פאַר זיין דעצידירנדער ראָל וואָס ער האָט דאָ געשפּילט. דאָס וואָלט געווען אַן אויסערגעוויינלעכע געמיינקייט, ווען נישט די באַרעכטיקונג, וואָס שוואַכט אָפּ זייער שולד. זיי האָבן אפשר געמיינט, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו אַ רעגירונג, וואָס האָט געפירט אַ פאַרביטערקן קאַמף קעגן זיי און האָבן אפשר נישט פאָרויסגעזען, אַז ה' צאַנקאָוו וועט הונדערטפאַכיק באַנייען סטאַמבאָליסקיס פאַרברעכנס. די סאָציאַליסטן האָבן זיך אפילו שפּעטער קיינמאָל נישט געשטעלט קעגן דער ווייסער טיראַניע פון וואָלקאָוו-צאַנקאָוו, און דער „נאַראָד", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן, שרייבט דעם 15 סעפּטעמבער 1923: „ס'איז באַוווסט, אַז די סאָציאַליסטן האָבן גענומען אָנטייל ביי די רעפּרעסיעס, בעת די אַגראַרישע אומרוען און בעת די סעפּטעמבער-מרידות. מיר ווילן זיך נישט פאַרבאַהאַלטן פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס דאָס האָט גורם געווען".

א סאָציאַליסט ה' קאָזאַקאָוו האָט א געוויסע צייט גענו-מען אָנטייל אין צאַנקאָווס קאַבינעט און ערשט דאָ נישט לאַנג האָט מען באַשטעטיקט אויסצושליסן אים דערפאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ס'האָבן עקזיסטירט בלי ספק אָנגעשטרענגטע באַציונגען און מען האָט אַרויסגעזען אַ געוויסע נישט-איינשטימיקייט צווישן דער רעגירונג צאַנקאָוו-וואָלקאָוו און דעם צאַר באָריס, אָבער וואַרשיינלעך האָט דער לעצטער נישט געקענט דערפירן דערצו. די מענטשלעכע געפילן, וואָס האָבן זיך אין אים אויפגעוועקט

זאָלן גובר זיין און ער זאָל מער נישט צונויפבינדן זיין נאָמען מיט אַזאַ מין רעזשים. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט נישט אונטערגעשריבן די טויט-אורטיילן, אויסגעפירטע אויפן פּאָליטישן באָדן, אָבער זיין געוויסנהאַפטיקייט האָט גאָר-נישט געהאָלפן, היות די אויבערשטע מאַכט פון זיין רעגירונג האָט זיך גאָרנישט געשעמט און דורך מאָרדן אַראָפּגערוימט פון וועג די, וועלכע ער האָט געוואָלט ראַטעווען.

און די גייסטלעכע? דער היילִיקער סינאָד האָט אַרויס-געלאָזט אַן אויפרוף צו די בולגאַרישע קריסטן: „אין נאָמען פון קריסטלעכער ליבע, פאַרבעטן מיר דאָס גאַנצע בולגאַרישע פאָלק מיטצוהעלפן דער מאַכט, זי זאָל איינפירן אָרדענונג". אָבער בעת מען ווייס וואָס דערדאָזיקער אויסדרוק „איינפירן אָרדענונג" באַדייט, ווייסט מען ווי אָפּצושאַצן דעם פּרצוף פון די גייסטלעכע.

אין יוגאָסלאַוויע האָט מען פאַשיטשעס רעגירונג געקענט צושרייבן כמעט דיזעלבע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. אויך ער האָט געקעמפט קעגן דער פּאָליטישער אָפּאָזיציע, מיט דער הילף פונם צוואַנגס-אַפּאַראַט, וואָס אַלע רעגירונגען פאַרווענדן. יוגאָסלאַוויע האָט די ערשטע פאַררעכנט אַלע אָפּאָזיציע-פּאַר-טייען פאַר אומלעגאַלע און אַריינגעפירט דעם פאַשיזם.

די גלאַווניאַטשאַ אין בעלגראַד, די צענטראַלע תּפיסה, די באַסטיליע פון יוגאָסלאַוויע, שטאַמט אַרויס פון די טערקישע צייטן. אונטער די אָברענאָוויטשעס און אונטער דעם פּעטאַדאַלן רעזשים איז זי געווען אָנגעפילט מיט געפאַנגענע און ס'זענען דאָרט פאָרגעקומען די שרעקלעכסטע ענוים. אָנהייבנדיק פון 29 מאַי 1923 פאַרנעמט די דינאַסטיע קאַראַיאָרדעוויטש דעם קאָנאַק; די ראַדיקאַלע פּאַרטיי, וועלכע איז מיט אַ צייט צוריק פאַר-פאָלגט געוואָרן פון מילאַנען און אַלעקסאַנדערן, איז איצט ביי דער מאַכט, און די תּפיסות שפּילן זייער ראָל בנוגע די, וועל-כע פאַרטיידיקן דעם לאָזונג פון גערעכטיקייט און פרייהייט. די אָנפירער פון דערדאָזיקער יוגאָסלאַוויע, וועלכע איז נישט קיין פעדעראַציע פון פעלקער, נאָר פשוט די אַלטע סערביע, פאַר-

גרעסערט דורך דעם טעריטאָריאַלן שלל, מיט וועלכן זי מיס־ברויכט, פירן אַ כסדרדיקע מלחמה מיט די אַרבעטער, מיט די פויערים און מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער מיניסטער פאַשיטש האָט זיך פאַרשטאַרקט דערמיט, וואָס ער האָט צוגענומען צו הילף די קראָאַטישע פּאַרטיי מיט זיין גרויסן אָנפירער ראַדיטש בראש. אַ דאַנק דעמדאָזיקן אָפּ־מאַך האָט ראַדיטש אונטערגעשטיצט די קאָנטר־פּראָלעטאַרישע און אימפּעריאַליסטישע אַרבעט פונם מיניסטער פאַשיטש (די אַספּיראַציעס צו אַלבאַניע און סאַלאָניק), נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז קעגן די פּרינציפּן פון זיין פּאַרטיי, פון וועלכער ער איז דער אָנפירער. ה׳ ראַדיטש האָט נישט מורא געהאַט צו פאַרייניקן אויף אַזאַ פרעכן אופן דעם גורל פון דער גאַנצער פּאַרטיי און אפילו פונם גאַנצן פאָלק מיט זיין אייגענעם גורל. ער האָט געזאָגט — האָט מיטגעטיילט די באַלקאַנער אַגענץ: „די אַלע, וועלכע ווילן פאָרמירן אַ רעגירונג אָן ראַדיטשן, דאַרפן זיין איבערצייגט, אַז אין דעם פאַל וועלן די קראָאַטן, קיין שום דעה נישט האָבן אין דער יוגאָסלאַווישער מלוכה״.

די רעפאָרמען, וואָס אַזעלכע מינים רעגירונגען באַמיען זיך אַדורכצופירן זענען בלויז תירוצים און געוויסע מיטלען פון די, וואָס שטייען ביי דער מאַכט. די באַרימטע אַגראַרע רעפאָרמען, וועגן וועלכע די אָפיציעלע פּרעסע האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן טומל אין רומעניע און אין בולגאַריע, זענען ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי. די פאַרצעלאַציע פון „לאַטיפונדיאַ״ אין טראַנסילוואַניע און בעסאַראַביע האָט גאָרנישט געגעבן די פּוי־ערים. דאָס האָט גורם געווען אַ מין האַנדל־וואַנדל אָן אַ נאָ־מען און ס׳איז געווען אַ פעטע באַלוינונג פאַר זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטן און רעגירונגס־אַגענטן. די גרויסע סטאַמבאָליסקיס אַגראַרע רעפאָרמען, אויף וועלכע מען האָט אַזויפיל האָפענונ־גען געלייגט אין בולגאַריע, זענען צעקריפּלט געוואָרן דורך צאַנקאָווס קאַבינעט.

אַ געזעץ פון אומגערעכטיקייט

אין אַלע באַלקאַנישע לענדער, — און אין דעם פּרט קען
צו זיי אויך צוגערעכנט ווערן אונגאַרן, — איז דורך דער מאַכט
איינגעפירט געוואָרן דאָס געזעץ פון „מלוכה־שוץ״. די רומענישע,
בולגאַרישע, יוגאָסלאַווישע און די אונגאַרישע געזעצן גלייכן
זיך אויס, בעת ס׳האַנדלט זיך וועגן מלוכה־שוץ. זיי גיבן דער
עקזיסטירנדיקער מאַכט אַלע מיטלען, כּדי צו דערגרייכן זייער
ציל און צו פאַרטייליקן די, וועלכע פאַרטיידיקן מיינונגען, נישט
איינשטימיקע מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. אויב איי-
גנער דערלויבט זיך אַרויסצוזאָגן אַ סובווערסיוון געדאַנק, אַזוי
צו זאָגן, באַקומען אָדער לייענען געוויסע צייטונגען, האָבן באַ-
ציונגען מיט אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, קריטיקירן עמעצן אָדער
עפּעס, אין וואָס דער פּראָקוראָר זעט אַרויס אַ נאַציאָנאַלע באַ-
ליידיקונג, ווערט ער דערפאַר שטרענג באַשטראָפט, היות דאָס
ווערט פאַררעכנט פאַר די גרעסטע פאַרברעכנס. ה׳ מאַרסעל
ווילאַר האָט מיט רעכט געשריבן, אַז „לויטן 20 אַרטיקל פונם
בולגאַרישן געזעץ איז די מינאָריטעט פון דער קאָנסטיטוציאָ-
נעלער קערפּערשאַפט פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דער רעגי-
רונגס־מערהייט. דאָס איז אַ פאַרגוואַלדיקונג פון די מאָדערנע
רעכט. דאָסדאָזיקע בינטל פון באַלקאַנישע געזעצן איז אַן אַטענ-
טאַט קעגן דאָס מענטשלעכע רעכט. דאָס איז אַ ווילקירישע און
אַ קאַפּריז, וואָס איז פאַרוואַנדלט אין געזעץ. דאָס איז, קען מען
זאָגן: געזעץ, וואָס שטייט אויסערן געזעץ.

שטיצנדיק זיך אויף די ספּעציעלע געזעצן, האָט מען אַ
סך מענטשן פאַרמשפּט פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך גע-
פונען אויפן אָרט פונם אַטענטאַט; מען האָט צום טויט פאַר-
אורטיילט מענער און פרויען, ווייל ביי זיי האָט מען געפונען
מענטשן, וואָס די פּאָליציי האָט געזוכט, נישט וויסנדיק אפילו,
אַז די דאָזיקע פּליטים האָבן זיך אין עפּעס פאַרשולדיקט,
בפרט אַז די דאָזיקע שולד איז ס׳רוב נישט פעסטגעשטעלט
געוואָרן.

מען קען זייער לייכט פאַרשטיין, וואָסער באַדייטונג פאַר דער פרייהייט פון די בירגער ס'האָבן אַזעלכע עלאַסטישע קלאַוזולעס, ווי דער 7-טער אַרטיקל פון אונגאַרישן געזעץ פון 1921, וואָס ווערט אָנגערופן געזעץ פון מלוכה-שוץ:

„דער, וואָס וועט פאַרשפּרייטן קלאַנגען, וועלכע וועלן קאָליע מאַכן די רעפּוטאַציע פון דער אונגאַרישער מלוכה, פון דער אונגאַרישער נאַציע, וועט באַגיין אַ פאַרברעכן און וועט ווערן באַשטראָפט מיט תפיסה ביז 5 יאָר.

„מען וועט באַקומען קאַטאָרזשנע אַרבעט ביז צען יאָר, אויב דער טאַט וועט געטאָן ווערן מיטן ציל אָנצורעדן אַ מלוכה אָדער אַ פרעמדע אָרגאַניזאַציע, זי זאָל אָננעמען אַ פיינטלעכע אַקציע קעגן דער אונגאַרישער מלוכה אָדער קעגן דער אונגאַרישער נאַציע. און אויב דידאָזיקע אויפרייצונג האָט גורם געווען אַ פיינטלעכע אַקציע, וועלן די שולדיקע באַשטראָפט ווערן מיט אייביקער תפיסה". דידאָזיקע פיינטלעכע אַקציע קען זיך אויסדריקן מיט אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג.

מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אויך אין אַנדערע ערטער איז פאַרשפּרייט די מגפה פון דידאָזיקע פּרינציפּן. אין עסטאָניע האָט מען אַ גרופּע פּויערים פאַרמשפּט אויף דריי און אויף פיר יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט. מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן „גוטן ווילן" בנוגע די מורדים פון דעצעמבער חודש. איינער, רייזאַן, איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט, ווייל „מען האָט אים געזען שמועסן מיט אַן אויסלענדער, לעבן זיין שטוב".

יעדער יוריסט, אָדער יעדער מענטש מיט אַ שכל-הישר מוז שטוינען, בעת ער לייענט די באַרימטע קלאַוזולע, לויט וועלכער אַ טויט-שטראָף קען ווערן אַרויסגעטראָגן קעגן יעדער שעדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און לויט וועלכער עלטערן מוזן

פאַרמסרן און אַרויסגעבן זייערע אייגענע קינדער דער פּאָליציי.

ענדלעך, אין אַלע באַלקאַנישע לענדער קעמפן די רעאַקציאָנערע רעגירונגען קעגן זייערע פעלקער. דורך פּראָצעסן און אורטיילן, דורך אַטענטאַטן און מאָרדן פאַרווירקלעכן זיי די מאַטעריעלע צעשטערונג פון עמאַנציפּאַציע-אידעען. מען באַנוצט זיך מיט מיליטערישער אָקופּאַציע, מען אַסימילירט נייע פּראָווינצן, פּונקט ווי רומעניע, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד; אָדער ווי בולגאַריע פּראָוואָצירט מען אומדירעקט אָדער דירעקט דורך זייערע אַגענטן אויפשטאַנדן, כּדי מיט אַ מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג דורכצופירן דעם פּראָגראַם פון אויסראָטונג.

III

די אויסראָטונגס־אָרגאַניזאַציעס

די באַלקאַנישע רעגירונגען באַנוצן כמעט אַלע דיזעלבע אינסטרומענטן און דיזעלבע רעפּרעסיע־אָרגאַניזאַציעס. די הויפּט־אינסטרומענטן און די שטאַרקסטע פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אין דידאָזיקע לענדער — איז די אַרמיי און די מיליטערישע ליגעס. מען קען נישט געפינען קיין שום אָרט אויף דער וועלט, ווו דער מונדיר און די גאַלאָנען זאָלן שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל, ווו אָפיצירן טראָגן גישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זענען דעספּאָטן אין פולן זין פון דעם וואָרט. איינע פון די טרויעריקסטע מאָלערישע ערטער פון די באַלקאַנישע הויפּטשטעט, איז דער פּלאַץ, ווו ס׳האַלטן זיך אויף די אָפיצירן און ס׳דערהייבן זיך די מיליטערישע דענקמאָל־געביידעס.

דער אָפיצירן־קלוב אין בוקאַרעשט פאַרטונקלט מיט זיין פיינער אַרכיטעקטור אַלע אַנדערע בנינים פון דער שטאָט. ער איז שענער פונם פּאַלאַץ און פון די נייסטע בענק.

די מיליטערישע שולע אין בעלגראַד איז נישט קיין בנין, ס׳איז אַ גאַנצער קוואַרטאַל. דער בודזשעט אין יוגאָסלאַוויע דערגרייכט ביז 12 מיליאַרד דינאַר, פון וועלכע 2,7 מיליאַרד גייען אויפן קריגס־בודזשעט, נישט רעכענענדיק דעם מיליאַרד, וואָס פראַנקרייך האָט אַוואַנסירט אויף נייע וואָפן. אין בולגאַריע, אויף אַ הכנסה פון בערך 5.700 מיליאָן לעוועס,

גייען 2.800 מיליאָן לעווס אויף דער אַרמיי און פּאָליציי. אין גריכנלאַנד: אויף אַ בודזשעט פון 8.471 מיליאָן דראַכמען, איז 2.272 מיליאָן אַסיגנירט פאַר דעם קריגס-מיניסטעריום.

מיליטערישע און פּאָליציייאישע ליגעס

זייט ביי זייט מיטן אָפיציעלן מיליטאַריזם, שטייט אויף דינסט דער אָפיציעזער מיליטאַריזם. זייט ביי זייט מיט דער אַרמיי, שטייען אויף דינסט רעזערוו-אָפיצירן און עקס-אָפיצירן. אַלע באַלקאַנישע לענדער זענען פול מיט זיי. די סערבישע „ווייסע האַנט”, וועלכע האָט אָפּגעירשנט די „שוואַרצע האַנט”, האָט געגנומען אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע געשעענישן. פערצן מיטגלידער פון דער מיליטערישער ליגע אין בולגאַריע פאָר-מירן אַ מיליטערישע קאָנווענץ, - דער העכסטער קאָמיטעט, וועלכן מען רופט צונויף אין דרינגענדע פאַלן. ס'איז דאָרט דאָ אַ טשעקאַ, וואָס באַשטייט פון פינף מיטגלידער פון דער ליגע. די געהיימע געזעלשאַפט „קובראַט” אַרבעט פּאַראַלעל מיט די אויבנדערמאָנטע. די רומענישע סיגוראַנצאַ (שוץ) באַזיצט אַ סך מיליאָנען, אַ סך צייטונגען, אַמבאַסאַדאָרן, אַגענטן, אויערן און הענט, וועלכע זענען אומעטום צוזייט און צושפּרייט. דאָס איז אַ מלוכה אין אַ מלוכה. די צאָל באַלקאַנישע זשאַנדאַר-מען שטייגט אַריבער די אַלגעמיינע פּראָפּאָרציע. אין רומעניע געפינען זיך 45.000 זשאַנדאַרמען, אין יוגאָסלאַוויע 60.000. קליינע גרופּעס זשאַנדאַרמען ווערן אַרויסגעשיקט אין די דער-פער, וועלכע שלאָגן, הרגענען, גנבענען, באַגייען פאַרשידענע פאַרברעכנס, זיכער, אַז זיי זענען אומבאַשטראָפט. ווי איך האָב שוין געזאָגט, געניסן זיי שטאַרק אין די רומענישע דערפער פון דער אַזוי-גערופענער פּראָלעטאַרישער ערד-צוטיילונג.

דער מאַצעדאָנישער קאָמיטעט

אין בולגאַריע, אויב די רעגירונג וויל אָננעמען שטרענגע מיטלען, אָדער באַקעמפן אירע קעגנער, האָט זי אין איר

דיספּאָזיציע דעם באַרימטן מאַצעדאָנישן קאָמיטעט, מאַצעדאָנישע אינערלעכע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע (פאַרקירצט „אָ.ר.י.מ"). ס'איז כּדאַי מיט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן באַצייכענען די פּאָזיציע פון דעמדאָזיקן אומרויִקן ווינקל.

לויטן שלום־טראַקטאַט האָט מען צעברעקלט די מאַצעדאָנישע טעריטאָריע. פיר־צענטל האָט מען אַוועקגעשאָנקען גריכנלאַנד, אַ העלפט יוגאָסלאַוויע און אַ צענטל בולגאַריע. דער טעאָרעטישער ציל פון דער „ארים" פּאַרטיי, איז פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַר מאַצעדאָניע.

די פּאַרטיי „ארים" האָט פייערלעך געמאָלדן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — און איינער פון אירע פאָרשטייער האָט מיט באַגייסטערונג עס איבערגעחזרט אין „סאָפיאַ" — אַז זי וועט מיט אַלע כּוחות אָפּהיטן איר אומאָפּהענגיקייט, אַז „דער צענטראַלער קאָמיטעט וועט נישט דערלויבן קיין שום רעגירונג און קיין שום פּאַרטיי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַן אינסטרומענט, אויף צו פאַרטיידיקן אַנדערע צילן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דער באַפרייונג פון מאַצעדאָניע.

דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1893 יאָר דורך גאָצע דעלטשעוו, פּערע טאָשעוו, דאַמיאַן גרועוו, דר. כריסטאָ טאַטאַרטשעוו, פּעטער פּאָפּ אַרסאָוו און גיאָרטשע פּעטראָוו. חוץ פּעטער פּאָפּ אַרסאָוון, וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגן פון פּאָליטישן לעבן און דעם דר. כריסטאָ טאַטאַרטשעוו, וועלכער איז שוין זינט דריי יאָר אַנטלאָפן געוואָרן אין דער פרעמד, אויס מורא געהרגעט צו ווערן דורך די מאַצעדאָנישע אַגענטן פון וואָלקאָוון, זענען די אַלע איבעריקע גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע „אָרים" דערהרגעט. ג. פּעטראָוו איז געהרגעט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדראָוון און פּראָטאָגעראָוון אין סאָפיאַ, אין יולי 1921. די אָנפירער פון דער מאַצעדאָנישער באַוועגונג: סאַנדאָנסקי, דימאַ, דימאָוו, קאַנטאָרדיעוו, בוינאָוו, טשאַולעוו און פּאַניצאַ—זענען אַלע דערהרגעט געוואָרן דורך מאַצעדאָנישע פּאָליציי־אַגענטן פון דער בולגאַרישער רעגירונג. אַפילו אַלעקסאַנדראָוו, וועלכער איז במשך

פון זיבעצן יאָר געשטאַנען טריי אויף דער דינסט פון דער בולגאַרישער רעגירונג, איז אויך דערהרגעט געוואָרן דורך צאַנקאָווס רעגירונג, ביי דער נאָענטסטער מיטהילף פון גענעראַל פּראָטאָגעראָוו, דעם 31 אויגוסט 1924.

ביז 1905 איז „ארים" געווען אַן אמתע רעוואָלוציאָנערע מאַסן-פּאַרטיי. נאָך זייער מפּלה אין 1903, בעת 20.000 מאַצעדאָניער האָבן מיט דער ביקס אין האַנט דריי חדשים געקעמפט קעגן 300.000 טערקן, איז זיך דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע צעפאַלן אויף צוויי פליגלען: דער רעכטער פליגל, די מינדערהייט, האָט אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון דער בולגאַרישער רעגירונג: אַנעקסיע פון מאַצעדאָניע צו בולגאַריע (אויטאָנאָמיסטן); דער לינקער פליגל האָט פאָרטגעזעצט צו קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונם מאַצעדאָנישן פאָלק, אין די ראַמען פון אַ באַלקאַנישע פעדעראַציע (פעדעראַליסטן).

„ארים" איז איצט אַן אָרגאַניזאַציע, אַן אויטאָנאָמיסטישע. זי איז צוזאַמענגעבונדן מיט דער מאַצעדאָנישער פּאַרטיי, וואָס געפינט זיך אונטער דער בולגאַרישער הערשאַפט. זי איז נישט קיין געהיימע פּאַרטיי. אירע אָנפירער שטייען אין נאָענטע באַציונגען מיט צאַנקאָווס רעגירונגען. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע פירט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער מיליטערישער ליגע און מיט ווראַנגעלן. זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די שחיטות אויף בולגאַרישע פּויערים און אַרבעטער אין יוני און סעפּטעמבער 1923 יאָר. פון 12-טן ביזן 20-טן סעפּטעמבער 1924 האָט זי אויסגעהרגעט 160 מאַצעדאָנישע רעוואָלוציאָנערן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען: דימאָוו, אַן אַרבעטער- און- פּויערים דעפּוטאַט, אַ חבר פונם „אָרים"-גרינדער דעלטשעוו, דעלטשעוו אַליין, קאַנטאַרדיעוו, בוינאָוו, האַדיעוו, אַלטע דעפּוטאַטן, יאָוואָוו דער זשורנאַליסט, קאָוואַטשעוו דער אַדוואָקאַט, א. א. וו. אין די ערשטע פינף חדשים 1925, האָט זי געהרגעט אינם געגנט פּעטריטש 100 פּויערים-פּאַרטיזאַנען, וועלכע זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון סונדאנסקי און פּאַניטצאַ. זי האָט געהרגעט אין 1924 אין מילאַן טשאַולעוון און פּאַניטצאַן

אין 1925, אין ווין. זי האָט געגומען אָנטייל אין די שחיטות פון אַרבעטער, פויערים אינטעלעקטועלער, בולגאַרן און מאַצע-דאָניער, נאָכן אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע, דעם 16 אַפּריל 1926. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אַן אָפּטיילונג פונם קריגס-מיניסטעריום און פון צאַנקאָװ-וואָלקאָווס פּאָליצײ. צווישן דער מאַצעדאָנישער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון סערביע און גריכנלאַנד, האָט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע נישט קיין אָנהענגער. אין אויסלאַנד זענען זיי פּאַרטיזאַנער אויף געהאַלט ביי צאַנקאָװן, וואָס פיגורירן דאָרט, ווי אויטאָ-נאָמיסטן.

אָנהייבנדיק פון זומער 1908, איז פּאָרגעקומען אַ שפּאַל-טונג צווישן די מאַצעדאָניער פון לינקס, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „פעדעראַליסטישע פאָלקס-פּאַרטיי" און צווישן די מאַצעדאָניער פון רעכטס, „די קאָנסטיטוציאָנעלע קלובן".

ה' אָבאָװ, אַלס עדות אויפן פּראָצעס וועגן דאַסקאַלאָװס מאָרד אין פּראָג, האָט געגעבן אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק וועגן פאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע מען קען אָנרופן מאַצעדאָניסטן. אין מערץ 1924 איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ מאַניפעסט מיט פעדעראַליסטישע טענדענצן. דעמאָלט האָט מען אַ רגע געמיינט, אַז ס'איז פּאָרגעקומען אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אַלעקסאַנדראָװן, פּראָטאָגעראָװן און טשאַולעװן. אָבער אינטריגעס האָבן געשטערט דידאָזיקע פאַרייניקונג און נאָכן אכזריותדיקן טויט פון אַלעק-סאַנדראָװן און טשאַולעװן, איז דער גענעראַל פּראָטאָגעראָװ פאַרבליבן דער איינציקער באַלעבאָס פון „ארים", וועלכע איז פולשטענדיק געוואָרן „אויטאָנאָמיסטיש". די מעשים פון פּעט-ריטשעס מאַצעדאָניער קאָמיטעט, אין דעם טרויעריקן גריכיש-בולגאַרישן אינצידענט, וועלכער האָט דערפירט צו פאַרגיסונג פון מאַצעדאָניש בלוט, גיבן גענויע פּרטים וועגן דער שטעלונג פוןביידע מאַצעדאָניער עלעמענטן: אויטאָנאָמיסטישע און פעדעראַליסטישע.

זינט אַנדערטהאַלבן יאָר באַמערקט זיך אַ דערנענ־טערונג צווישן די „אויטאָנאָמיסטן" און די אַגענטן פון סערבישער נאַציאָנאַליטעט, פון ה׳ פּאַשיטש, למשל ווי דער דעפּוטאַט קירקאָוויטש, וועלכער איז מיט פיר חדשים צוריק אָוועקגעפאָרן קיין סאָפיע מיט אַ ספּעציעלער מיסיע. ה׳ קירקאָוויטש האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אָנפירער פון צאַנקאָווס מאַצעדאָנישער אָרגאַני־זאַציע. פון דעמאָלט אָן האָט דערדאזיקער דעפּוטאַט אויפגעהייבן אַן אַקציע אין דער סערבישער שפּראַך, אין מאַצעדאָניע, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער סער־בישער הערשאַפט. דורך דער פּרעסע און אויף מיטינגען, אין ביטאָליע און געווגעלי האָט מען געפאָדערט די אינטערווענץ פון יוגאָסלאַוויע לטובת די סערבישע מאַ־צעדאָניער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער גרי־כישער הערשאַפט. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין אַזוי: אַנעקסירן צו יוגאָסלאַוויע די גריכישע טייל פון מאַצע־דאָניע. דידאָזיקע אַקציע איז מיט גרויס פרייד אויפגע־נומען געוואָרן דורך דער בולגאַרישער רעגירונגס־פּרעסע און דורך דער מאַצעדאָנישער, אין סאָפיע. אַלזאָ, ס׳עק־זיסטירט אַן אָפּמאַך צווישן „אויטאָנאָמיסטן" מיט דער סערבישער רעגירונג, אָדער בעסער געזאָגט, אַז ס׳עק־זיסטירט אַן אָפּמאַך צווישן די רעגירונגען פון בולגאַריע און סערביע און אַז די בולגאַרישע רעגירונג האָט עס איבערגעגעבן די „אויטאָנאָמיסטן", וועלכע זענען אירע געהאָרכזאַמע שעפּעלעך.

ס׳אין גאַנץ בולט פאַרן אָביעקטיוון צוקוקער, אַז דער מאַצעדאָניער קאָמיטעט האָט אויסגענוצט זיין שרעקלעכע מאַכט פון אַגיטאַציע און רעפּרעסיעס לטובת דעם ווייסן טעראָר. ס׳איז אויך גאַנץ קלאָר, אַז דער רעאַקציאָנערער אימפּעריאַליזם איז קעגן די אַספּיראַציעס פון פרייהייט אין מאַצעדאָניען. אַלזאָ, ה׳ לעבעדיעוו איז געווען גערעכט, טענהנדיק, אַז דער

„אויטאָנאָמיסטישער אָרים״ פון גענעראַל פּראָטאָגעראָוו „האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּשוטן אינסטרומענט, אין די הענט פון דער קאָבורגער דינאַסטיע.

פאַשיסטן און קאָזאַקן

די רעגירונג אין בוקאַרעשט שטיצט די אַנטיסעמיטישע סטודענטישע גרופּעס, וואָס ווערן כּסדר פאַרגרעסערט אין צאָל און זענען פאַשיסטן פּראָוואָקאַטאָרן. און די רעגירונג טענהט, אַז זי איז נייטראַל! אין דער צייט, ווען זי האָט צעטריבן די אָרגאַניזאַציע פון די אומאָפּהענגיקע סטודענטן און האָט פאַרווערט אַרויסצוגעבן זייער זשורנאַל, טאָלערירט זי אָפן די פּראָפּאַגאַנדע פון די אַנטיסעמיטישע סטודענטן.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען האָט דורך אַן „אוקאַז״ צעטריבן, האָט נישט געהאַט קיין שום סובווערסיווע צילן. אָט איז אַ קיצור פון אירע שטרעבונגען, וועלכע זי דריקט אויס אין אירן אַ וואָכן-זשורנאַל, „דאָס אוניווערזיטעט-לעבן״, וואָס מען האָט פאַרמאַכט: „...באַמיען זיך,—די סטודענטן זאָלן וואָס שנעלער באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט פון וואָרט אין אוניווערזיטעט און אויסער די ווענט פון דער אוניווערזיטעט, און אָנווענדן אַלע כּוחות, כּדי צו פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון אַלע אַרבעטער פון דער אוניווערזיטעט, און געבן בעסערע מעגלעכקייטן צו שטודירן. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אירע דירעקטיוון. אין אַ משך פון פיר חדשים צייט האָט זי אַ סך באַוויזן. אין אָנפאַנג פון איר עקזיסטענץ האָבן זיך געציילט אין אירע רייען זעכציק מיטגלידער, נאָכדעם, אין אַ קורצע צייט אַרום איז זי געוואָרן די שטאַרקסטע אוניווערזיטעט-אָרגאַניזאַציע פון רומעניע.

אַלזאָ, די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט אין רומעניע, איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ליבעראַלן. דידאָזיקע פּאַרטיי האָט זיך איינגענעסטלט אין יאַסי, אונטער דער לייטונג פֿון ה׳ קאָוזאַ, וועלכער האָט אָפֿן, פֿון זיין אוניווערזיטעט־שטול, געהייסן מאַכן פּאָגראָמען. די אַנטיסעמיטן האָבן פֿינף זשורנאַלן אין זייער דיספּאָזיציע, קלעפּן זייערע אַפֿישן און זייערע צייכנס אינמיטן גאַס און האָבן קיינמאָל נישט קיין מורא איינצואָרדענען זייערע מאַניפֿעסטאַציעס. עטלעכע פֿון דידאָזיקע מאַניאַקעס זענען אָוונטצייט געקומען פֿאַר מיין האָטעל און געמאַכט געוואַלדן, מען זאָל מיך באַשטראָפֿן דערפֿאַר, ווייל איך האָב אונטערגעגראָבן „די יסודות פֿון דער נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט". מען האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז דידאָזיקע חברהלייט זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַגענטן פֿון דער מלוכה־שוץ, כּדי נישט צוצולאָזן, דער המון זאָל שטערן זייער דעמאָנסטראַציע. דידאָזיקע יונגעלייט, כּדי צו פֿאַרטיידיקן דעם כּבוד פֿון רומעניע, האָבן נישט געלאָזט קומען צום וואָרט אין בוקאַרעשט דעם סעקרעטאַר פֿון אונדזער ליגע פֿאַר מענטשן־רעכט. אויף אַזאַ מין אופֿן, פֿאַרן פּרייז פֿון עטלעכע הנחות, האָט די מאַכט אַ גוטע געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די, וואָס זי געפֿינט פֿאַר נויטיק.

אין 1926 יאָר איז אויסגעבראָכן אַ נייע אַנטיסעמיטישע עקספּלאָזיע צווישן די רומענישע סטודענטן: מאַניפֿעסטאַציעס, בעת וועלכע מען האָט צעשטערט און צעראַבעוועט יידישע געשעפֿטן, געהרגעט און געשלאָגן אַ סך מענטשן. די פּאָליציי האָט נאָך צוגעהאָלפֿן, אַנשטאָט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דידאָזיקע ווילדע מאַניפֿעסטאַנטן. דער פּועל־יוצא: דער קריגס־ראַט האָט פֿאַרמשפּט אויף פֿיר חדשים תּפֿיסה דעם יידישן סטודענט ח. קליין פֿון אָראַדעאַ־מאַרע. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז „ער איז געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַ יידישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט מיטן צוועק צו שטעלן אַ

ווידערשטאַנד, אָדער צו ענטפערן מיט אַכזריות אויף די אכזריותדיקייטן פון די קריסטלעכע סטודענטן בנוגע די יידישע". די שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן לויטן אַרטיקל 213 פון שטראָף-קאָדעקס, וואָס ווערט פאַרוועגדעט בנוגע פאַרברעכערישע געזעלשאַפטן.

ברענגענדיק דעמדאָזיקן אומגלויבלעכן אורטייל, שרייבט די צייטונג „ראָמאַניאַ מונציטאָאַרע" אין פּאַריז, אַז די קריסטלעכע סטודענטן,—דאָס הייסט די פאַשיסטן,— וועלכע שפּייען, שלאָגן, ברעכן מיט דער הילף פון פּאָליציי און צווינגען יידישע סטודענטן אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, זענען „ווילטעטיקע לייט", וואָס ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט און זייערע קרבנות זענען פּשוטע „פאַרברעכער".

דידאָזיקע קריסטלעכע סטודענטן האָבן געמאַכט אַ שטרייק, פאָדערנדיק פונם בילדונגס-מיניסטער אַנגעלעסקו, ער זאָל אויסשליסן פון אוניווערזיטעט, פון די לאַבאָראַטאָריעס, פון די אַקאַדעמישע היימען די אַלע „וועלכע זענען פאַרדעכטיקט אין קאָמוניזם" (פּשוט גערעדט, די נישט-פאַשיסטן). ה' אַנגעלעסקו, דער טאַטע פון דער רומענישער אוניווערזיטעט האָט געענטפערט: „גיט מיר אַ ליסטע פון די פאַרדעכטיקטע, און די „סיגוראַנצאַ", מיט דער הילף פון דער אוניווערזיטעט-מאַכט, וועט אָננעמען די געהעריקע מיטלען".

ס'איז נישט כדאי קיין סך צו ריידן איבער דעם קינסטלעכן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וואָס געוויסע אַוואַנטוריסטן האָבן בכוח פאַרפלאַנצט צווישן אַ פאָלק, וואָס איז צום ווייניקסטן פאַנאַטיש און צום ווייניקסטן געניינגט צו ראַסן-שנאה.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז די אַנטיסעמיטישע און פאַשיסטישע צייטונג „נאַציאָנאַליסטול" איז

די איינציקע אין רומעניע, וועלכע פאַרטיידיקט אָפן די געלט-פעלשער פון בודאַפעשט. אָבער די אונגאַרישע פאַשיסטן טרוימען וועגן אָפּנעמען טראַנסילוואַניע. די אונגאַרישע פאַשיסטן זענען גרעסערע פאַשיסטן פון די רומענישע.

אין אַן אַנדער אָרט לייענען מיר: „די באָיאַרישע רומעניע האָט זיך צוריקגעקערט צום מיטלאַלטער. ס'האָבן זיך דאָרט אָנגעהייבן רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען". ווי די רומענישע פרעסע טיילט מיט, זענען די פאַרפאָלגונגען אויסגעאיבט געוואָרן אויף דער באַפעלקערונג פונם דערפל אַלבעשטי פאַר לעסטערונג „פון דער מלוכה-רעליגיע". דאָס גאַנצע פאַרברעכן פון דידאָזיקע אומגליקלעכע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי געהערן צו דער סעקטע „אַדווענטיס". אינדערזעלבער צייט, ווען זיי פאַרפאָלגן פאַרשידענע אמונות, שיקט די רומענישע רעגירונג דע-לעגאַציעס קיין אויסלאַנד, כּדי צו רימען זיך מיט זייער טאָלעראַנץ" (צ. מיל, לופּטאַ).

אין פעברואַר 1926 האָבן די צייטונגען געמאָלדן, אַז דער אַרבעטער לענוטאַ פיליפּאָוויטש איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ חודש תּפיסה דערפאַר, ווייל ער האָט אָפּגעדרוקט אין דעם „סאָציאַליסטישן איבערזיכט" אַן אַרטיקל, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַרטיקל, וואָס „רופט אַרויס אַ שנאה צום קלויסטער און צו דער רעליגיעזער שול".

נאָך איין גרופּע האָבן די באַלקאַנישע רעגירונגען אויף זייער צד, וועלכע זיי נוצן אויס, בעת מען דאַרף אָננעמען שטרענגע מיטלען. דאָס זענען די עקס-אָפיצירן און די זעלנער פונם גענעראַל ווראַנגעל. אין בעלגראַד קען מען אויף די גאַסן באַגעגענען קאָזאַקן אין די אַמאָליקע פאָרמעס, וועלכע קוקן אויס די געלעגנהייט — מיטצוהעלפן אויף די באַלקאַנען די מלאכה פון קאָנטר-רעוואָלוציע, וואָס ס'איז זיי נישט געלונגען

דורכצופירן אין רוסלאַנד. וואַנדערוועלדע, באַשרייבנדיק זיינע נסיעות איבער די באַלקאַנען, באַמערקט, אַז וואַנגעל-זעלנער זענען דאָ אין בולגאַריע ווי זאַמד און ערד. מען רעדט וועגן אַ מספר פון פערציק טויזנט וואַנגעל-זעלנער אין יענעם לאַנד, און דאָס איז נישט איבערטריבן.

אויף דער בקשה פון פראַנקרייך האָט בולגאַריע אַריינגענומען צו זיך וואַנגעלס אַרמיי. זיי האָבן געהאַט זייער אָפיציעלן פאָרשטייער, מיטן נאָמען פעטריאַעוו, וועלכער איז איינגעשטאַנען אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין סאָפיע. בעת סטאַמבאָליסקי איז געווען ביים רודער, איז וואַנגעל געשטאַנען אַן אַ זייט, און זיי האָבן געהאַט אַ שווער לעבן. אָבער זייער אָנטייל נעמען אין דער מלוכה-פאַרשווערונג אין יוני 1923 האָט זיי אַ גרויסע טובה געטאָן.

אויפן קאָנגרעס פון דער רוסישער נאַציאָנאַלער ליגע, אין סעפטעמבער 1925, האָט דער גענעראַל מילער, דער פאָרשטייער פון גענעראַל וואַנגעל און פון גרויס-פירשט ניקאָלאַי, געמאָלדן אין זיין ראַפּאָרט, אַז 8000 וואַנגעל-זעלנער און 4000 דאָנער קאָזאַקן זענען גלענצנד אָרגאַניזירט אין בולגאַריע. אַלע רוסישע פּליטים זענען אָפּהענגיק פון וואַנגעלן און פון די מאָנאַרכיסטן און מוזן שטיין גרייט אונטער די באַפעלן פונם גרויספירשט ניקאָלאַי, אויס מורא אַרויסגעטריבן צו ווערן פון לאַנד. זיי באַפרייען זיך פון די פליטים, וועלכע זענען נישט קיין מאָנאַרכיסטן. דער פרעזידענט פונם רוסישן קאָמיטעט שפילט די ראָל פון אַ רוסישן אַמבאַסאַדאָר און געוועלטיקט איבער דער גאַנצער רוסישער קאָלאָניע. די וואַנגעל-זעלנער, דידאָזיקע ספעציאַליסטן פון בירגער-קריג, וועלכע האָבן פיינט דעם בולגאַרישן פויער און האָבן ליב די בולגאַרישע רעגירונג, האָבן געגרינדעט פאַריינען צוזאַמען מיט בולגאַרישע העכערע און נידעריקערע אָפיצירן. זיי האָבן ספעציעלע אינסטיטוציעס. זיי טרוימען וועגן אַ גרויסע מיליטערישע שולע און זיי וועלן באַשטימט דערצו דערגרייכן. איינע אַזאַ שולע האָבן זיי שוין

אין סאַראַיעוואָ. אויף אַזאַ אופן ווערן זיי תּמיד אָפּגעפרישט און וואַקסן אין צאָל.

אין די שאַכטן פון פּערניק, אויף 6000 אַרבעטער רעכנט זיך 2000 וואַנגעלס זעלנער, וועלכע זענען דאָרט אָנגענומען געוואָרן לויטן באַפעל פון דער רעגירונג.

ווען מען מאַכט אַן אונטערזוכונג פון די רעפּרעסיעס, זעט מען וואָסער וויכטיקע ראָל, ביי די שחיטות פון די באַלקאַנישע פעלקער, ס'האָט געשפּילט דידאָזיקע פּאַראַזיטישע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך ברייט באַזעצט אין דער אָרע-מער בולגאַריע און פונקט אַזוי פעסט זיך איינגעשטעלט אין יוגאָסלאַוויע. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז דער עקזעקוטיוו-אָרגאַן פון די אימפּעריאַליסטישע כּוונות פון ביידע רעגירונגען, אַפילו בעת ס'הערשן חלוקי דעות צווישן דידאָזיקע כּוונות. דאָס האָבן וואַנגעלס מחנות פאַרפלייצט אַלבאַניע אין 1924 יאָר, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פאַן-נאָליס רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף די פּויערישע מאַסן, און האָבן אַרויפגעזעצט ביים רודער אַכמעד זאָגו; זיי האָבן געשטעלט צוריק אויף די פיס די פע-אָדאַלע בעיעס און פאַרבונדן די אויסערלעכע אַלבאַנישע פּאָ-ליטיק מיט דער פּאָליטיק פון דער סערבישער און איטאַליע-נישער דינאַסטיע. ס'גייט זיי ווייניק אָן, דידאָזיקע שלעגער, וואָסער מלאכה מען גיט זיי! אַבי מען באַצאָלט זיי, מעג די אַרבעט זיין אַפילו קעגן די אינטערעסן פון פאָלק. איינער פון דידאָזיקע לייט, וועלכער האָט אַ ווייטערן בליק און האָט גרע-סערע השגות און ווייסט ווי צו באַקומען דידאָזיקע פּושקע-געלט, האָט דערציילט מאַדאַם אַנאַ קאַרימאַ וועגן וואַנגעלס חלומות: צו-ריקשטעלן דאָס אַלטע רוסלאַנד, און צום רעסטאַווירטן רוס-לאַנד שפּעטער פאַרייניקן די באַלקאַנישע קאָלאָניעס.

שטיצנדיק זיך אויף דידאָזיקע פאַרשידענע כּוחות, דער-שטיקט מען סיסטעמאַטיש אַלע פּרוּוון פון דער אמתער דעמאָקראַטיע, זאָלן אַפילו די פּרוּוון זיין די שוואַכסטע.

דאָס פֿאָלק קען זיך נישט פֿאַרטיידיקן

וואָס קען טאָן דאָס פֿאָלק אויפֿן בירגערלעכן שלאַכטפֿעלד, ווו דער גאַנצער מעכאַניזם פֿון דער מאַכט צווינגט דאָס פֿאָלק עס זאָל שווייגן און האַלט עס כּסדר אין איין אונטערדריקן? און עס קען גאָרנישט אויפֿטאָן. עס האָט נישט קיין רעכט זיך צו רירן, כּדי צו פֿאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן, צו פֿאַרטיידיקן זיין געזעצלעכע הייליקע אחדות פֿון אַרבעטער צו אַרבעטער און פֿון מענטש צו מענטש. מען קען זאָגן, אַז סינדיקאַלע רעכט עקזיסטירן נישט לגמרי אויף די באַלקאַנען. אויב דאָס רעכט עקזיסטירט יאָ אין קאָדעקס, איז עס אָבער זייער שווער צו פֿאַרווירקלעכן. צוזאַמענפֿאָרן ווערן נישט דערלאָזן אָדער ווערן צעטריבן. דערלאָזן זענען בלויז געווויסע טרויעריקע פֿאַראָדיעס פֿון אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווייזן אַרויס אַ בלינדע פֿאַרשקלאַפּטקייט דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים. דאָס זענען זייער טרויעריקע פֿאַקטן סיי פֿאַרן פֿאָלק סיי פֿאַר דער וועלטלעכער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג. אין בוקאַרעשט, יעדעס מאָל ווען די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער פֿאַרזאַמלען זיך, שטייט אַ פּאָליציי-אַגענט ביי דער טיר פֿונם לאָקאַל און קאָנטראָלירט איבער די קאַרטן. מאַניפֿעסטאַציעס זענען שטרענג פֿאַרבאָטן. די עטלעכע פּראָלעטאַרישע מאַניפֿעסטאַציעס, וועלכע זענען לכּבֿוד מיר פֿאָרגעקומען אין בוקאַרעשט און אין בעלגראַד, זענען אַנאָרמאַלע דערשיינונגען, וואָס מען האָט טאָלערירט צוליב ספּעציעלע סיבות. און ווייטער קומען זיי מסתּמא שוין נישט פֿאָר אין די גרויסע שטעט.

איך וועל נאָך ריידן וועגן די פֿאָלקס-מאַניפֿעסטאַציעס אין אַפּריל 1926, אין סאָפֿיע, בעת דעם קאָנגרעס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, אָנגעשלאָסענע צום II אינטערנאַציאָנאַל.

ס'איז דאָ אַ סך צו ריידן וועגן דער פֿאַרביטערטקייט, מיט וועלכער מען פֿאַרפֿאָלגט און מען פֿאַרניכטעט יעדן פּרוּוו פֿון דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע, אַפֿילו אויפֿן ריינעם פּראָפֿעסיאָנעלן געביט. אין די הענט פֿונם אַרבעטער-קלאַס אין

בולגאַריע, זענען דידאָזיקע פּאַרייִנען געווען אַ שטאַרקע וואָפן פון קולטור און פּראָגרעס. אַלע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, אפילו די, וועלכע האָבן זיך שטרענג געהאַלטן אין די גרענעצן פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען, זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע לאָקאַלן. אַלס טיפּישער ביישפּיל קען דינען דער צוגעמאַכטער גרויסער בולגאַרישער אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו „באַפרייאונג", וועלכער האָט געהאַט 68.000 מיטגלידער, 140 פיליאַלן און 400 אַגענטורן. זיין האָב און גוטס איז קאָנפיסקירט געוואָרן. מיט דעמדאָזיקן אכזריות-דיקן טאַט האָט מען געהאַט די כוונה נישט בלויז איבערצו-שניידן די פעדעם פונעם פאָלקס-אחדות, נאָר אויך באַפרייען די סוחרימלעך פון דער געפערלעכער קאָאָפּעראַציע-קאָנקורענץ. לעצטנס האָט מען אָן אַ שום סיבה אַרעסטירט 17 מיטגלי-דער פון דער פאַריינס-צענטראַלע. די צענטראַלע פון די אומאָפּהענגיקע בולגאַרישע פאַריינען (35.000 מיטגלידער) איז צוגעמאַכט געוואָרן.

אין אַ מעמאָראַנדום פון די בולגאַרישע פאַרייִנען, דאַטירט דעם 13-טן נאָוועמבער 1924 און אונטערגע-חתמעט דורך די אָנפירער פון עלף פאַרייִנען, קענען מיר לייענען פאָלגענדיקעס: „מיר חזרן נאָכאַמאָל איבער, אַז אַלע אָפיציעלע מעלדונגען, לויט וועלכע ס׳קומט אויס, אַז די פאַרייִנען גייען אויף די טריט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שטימען נישט מיט דער ווירק-לעכקייט. די אַרכיוון און די סטאַטוטן פון די פאַריי-נען זענען אין די הענט פון דער מאַכט. זאָלן זיי ברענגען כאָטש איין פאַקט, אָדער באַווייזן איין דאָקו-מענט, וואָס זאָל פעסטשטעלן, אַז די פאַרייִנען האָבן אומלעגאַל געהאַנדלט".

פונקט אַזוי האָט מען געהאַנדלט אין אונגאַרן, וועלכע קען אויך פאַררעכנט ווערן צו די באַלקאַנישע לענדער. צוליב

אַ שטרייק האָט מען דאָרט צוגענומען די פּראָפעסיאָנעלע רעכט ביי גאַנצע סעקציעס, ביי שניידערס, טאָקערס נישט קיין קאָמוניסטן. אין רומעניע און בולגאַריע טאָלערירט מען בלויז אַזעלכע פאַריינען, וועלכע זענען גרייט זיך צו בוקן פאַר די הערשער. בכלל טאָלערירט מען בלויז די־דאָזיקע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע גיבן די גאַראַנטיע צו זיין שטענדיקע קנעכט.

די שיינע פאַריינס-צענטראַלע אין בעלגראַד, וועלכע האָט פּראָגרעסירט, איז דורך דער פּאָליציי קאָנפיסקירט געוואָרן און פאַרקויפט געוואָרן אַ סוחר, בעת 250.000 אַרבעטסלאָזע גייען אַרום אין יוגאָסלאַוויע (די רעגירונג באַטראַכט זיי ווי פאַרברעכער). דער אַרבעטער צאָלט דאָרט גרויסע שטייערן, כמעט 50 פּראָצענט פון זיין שכירות (ווייל אַרבעטס-לוין ווערט דאָרט באַטראַכט ווי הכנסה. די ביוראָקראַטיע, 200.000 באַאַמטע פּרעסן אויף 50 פּראָצ. פונם בודזשעט און זענען דערצו אַסעקורירט צו באַקומען עמעריטור.

אין בולגאַריע, אין 90 פּראָצ. אונטערנעמונגען, איז דער אַכט-שעהדיקער אַרבעטס-טאָג אָפּגעשאַפן. דאָס לעבן איז פערציק מאָל טייערער ווי פאַר דער מלחמה, און די שכירות האָט מען בלויז געהעכערט אויף פופצן מאָל אַזויפיל.

און שאַ, שטיל

אין דער היינטיקער רומעניע, אין יוגאָסלאַוויע און אין דערדאָזיקער בולגאַריע, וועלכע איז דער פּאַטעטישסטער ווינקל פונם באַלקאַנישן גיהנום, ווערט מעטאָדיש דערשטיקט דער שוואַכסטער אָטעם פון פרייהייט; זי ווערט אין די אויגן פאַרוואַנדלט אין אַ טויטער שטילקייט. און דאָס דריקט אין האַרץ, ווייל דאָס איז אַ שטילקייט פון אַ בית-עלמין. מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז די קעפּ, וועלכע האָבן זיך אויפגעהייבן, זענען אַראָפּגעהאַקט געוואָרן און די, וועלכע ווען דאָ אָדער דאָרט זיך ווידער אויפהייבן, וועלן ווידער אראָפּגעקלאַפּט ווערן. מען

וויסט, אַז אַלע לעבעדיקע און באַוווסטזיניקע אַרבעטער־כּוחות פון שטאַט און דאָרף זענען צעקלאַפּט, אָדער וועלן צעקלאַפּט ווערן. דידאָזיקע קאָלעקטיווע צעקריפּלונג גיט דעם איינדרוק פון אַן אַזוי־גערופענער „אָרדענונג”, וואָס פאַרשאַפט בלויז אכזריות אויף דער ערד. אָבער דער שלום איז תּכריכים, און די לעבעדיקע פאַרשטייען, אַז זייער עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פונעם ערשטן זשעסט, פונעם ערשטן וואָרט.

בולגאַריע, רומעניע, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד שטאַרבן אָפּ פונעם ווייסן טעראָר.

IV

געקרייצטע פעלקער

איצט, לאָמיר אַריינגיין אין די פּרטים פון די ענוים און מאָרדן, לאָמיר זיך שטעלן אויסער די אַלגעמיינע אויסדריקן און אַבּסטראַקטע סיבות, לאָמיר אַוועקגיין צו די קרבנות, זיי באַטראַכטן, זיי באַווייזן, און אויב מיר וועלן קענען — זיי איבערציילן.

ס'איז דאָ גענוג

אָבער אויפציילן זיי איז אַ שווערער ענין. איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן אַ סטאַטיסטיק, אויפזאַמלענדיק די אַלגעמיינע באַוווּסטע מערדערייען. אין דערדאָזיקער רשימה זענען דאָ אַ סך בלויזן: ס'זענען געוועזן צו פיל איינצלנע פאַלן און צו פיל גרופּעס. קיינער קען נישט אויפרעכענען די צאָל קרבנות פון די רעגירונגס-רעפּרעסיעס אין בולגאַריע, נאָכדעם ווי מיניסטער צאַנקאָוו איז אַרויף אויפן בענקל. מען רעכנט, אַז די צאָל געהרגעטע זאָל דערגרייכן ביז 18.000. דאָס איז די ציפער, וואָס ה' וואַנדערוועלדע האָט באַקומען. דערדאָזיקער מספּר שטימט אומגעפער מיטן עדות זאָגן פון די זיכערסטע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט. אַ וויכטיקע אומאָפּהענגיקע פּערזאָן, וועלכע געפינט זיך נאָך על-פּי-נס אויף דער פרייהייט אין סאָפיע, פאַרזיכערט, אַז אָנהייבנדיק פון דער מלוכה-פאַרשווערונג

(יוני 1923), ביז צום אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע (אַפּריל 1925), זענען אויסגעפּירט געוואָרן 15.000 מאָרדן; נאָכן אַטענטאַט 5.000.

די פּרויעזן-קאָמיסיע פון דער ענגלישער לייבאָר-פּאַרטיי, מעלדעט אין איר באַריכט פון 10 סעפּטעמבער, אַז בערך 20000 פּויערים, צווישן זיי 25 דעפּוטאַטן, זענען דערהרגעט און פאַרשווונדן געוואָרן.

ס'איז דאָ בערך אַ יאָר, ווי דער ענגלישער „ניו-לידער" האָט געשריבן: „מיר האָבן אַזעלכע פאַקטן, אַז מען קען זיך עס פשוט נישט פאָרשטעלן. פאַר איין חודש יאַנואַר האָט מען אין בולגאַריע אויסגעפירט 150 פּאָליטישע מאָרדן.

ה' טשאַרלז מאַוס, אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, האָט געשריבן: „דעם 22 אַפּריל, זעקס טעג נאָכן אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע זענען געווען 30.000 געפאַנגענע און 4000 אַרעסטן".

ס'איז געגוג, אַז דער מלך באָריס האָט עפנטלעך גערעדט וועגן טויזנטער קרבנות, ה' צאַנקאָוו וועגן הונדערטער געהרגעטע לערער; ס'איז גענוג, אַז גענעראַל קאָלפּאָוו, דער בולגאַרישער אויסערן-מיניסטער, האָט זיך אויסגעדריקט פאַר ה' ערסקין, דעם ענגלישן פאָרשטייער אין סאָפיע, אַז 5000 מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן בלויז אין סעפּטעמבער 1923. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער אָפיציעלער באַריכט איז עטוואָס באַשיידן. לייענענדיק אין די צייטונגען די קאָמוניקאַטן פון דער בולגאַרישער רעגירונג, אָן פירושים און אָן פּרטים, קען דער גלויביקער לייענער נאָך מיינען, אַז די אַלע שרעקלעכע בילאַנסן פון דער בולגאַרישער אכזריות זענען איבערטריבן. דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון בולגארישן אויסערן-מיניסטעריום, ה' קיסימאָוו, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די אַלע מאָרדן פון די רעוואָלוציאָנערן, זינט די רעגירונג האָט זיך געענדערט, זענען נישט אַריבערגעשטיגן איבער 3.500. די דאָזיקע ציפער איז שוין אויך זייער גרויס, אויב מען זאָל גלויבן אַזאַ אָנגעזעענעם פאָרשטייער פון סאָפיע. דערזעלבער,

בעת ער האָט מיך׳ אויפגענומען אין דער פראַנצויזישער פאַר־שטייערשאַפט, אין דער אָפּוועזנהייט פונם מיניסטער, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין זשענעווע, כדי דאָרט צו אַרבעטן פאַר דער זאַך פון אוניווערזעלער ברידערלעכקייט, איז דער איינציקער, וואָס האָט משער געווען, אַז נאָך סטאַמבאָליסקיס פאַל, האָט די צאָל פון די קרבנות דערגרייכט פון 2.500 ביז 3.000.

גענעראַל וואָלקאָוו, דער קריגס-מיניסטער, דער טיכטיק־סטער פון צווישן די מיניסטאָרן, האָט געמאָלדן אין דער „סאָבראַניע", אַז נאָכן אַטענטאַט פון 16 אַפּריל האָט מען אויסגעהרגעט בלויז 25 רעוואָלוציאָנערן! מען דאַרף האָבן חוצפּה, כדי צו דערציילן אַזעלכע מעשיות! דער דעפּוטאַט מאַלינאָוו, געוועזענער פּרעמיער, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם מיניסטערס רייד, האָט מיר דערציילט, אַז אין צו־זאַמענהאַנג מיט די מעשים פון 16 אַפּריל, איז ער געווען פאַרלייגט מיט ביטעס פון די קרובים פון 121 דערהרגעטע פּאָליטישע, וועלכע האָבן מיט זיך קענטיק פאָרגעשטעלט בלויז אַ טייל פון די קרבנות.

אינם בולגאַרישן רעגירונגס-אָרגאַן „דעמאָקראַטיטשעסקי סגאָוואָר" פונם 16 נאָוועמבער, איז געמאָלדן די פאָלגנדיקע סטאַטיסטיק פונם פאַרגאַנגענעם חודש אָקטאָבער: „46 מאָרדן (צווישן זיי 9 פרויען), 24 זעלבסטמאָרדן (צווישן זיי 9 פרויען), 15 שווער פאַרוווּנדעטע, 2 געפונענע מתים, 35 שטערבלעך־פאַרוווּנדעטע (צווישן זיי 5 פרויען), 3 פרוּוון פון זעלבסטמאָרד (2 פרויען), צוזאַמען 135 קרבנות פאַרן חודש אָקטאָבער. די פּאָזיציע „געפונענע מתים" אין דערדאָזיקער סטאַטיסטיק הייסט: פּערזאָנען, געהרגעט לויטן באַפעל פון דער רעגירונג.

אָט זענען עטלעכע שטעלן פון אַ געהיימען באַריכט פונם קריגס-מיניסטער, וועלכער וועט צעטרייבן די אילוזיעס בײַ די פּערזאָנען, וואָס באַציען זיך מיט געוויסער צוטרוי צו די באַ־ריכטן פון וואָלקאָווס רעגירונג:

„אַ געהיימער באַריכט פון קריגס-מיינסטער.

„אַלע מיליטערישע גאַרניזאָנען דאַרפן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די לאָקאַלע קאָמיטעטן פון דער רעגירונגס-פּאַרטיי, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות באַקעמפן די פויערים-פאַריינען און די קאָמוניסטן. נאָר קעגן זיי דאַרף מען אָנווענדן די שטרענגסטע מיטלען. צוערשט דאַרף מען אויסראָטן די אינטעלעקטועלע, די פעיקסטע און די סאַמע דרייסטע פון דידאָזיקע אידעען. מען דאַרף וואָס שנעלער צוזאַמענשטעלן אַ ליסטע פון דידאָזיקע לייט, כדי צו קענען, אין אַ גינסטיקע רגע, אויסהרגענען זייערע אַלע אָנפירער, שולדיקע אָדער אומשולדיקע. אומעטום, ווו ס'וועלן אויסברעכן עקסצעסן, וועט מען אָן שום רחמנות אויסשעכטן אַלע געפאנגענע, קאָנספּיראַטאָרן, מיטהעלפער און די אַלע, וואָס וועלן זיי פאַרבאַהאַלטן.

אויב די מורדים, אָדער די אומלעגאַלע וועלן זיך פאַרבאַהאַלטן אין אַ הויז, דאַרף מען זיי אונטערצינדן, און דערמיט איינשפּאָרן דער מאַכט פאַרלוסטן, בעת מען וועט זיי דאַרפן נעמען מיט שטורעם. איינצלנע זעלנער דאַרפן זיך פאַרזען מיט פּאָמפּעס, כדי צו באַשפּריצן די הייזער מיט נאַפט.

יעדער געפאַנגענער וועט ווערן געמשפט און ס'וועט אויף אים ווערן אויסגעפירט ווערן די שטראָף אין 24 שעה. אויף די מורדים וועט מען אויספירן דעם טויט-אורטייל אין די אויגן פון זייערע חברים. פאַר נישט פאָלגן די אָפיצירן וועט מען תיכף דערהרגענען אויפן אָרט. פונקט אַזוי וועלן אַרויסגעטראָגן ווערן טויט-אורטיילן אויף די, וועלכע וועלן פאַרראַטן דידאָזיקע אינסטרוקציעס".

מען דאַרף באַמערקן, אַז דערדאָזיקער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר דער פאַרשווערונג אויף דער קאַטעדרע.

אין אַ מיליטערישער פּראָקלאַמאַציע פון אויגוסט 1924,

איז געזאָגט געוואָרן, אַז די בולגאַרישע זעלנער וועלן שיסן אויף דער באַפעלקערונג נישט געוואָרנט. דאָס איז אַ שאַנדפלעק פאַר רעגולערע מיליטער, וואָס ס׳פּאַסירט זייער זעלטן.

אין לענדער פון שרעקלעכע מעשים

אונטערן פאַלשן תירוץ, אַז מען קעמפט קעגן רויטן טעראָר, קעגן פאַרשווערונגען, אָפּמאַכן, אויפשטאַנדן (וועלכע זענען מיט אַ כיוון שלעכט אויסגעטייטשט אָדער פּראָוואָצירט), דורך עקספּעדיציעס אין דערפער און דורך אויסשפּירונג אין שטעט, דורך „לעגאַלע” מאָרדן אָדער אומלעגאַלע, פאַרטיליקט מען מענטשן נאָך מענטשן.

געוועזענע מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן, קעמפער, אָפיצירן, גייסטלעכע, אדוואָקאַטן, דאָקטוירים, באמתע, זענען געפאַלן איינער נאָכן אנדערן רייענווייז. פון פאַרשידענע ביכער האָט מען אויפגענומען זייערע נעמען, זייערע יאָרן און די שרעקלעכע פּינקטלעכקייטן פון זייער גסיסה.

איך ברענג דאָ עטלעכע פאַלן: דער מאָרד פונם דעפּוטאַט פּעטקאָ פּעטקאָוו, מיט וועמען ס׳האָט פּאַסירט דאָסזעלבע ווי מיט מאַטעאָטין. פּעטקאָוו האָט געהאַט די דרייסטקייט עפנטלעך צו דעמאַסקירן די סאָפיזמען פון די בולגאַרישע פאַשיסטן און די פאַרברעכנס פון זייערע עקזעקוטאָרן. ער האָט איינמאָל באַוויזן אויף דער טריבונע דאָס פאַרבלוטיקטע העמד פון געוועזענעם דעפּוטאַט סטאָיעוו, וועמען די פּאָליציי האָט אכזריותדיק געשלאָגן. ער האָט דערפאַר אָנגעהייבן צו באַקומען דראָונגס־בריוו פון אַלע זייטן און ס׳איז ביי קיינעם שוין מער קיין ספק נישט געווען, אַז זיינע טעג זענען געציילטע. אים האָט געהרגעט דער לייטענאַנט ראַדיעוו, בעת ער איז ארויסגעגאַנגען פונם פּאַרלאַמענט. אויף זיין לוויה זענען געווען דריי טראַגישע פיגורן: זיין מאַמע, וועלכע האָט געקניט אויפן אָרט, ווו מען האָט אים געהרגעט, בעת דער צוג איז דורך דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, גענאַדיעווס אלמנה, סטאַמבאָליסקיס

אלמנה — ווייבער פון צוויי אַנדערע קרבנות, וועלכע האָבן געדינט אַלס סימן, אַז די הענקער זענען ביי דער מאַכט.

דאַשין, דער בירגערמייסטער פון סאַמאָקאָוו, איז אינמיטן העלן טאָג דערהרגעט געוואָרן אויף די גאסן פון סאַמאָקאָוו, דורך א רעגירונגס־אַגענט. האַדזשי־דימאָוו, א קאָמוניסטישער דעפּוטאט האָט געהאט דעמזעלבן סוף. סטראַשימיראָוו, אַ דע־פּוטאט און אַדוואָקאט איז אויך דערהרגעט געוואָרן אויף דער גאס דערפאר, ווייל ער האָט פארטיידיקט א קאָמוניסט, און דעם 6־טן מערץ 1925 איז איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, סטאָיאנאָוו, דער לעצטער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט דערהרגעט געוואָרן אויפן זעלבן אופן.

נאָך דער פארשווערונג אויף דער „קאַטעדרע", האָט מען אַ סך פּויערים־דעפּוטאַטן דערהרגעט אויפן וועג צו דער תּפיסה, דהיינו: פּעטרינין, קאָסאָקאָווסקין, דעם זשורנאַליסט גיענשאַראָוו און עטלעכע אַנדערע אָנפירער פון די פּויערים־און אַרבעטער־באַוועגונגען.

סטעפּאַן קיראַגיעוו, דער סעקרעטאר פון די טאבאַק־אַרבעטער, איז דערהרגעט געוואָרן, פּונקט ווי ס'איז דערהרגעט געוואָרן יעקאָ דימיטראָוו, דער סעקרעטאַר פונם פאריינען־פאַרבאַנד. מען האָט אויך געהרגעט וואַסיל געאָרגיעוון פון צענטראַלן טראַנספּאָרט־קאָמיטעט, דעם סעקרעטאר פונם פאריינען־פאַרבאנד אין וואַרנאַ (ער איז דערהרגעט געווארן דעם 9 יוני 1925, לכּבוד דעם יאָרטאָג פון דער מלוכה־פאַרשווערונג), טע־מעלקאָ נענאָוו, דער סעקרעטאר פונם שאַכטן־פאריין. מען האָט אויך דערהרגעט ניקאָלאַס גראַמאָווסקי, פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די באַנק־באַאמטע, איוואן מאַנדיעוו, מיטגליד פונם זעלבן קאָמיטעט, די דאָקטוירים צאַרווולאַנאָוו און וואַסיל איוואנאָוו,ביידע מיטגלידער פונם צענטראַלן קאָמיטעט פון די סאניטארן־אַרבעטער.

וואַסיל סטאַמבאָליסקי, אַ ברודער פונם עקס־מיניסטער איז דערהרגעט געוואָרן אין טאַטאר־באזארדזשיקער תּפיסה;

איידער מען האָט אים דערהרגעט, האָט מען ביי אים אַרויס־געריסן די אויגן.

דעם דאָקטאָר ספּאַס דופּאַריינאַוו האָבן אָפיצירן אין זעלנערישע בגדים מיט אַ מעסער דורכגעשטאָכן די הענט, דעם האַלדז און די פּלייצע, אין צונג, אויפן וועג פון פלאָוודיוו קיין סאָפיע, נאָכדעם האָט מען אים געשאָסן און אַרויסגעוואָרפן פון צוג. טאָדאָר טידאָרענקאָ איז צוגעבונדן געוואָרן פון הינטן צו אַן אויטאָ, וועמען א ראָד האט צעריסן אויף שטיקער אין די געגנטן פון ווידין. אַלעקסאַנדער אפּאַנאַסאָוו און נאַידיען קיראָוו האָט מען צונויפגערופן אין רוסער אונטערשטער פּרעפעקטור, און אַגענטן האָבן זיי דערשאָסן מיט רעוואָלווערן אויפן הויף פון דעמזעלבן בנין. אין דער אָפיציעלער פּרעסע האָט מען גע־מאָלדן, אַז זיי זענען געגאַנגען וואַרפן אַ באָמבע, און אַז זיי זענען אומגעקומען, בעת זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט קעגן דער פּאָליציי. וואַסיל מולעטאַראָוו און לאַמבי קאַנדיעוו און נאָך אַ פּערציק אַנדערע אומגעוווּנטשענע פּערזאָנען, זענען דערהרגעט געוואָרן אין עס־צימער פון 6־טן פּולק, אין סאָפיע. ענען מאַרקאָווסקי איז פּאַרסמט געוואָרן אין שומענער שפּיטאָל.

אַ חוץ די, וואָס איך האָב אויסגערעכנט, ברענג איך נאָך עטלעכע פאַלן, וועגן וועלכע מען האָט באַזונדערס גע־שמועסט.

דערהרגעט אין גאַס: נ. גענאַדיעוו, מאַרין פּאָפּאָוו, גאָראַן פּעטקאָוו, סטאָיאַן קאָלאַצאָוו, יאָרדאַן ווישעגראָדסקי, קאָסטאַ איליעוו, קאָסטאַ ענטשעוו (דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט, ברוסט און בויך דורכגעלעכערט), באָריס־האַדזשי סאָטיראָוו (די הינט האָבן אויסגעגראָבן זיין צעפּיצלטן קערפּער), האַסען־האַדזשי וואַסיליעוו, גאַוטשאָ פּאַגנאָוו א. אז. וו.

דערהרגעט אין תּפיסה אָדער אין קאָמיסאַריאַטן: נעדעלשאַ געאָרגיעוו, אַנגעל קראָסקאָוו, איוואַן פּאַרוואַנאָוו, וואַלקאָ גאַר־וואַנסקי, קאָמאָן פּעטראָוו, אַלעקסאַנדער־האַדזשי פּעטראָוו, איוואַן דימיטראָוו, וואַסיל וועלוטשקאָוו, יאַנקאָ היידוקאָוו, קריסטאָ באָיאַיטשקי, אַנגעל וויסאָקאָוו, דימיטרי קאָנדאָוו, א. אז. וו.

אַוועקגעפּטרט, בעת מען האָט געפירט אין תּפיסה אַריין, אָדער פון איין לאָקאַל אין צווייטן: דאָנעו מאַטאָוו, איוואַן קאָזשוטראַראָוו, קאַנטשאָ טשאַמאָוו, געאָרגי דאַמיאַנאָוו, פּעטקאָ עניעוו, א. אז. וו.

דאָס זענען עטלעכע נעמען, היות מען דאַרף ברענגען נעמען, אויסגעקליבן צופעליק, אין שטויסן פּאַפּירן, וועלכע ליגן פאַר מיינע אויגן. מען דאַרף אויך אַ בליק טאָן אויף די מאַסן-עקזעקוציעס.

דידאָזיקע מאַסן-שחיטות זענען הויפּטזעכלעך פאָרגעקומען: אין בולגאַריע נאָכן פאַלן פון סטאַמבאָליסקיס רעגירונג, נאָכ-דעם אין 1923, בעת די אומרוען אין די דערפער (5000 קרבנות) און נאָכן אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע (5000 קרבנות); אין רומעניע, בעת דער אָקופּאַציע פון די נייע פּראָווינצן (אין בעסאַראַביע אַליין האָט מען געהרגעט 18.000 פּויערים).

איינער אַן אנטלאָפענער פון בולגאַריע, וועלכן איך האָב געזען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט מיר דערציילט געוויסע פּרטים וועגן די רעפּרעסיעס אויף פּויערים. ער געפינט זיך איצט אויסערן תּחום פון דידאָזיקע ווילדע חיות. אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט: אָנקומענדיק קיין בורגאַס, האָבן מיר געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו באַקעמפן די אומלעגאַלישקייט פון דער רע-פּרעסיע. אָבער דער קאָמיטעט, באַקומענדיק באַצייטנס ידיעות, אַז מען וויל אים הרגענען, האָט ער זיך פאַרבאַהאַלטן אין די ווייגגערטענער. ס'זענען אָנגעקומען זעלנער און האָבן באַשאָסן די ווייגגערטענער. עפּעטים וואַלטשעוו פון בורגאַס און קרום אַפּאַנאַטאָס פון אייטאָס זענען דערשאָסן געוואָרן. צוויי חברים האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. איינער פון זיי, איוואַן ראַטשעוו, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס און ער האָט גערעכנט צו פאַרבלייבן ביי זיך אין בורגאַס און זיך היילן. אָבער זיין טאַטע, מורא האָבנדיק פאַר דער רעגירונג, האָט אים איבער-געגעבן דער מאַכט און ער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן מיטן גאַס. דער צווייטער חבר איז געגאַנגען זוכן עסן אין שכנות-דיקן דאָרף, האָט מען אים געכאַפּט. ער האָט געפּרוווט באַגיין

זעלבסטמאָרד דורך אָפּסמן זיך, אָבער אַ דאָקטאָר האָט אים אָפּגעראַטעוועט. דער חבר האָט געהייסן פּאַסקאַל נעגאָוו. די פּאָליציי, וויסנדיק, אַז נעגאָוו האט שטאַרק ליב זיין מוטער, האָבן זיי זי אַרעסטירט און אַ גאַנצע נאַכט איר אָנגעטאָן פאַרשידענע ענוים פאַר דעם זונס אויגן. אויף אַזאַ אופן האט מען אים געצווונגען אַרויסצוזאָגן דאס, וואס מען האָט געוואָלט. די פּאָליציי האט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז נעגאָווס סודות זענען צו קנאַפּ פאַר איר, האָט מען געהרגעט זיין מאַמען, צוקרייצנדיק זי צו אַ ברעט. אירע הענט און פיס האָט מען דורכגעהאַקט מיט טשוועקעס. דער גוף פון דער אַלטער פרוי איז געווען אַזוי צעקלאַפּט, צעשלאָגן און צעביילט, אַז אירע בגדים זענען אַריינגעוואַקסן אין איר לייב. נעגאָוו, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, צוגעבונדן פאַר די הענט און פאַר די פיס, איז משוגע געוואָרן, און אויפצומאָרגנס האָט מען אים דערשאָסן אינם לאָקאַל פונם הויפּט-שוץ".

דער בולגאַרישער גענעראַל קוזמאַזאָוו האָט אין די אויגן פון די עלטערן אויסגעשאָסן גרופּעס יונגעלייט און נאָכדעם געפאָדערט די עלטערן זאָלן אים אַ קוש טאָן אין האַנט. די דערפער, ווו ער פלעגט פאַרבייגיין האָבן הינט גאַנצע טעג אַרומגעשלעפּט מענטשלעכע גלידער. אַן אַנדערש מאָל האָט מען צוגעבונדן מענטשן מיט אַ שטריק צו אַ לאַסט-אויטאָ, איידער מען פלעגט אים לאָזן אין גאַנג. אין שטאָט פערדינאַנד (איך ברענג סתּם עטלעכע עפּיזאָדן), האָט מען אויסגעהרגעט אַלע פאַרוואונדעטע; נאָכמער, מען האָט געהרגעט צוויי פּופּצנייעריקע באַרמהערציקע שוועסטער און צוויי דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיי געפלעגט; שפּעטער האָט מען געהרגעט 22 קינדער אָדער ברידער פון די מורדים. מען האָט אפילו דערהרגעט די, וועמען מען האָט פאַרשפּראָכן באַגנעדיקונג, אויב זיי וועלן זיך אונטערגעבן.

נישט לאַנג איז געשטאַנען פאַרן געריכט דער רומענישער לייטענאַט מאָראַרעסקו. ער האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין אַ גאַנצע סעריע מאָרדן. ער האָט אָפּגעטאָן שרעקלעכע מעשים

אין אַ משך פון צוויי אָקופּאַציע-יאָרן אין בעסאַראַביע. די עדות האָבן וועגן אים דערציילט ממש פאַנטאַסטישע זאַכן. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער מאַכט, האָט ער געענטפערט: „זייער גוט, איך הרגע". ער האָט אויסגעשאָסן אַ וועלט מיט פּליטים, וועלכע זענען אַריבער די גרענעץ ביים דניעסטער און וועלכע ער האָט מיט הבטחות אויפדאָסניי פאַרנאַרט אין רומעניע. ער איז פון זייערע אַוועקגעראַבעוועטע זאַכן רייך געוואָרן. ער האָט געהרגעט אויפן וועג סיי מענער, סיי פרויען. ער פלעגט שרייען אויף זיינע זעלנער, אויב זיי פלעגן נישט הרגענען. אויב אַ פּויערטע, וועלכע זיי האָבן געוואָלט הרגענען האָט געטראָגן אַ קינד אויף דער האַנט, האָט ער אַליין דאָס קינד דערהרגעט. ער האָט געהייסן טאַנצן די פּויערים, איידער ער האט זיי דערהרגעט. די קרבנות, וועלכע ער האָט אַליין צורעכט געמאכט און זענען באַגראָבן לעבן דניעסטער, פאָרמירן אַ גרויסן בית-עלמין; נישט באַגראָבן זענען דאָרט בלויז די מתים, וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט זיינעם אַ חבר, אַ דאָקטאָר אין לאַבאָראַטאָריע צוליב וויסנשאַפטלעכע צוועקן, וועלכער האָט געבעטן מען זאָל אים וואָרענען פאַר דער עקזעקוציע. דערדאָזיקער מערדער, דער גנב, וואָס האָט באַרויבט מתים, דער דאָקומענטן-פעלשער, איז נישט נאָר פרייגעשפּראָכן געוואָרן, נאר מען האָט אים נאך באַגריסט. און דער גענעראַל עפּור האָט געמאָלדן אין געריכט, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַלער העלד. דער גענעראַל מאָראַרעסקו, וועמען דער מעכטיקער רומענישער שרייבער פּאַנאַיט איסטראַטי האָט עפנטלעך מכבד געווען מיט עטלעכע שרעקלעכע אמתן, איז באַשטימט געוואָרן, שמועסט מען, פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדע-אַגענט ביי דער רעגירונג.

ה׳ סלאַווייקאָ וואַסיליעוו, איינער פון די גרינדער און פון די אָנפירער פון דער מיליטערישער ליגע, וועלכער שעכט און שניידט אין בולגאַריע, האָט געשריבן: „דער אנטייל פון די אָפיצירן אינם סאָציאַלן און פּאָליטישן

לעבן פון לאַנד האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג. דער־צויגן אינם גייסט פון פליכט, ליבע צום פאָטערלאַנד, אַכטונג פאַר מאָראַל, וועלן די אָפיצירן קענען מיטהעלפן— אויסצוהיילן אונדזער פאָליטיש לעבן". סלאַווייקאָ וואַ־סיליעוו, וועלכער איז היינט מיניסטער, איז געווען קאָ־מענדאַנט פון טאַטאַר־באַזאַרדזשיקער געגנט, בעת דער מלוכה-איבערקערעניש דעם 9-טן יוני 1923. אונטער זיין אָנפירונג האט מען דערהרגעט סטאַמבאָליסקין. אין סעפטעמבער 1923 איז ער געווען קאָמענדאַנט אין פילי־פאָפאָל און ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פופציק געפאַנגענע, וועלכע מען האָט אויסגעהרגעט אין תּפיסה, און פאַר דער ווילדער בעסטיאַלישער שחיטה פון הונ־דערטער אַרבעטער, פויערים, סטודענטן, וועלכע מען האָט געפאַנגען און צעשאָסן אויפן וועג קיין טאַטאַר־באַזאַרדזשיק.

„געֶרעכטיקייט"

נאָך אַזעלכע סאָרטן אָפּעראַציעס, זענען דאָך נאָך פאַר־בליבן לעבעדיקע, ווייל מען קען נישט אָפּשניידן אַ פאָלק, ווי מען שניידט אָפּ אַ פעלז. ס'קומען פאַר מאַסן פּראָצעסן, צווישן זיי עטלעכע גאָר גרויסע פּראָצעסן.

אין בולגאַריע, די סטאַטיסטיק פון די פּאָליטישע מאַסן־פּראָצעסן, צוזאַמענגעשטעלט לויט די אָפיציעלע זשורנאַלן, גיט פאָלגנדיקע ציפערן, אָנהייבנדיק פון מאַי ביז אויגוסט 1925: פּראָצעסן 81; באַשולדיקטע 3.557; טויט-שטראָף געפאָדערט קעגן 600; פאַרמשפט 611; פאַרמשפט צום טויט 300. אין בולגאַריע ווארטן 300 מענטשן מען זאָל זיי הענגען; 4000 מענטשן וואַרטן אויף זייערע פּראָצעסן. נאָך דער אַפּרילער פאַרשווערונג זענען 1000 מלחמה-קעמפער פון דער דעמאָקראַטיע פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט.

דערצו דאַרף מען צוגעבן 2.800 באַשולדיקטע, קעגן

וועלכע מען פאַרפירט 30 נייע גרויסע פּראָצעסן, למשל: דער געוואַלדיקער פּראָצעס אין שומלאַ, 500 באַשולדיקטע; אין לאָם, 120 באַשולדיקטע; אין רוסע 130 באַשולדיקטע; אין האַסקאָוואָ 300 באַשולדיקטע). די בעסטע עצה פאַר די פּראָקוראָרן, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען מער שטאָף פאַר די באַשולדיקונגס-אַקטן זענען די ענוים בעת דער אויספאָרשונג. אַזוי איז מען זיך נוהג סיי אין רומעניע, סיי אין בולגאַריע. ה׳ ניקאָלאַי לופּו, דער אָנפירער פון דער צאַראַניסטישער אָדער פון דער אַגראַרישער פּאַרטיי, איינער פון די אנגעזעענסטע פּאָליטישע לייט אין רומעניע, מעלדעט פאַרן טריבונאַל אין 1923 יאָר: „די סיגוראַנצאַ איז אַן אָרגאַניזאַציע פון באַנדיטן, וועלכע שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום זאַך. די סיגוראַנצאַ-לייט ווערבירן זיך פונם אָפּפאַל פון אונדזער לאַנד. ווען איך בין געווען מיניסטער, האָט זי מיר שפּיאָנירט און האָט פאַרזוכט אויסצואיבן אויף מיר די ערגסטע שאַנטאַזשן”.

קאָסטאַ פּאָרוס בראַשור, וועלכע האָט אנגעהייבן אויפצווועקן די אייראָפּעישע איינגעשלאָפענע שטים, ברענגט 70 פאַלן, ווו די באַשולדיקטע זענען געצוווּנגען געוואָרן זיך מודה צו זיין אונטער פאַרשידענע ענוים. אויפן זעלבן אופן האָט זיך די סיגוראַנצאַ באַגאַנגען מיט פרויען און יונגע מיידלעך. די פרויען האָט מען אָנגעטאָן יסורים אין די אויגן פון זייערע מענער, און די מענער אין די אויגן פון זייערע פרויען. ס׳קען נישט זיין קיין מער ווילדע און ראַפינירטע באַהאַנדלונג, ווי די באַהאַנדלונג פון די פּאָליציי-קאָמיסאַרן, פון די סיגוראַנצאַ-אַגענטן, פון די אָפיצירן און אָפּט פון די אויספאָרשונגס-ריכטער, כדי נישט הרגענענדיק זיי—אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימום פיזישע ליידן פון די אומגליקלעכע, וואָס מען ברענגט פאַר זיי. אָפט ווערט דידאָזיקע אָפּעראַציע אָפּגעטאָן ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ דאָקטאָר, וועלכער מישט זיך אריין, בעת די לאַגע ווערט געפערלעך. מען שלאָגט ביז דער קרבן פאַלט אין חלשות, נאָכדעם מינטערט מען אים אויף מיט קאַלט וואַסער און מען שלאָגט ווייטער. מען שלאָגט מיט אייזערנע

רערן אַרומגעוויקלט מיט קאַוטשוק אַזוי לאַנג, ביז עס גיסט זיך בלוט פון די אויערן. מען גיסט קאָכעדיק וואַסער אין די אויערן. מען רייסט אַרויס די נעגל און מען האַקט אַרויס די ציין. מען לייגט אַרונטער אונטער די פּאַכוועס געקאָכטע אייער, וועלכע פאַרשאַפן שרעקלעכע יסורים. אין בעלגראַד, אין דער צענטראַלער פּאָליציי איז דאָ אַן אויוון, ווו מען שטעלט אַרונ-טער אונטער פלאַמען די קערפּער פון די געפאַנגענע, פון וועלכע מען וויל אַרויסקריגן אינפאָרמאַציעס. ער דערמאָנט אַ נאָמען פון אַ פרוי, וועלכער מען האָט אַריינגעשטעקט אַן אָנ-געברענטן אייזן אין איר געשלעכט-אָרגאַן. מען שטעקט אַריין נאָדלען אונטער דער צונג און אָנגעברענטע שפּילקעס אונטער די נעגל. ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע מאַשין, וואָס דריקט צונויף דעם קאָפּ, אַז ס'טראַסקעט אַזש דער שאַרבן. אין שומען פאַר-ווענדן די ספּעציאַליסטן היפּנאָטישע און עלעקטרישע מיטלען, כדי צו צווינגען די געפאַנגענע זיי זאָלן ריידן. עטלעכע מענטשן זענען געשטאָרבן אונטער זייערע הענט. מיר האָבן געזען אין שפּיטאָל אַ מענטש, וועמענס פיס זענען געווען צעדרייט און אַטראָפירט פון די אינסטרומענטן. דאָס זענען נישט קיין מעשיות פון סאַדיזם און טויט, וואָס מען דערציילט סתם אין דער וועלט אַריין. אויף דידאַקטיק אַלע יסורים זענען דאָ גענוג קאָנטראָלירטע באַווייזן. ס'איז נישטאָ קיין איין אַרעסטירטער, וועלכער זאָל אייך נישט דערציילן וועגן ענלעכע פאַלן... אין וואַרנע, אין אויספאָרשונגס-זאַל פון דער פּאָליציי, האָט מען געלאָזט אין באַוועגונג דריי אויטאָ-מאָטאָרן, כדי צו דערשטיקן די געוואַלדן. אַן עדות האָט אונדז דערציילט וועגן געאָרגי סטעפּאַנאָוו, אַן אַרעסטירטן מעטאַל-אַרבעטער, וועמען מען האָט צעריסן די ברוסט, אַז ער האָט נישט געקענט עסן און שלאָפן, וועגן אַ באַאַמטן פונם הויז ראַדיוואָעוו, וועמען מען האָט גע-שלאָגן און געברענט מיט אייזנס, אַז ער האָט נישט געקענט זיך האַלטן אויף די פיס. איינעם האָט מען געבראַכט פאַר זיינעם אַן אַרעסטירטן חבר, האָט אים יענער נישט געקענט דערקענען, אַזוי צעקאַליעטשעט איז ער געוואָרן נאָך זיין

אַרעסט. אין מאַי 1925 שרייבט דער רומענישער זשורנאַל „דאָמינעאַטצאַ" איבער דער אויספאָרשונג אין שייכות מיטן צענטראַלן קאָמוניסטישן קאָמיטעט: „מאַסן באַשולדיקטע וואַל-גערן זיך אויף דער ערד אָדער אויף בענק, פאַרחלשטע, מיט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ און אויפן האַרצן. אַ סך ראַנג-לען זיך אויף דער ערד מיט שוים אויף די ליפּן. מען דער-לויבט קיינעם נישט זיי צו דערלאַנגען הילף". ה' שאַפּיאיצאַ פון „זשענעווער זשורנאַל", וועלכער איז ווייט נישט קיין רע-וואָלוציאָנער, נאָר אַזוי צו זאָגן, די ערשטע טייל פון אַ רע-וואָלוציאָנער, אָדער פּשוט געזאָגט, אַן אָרנטלעכער מענטש, וועלכער פּראָטעסטירט קעגן אַלע אומפאַרדינטע יסורים, האָט באַשריבן אין אַ פּאָעטישער פאָרם די יסורים, וואָס מען פאַר-ווענדעט בנוגע די קאָמוניסטן אין די רומענישע תפיסות. ה' קאָנסטאַנטין מיל, אַ זשורנאַליסט, אַ פּאָליטיקער פון זייער מע-סיקע טענדענצן, אָבער אַ מענטש מיט האַרץ, האָט באַשריבן מיט באַגייסטערטער אויפרעגונג די אַזוי-גערופענע „זשאַבע-יסורים". דאָס ווערט אַזוי געטאָן: אַן אויפגעקאָרטשעטן בינדט מען צו דעם געפאַנגענעם אַרום אַ שטאַנג, וועלכן מען דרייט און מען לאָזט אַראָפּ אויף דער ערד; און ס'איז אויך דאָ אַ פּייניקונג-אינסטרומענט, וואָס הייסט „טרעפּער", אַ מין הענטשקע, וואָס דריקט און ברעכט די פינגער-געלענקן... אַזוי לאַנג ביז דער אַרעסטירטער איז זיך מודה".

„דער און דער איז געשלאָגן געוואָרן": דאָס איז אַן אויסדרוק, וואָס די באַלקאַנער, וועלכע ריידן פראַנצויזיש, באַ-נוצן. דערדאָזיקער אויסדרוק איז געוואָרן באַנאַל; ער רעדט גאָרנישט פאַר די אויגן. די געפילן ווערן שנעל פאַרטעמפּט אויס רגילות, בעת ס'האַנדלט זיך וועגן פאַקטן, וועלכע מ'האָט נישט געזען, נאָר וועגן וועלכע מ'האָט בלויז געהערט. דאָך זאָל מען זיך פּראָבירן פאָרצושטעלן אַ לעבעדיק בילד, ביי אַ טריבער דעקאָראַציע פון פּאָליציייִשע לאָקאַלן: אנטוואָפנטע, צוגעבונדענע מענטשן, און נאָך מענטשן, אַ סך מענטשן, שטאַרקע מענטשן, וואָס וואַרפן זיך אויף זיי, שלאָגן, הרגענען,

צעבלוטיקן מיט אַ געוואַלדיקער אכזריות, אַ דאַנק פאַרשידענע מאַשינעס, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט, לייב, וואָס גיט נישט קיין ווידערשטאַנד, וואָס קען בלויז שרייען, וועלכע הייבן אָן זייערע כסדר נייע סעריעס ענוים, און נאָכדעם ווידער דאָסזעלבע...

אַ גרויסע צאָל אַרעסטירטע פון ה׳ צאַנקאָווס אָדער ה׳ בראַטיאַנוס „פאַציפיסטישן אָדער דעמאָקראַטישן״ רעזשים, האָבן פאַרקירצט זייערע יסורים, אַרויסשליידערנדיק זיך דורכן פענסטער. דורכגייער האָבן געזען זייערע קערפּער און באַמערקט, ווי די נעגל פון זייערע פיס זענען אַרויסגעריסן, דאָס פנים צעביילט פון קלעפּ. מען האָט אַרויפגעטאָן קראַטעס אויף די פענסטער, כדי די מאַרטירער זאָלן נישט קענען האָבן אַ לייכטן טויט. אין אַנדערע פאַלן, ווי דער פאַל מיט מאַדאַם גיטשעוואַ, אַן אַרכיטעקטאָרס אַ פרוי, וועלכע איז געשטאָרבן אין סאָפיער תפיסה, ווערט דאָס וואָרט „זעלבסטמאָרד״ בלי ספק באַנוצט, ווי אַן אָפיציעלער עפעמיזם.

אַזויווי מען קען אומעטום זיך נישט אָפּשטעלן, טאָ לאָמיר פאַרבייגיין דידאָזיקע אומגעזעצלעכקייטן, וועלכע באַשמוצן די פּאָליטישע פּראָצעסן אין אַלע באַלקאַנישע לענדער. ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז דער גאַנצער פּראָצעס וועגן דער פאַרשווערונג אויף דער קאַטעדרע, איז געווען באַזירט אויף אומגעזעצלעכקייט פון יורידישן שטאַנדפּונקט: די פאַרווענדונג פונם דעקרעט וועגן באַלאַגערונגס-צושטאַנד. ס׳איז בולט פאַר אַלע יוריסטן, אַז דער מיליטערישער דעפּאַרטאַמענט איז געווען קנאַפּ באַהאַוונט, כדי צו משפּטן דעם טאַטאַר-בונאַרער ענין, אַזוי ווי איך באַמי זיך עס צו באַווייזן אין מיינער אַן אָפּהאַנדלונג, ספּעציעל געווידמעט דעמדאָזיקן ענין, וואָס דער לעזער וועט שפּעטער לייענען. אין טאַטאַר-בונאַרער פּראָצעס זענען די ענוים פאַרווענדעט געוואָרן נישט בלויז אויף די באַשולדיקטע, נאָר אויך אויף די עדות.

מאָרדן אין „סעריעס"

אין הונדערטער, אין טויזנטער פאַלן האָט מען זיך נישט באַמיט צו לאָזן אין גאַנג דעם יורידישן אַפּאַראַט. אין בולגאַרישן דעפּוטאַטן־הויז האָט מען אויסגעדריקט פאָלגנדיקעס: „די ווילקיריעס און מאָרדן חזרן זיך עפּטער איבער ביי דער איצטיקער רעגירונג, ווי ביי סטאַמבאָליסקיס". די איינצלנע מערדער זענען אומבאַשטראָפט. בעת מען האָט דעם דעפּוטאַט טעאָדאָר סטראַכאָמיראָוו צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף דער גאַס אינמיטן העלן טאָג, האָט די פּאָליציי נישט געלאָזט דעם עולם אַרעסטירן דעם מערדער. דעם מערדער פון פּעטקאָ פּעטקאָוו האָט מען געכאַפּט און תיכּף אַרויסגעלאָזט, מאָטיווירנדיק, אַז דערדאָזיקער מאַן איז אַ פּאָליציי־אַגענט, וועלכער האָט פאַרפאָלגט אַ פאַרברעכער.

קיין שום פּראָצעסן האָט מען נישט פאָרפירט קעגן די מערדער פון פּאַנטשע מיכאַעלאָוו און פון צוויי אָדער דריי טויזנט אַנדערע. די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, וואָס באַווייזן זיך אָפט אין די צייטונגען, בעת ס'האַנדלט זיך וועגן אַ באַוווסטע זאַך, מעלדן פּשוט: געהרגעט דורך אומבאַקאַנטע פּערזאָנען. און דער ענין איז דערליידיקט.

דער „ראַדיקאַל", דער אָרגאַן פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי אין בולגאַריע, האָט פעסטגעשטעלט אין יאַנואַר 1926, אַז „במשך פון דריטהאַלבן יאָר האָט מען רעגיסטרירט איין פּאָליציי אַגענט, וועלכער איז געוואָרן באַשולדיקט און פאַרפאָלגט פאַר זיינע מעשים".

די גרענעץ־וואַך אַרעסטירט נישט די אָפיציעלע מערדער: מען האָט געהרגעט פּאַניטצען אין ווין, טשאַולעוון אין מילאַן, — אין ביידע פאַלן מיט דער הילף פון די בולגאַרישע לעגאַציעס אין דידאָזיקע שטעט. מען האָט געהרגעט דאַסקאַלאָוון אין פּראָג, א. א. וו.

אין יוגאָסלאַוויע האָט מען אַרעסטירט און דערקענט

אַ געוויסן דונגאַרסקי, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די מאָרדן אויף די „אַנפירער" אין אויסלאַנד און געהרגעט עטלעכע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט קיין בולגאַריע צוליב דער געשאָנקענער אַמנעסטיע.

מען האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, וואָס אַ מערדער סטאַנטשעוו, אַ פאַרקויפטער אַגענט ביי הער צאַנקאָוון, האָט אַדרעסירט צו איינעם אַ באַאמטן סטאָילאָוון. דערדאָזיקער בריוו דערציילט וועגן פאַרשידענע מאָרד־פּראָיעקטן, וועגן די מיטלען און וועגן דער מאַכט, וואָס דער אונטערגעשריבענער באַזיצט. דאָס דעקט אויף אַ פאַרשלייערטן ווינקל, נישט בלויז פון דעמדאָזיקנס געמיינער פּסיכאָלאָגיע אַליין, נאָר אויך וועגן די מעשים פון דידאָזיקע פאַרשווינען אין אויסלאַנד, וועלכע זאָגן „מיר", גלייך ווי מלוכה-לייט. דאָס איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור „וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין בולגאַריע", דורך כ. מאַוס. נאָך אַ בריוו, וואָס איז נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך ראַדעוון, דעם בולגאַרישן מיניסטער, אין רוים. דידאָזיקע אַלע בלוטיקע ווערים געפינען זיך איצט אויף דער פריי אויף די גרויסע וועגן פון דער וועלט.

...דידאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע אָפּגעצאָלטע מערדער אין מונדירן, האָבן אויסגעהרגעט 2.000 אַרבעטער און פּויערים אין לאָם פּאַלאַנקאַ, אין בולגאַריע. בלויז אין טאַטאַר-בונאַר אַליין האָבן זיי אין איין טאָג אונטערגעצונדן 69 הייזער, געהרגעט 69 פּויערים אין אַ קלויסטער-הויף און 100 דערשאָסן אויף דער גאַס. אין אַן אַנדער אָרט פון בעסאַראַביע האָט מען אין 1924 הונדערטער פּויערים דערטרונקען, צונויפגעבונדן אין פּירן. דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן לויטן באַפעל פונם שוץ-אָנפירער, יוסאַרעסקו — און אַזעלכע מעשים האָבן זיך חדשים-לאַנג איבערגעחזרט. דער באַאַמטער שטייט גאַנץ אָפּט נישט העכער פונם אַמאָליקן זעלנער און פונם גאַלערע-אויפזעער. ה' קאָסטורקאָוו האָט באַוויזן אין דעפּוטאַטן-הויז, אַז דער פּרעפעקט פון בעלאָגראַדזשיק איז געווען פאַרמשפּט פאַר קאָמונאַלע

פאַרברעכנס. אין דער מלוכה פון פערדינאַנד האָענצאָלערן, איז דער זשורנאַל „ווילאַג" פון טאַרגו-מורעש קאָנפיסקירט געוואָרן, ווייל ער האָט אַנטפּלעקט די מיסברויכן פון פּרעפעקט וויקטאָר מאַיאָר צום שאָדן פון 280 פויערים. אין איין אָרט האָט מען באפרייט אַ פּאָרזיצער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו פון די אָנקלאַגעס קעגן אים, ווייל ער האָט אויף אַ פאַלשן אופן אָנגעמסרט אויף קאָמוניסטן און גורם געווען מען זאָל זיי הרגענען.

איינער, קאָראַלאָוו, וועמען מען האָט שטאַרק פאַרפאָלגט און האָט באַוויזן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, דערציילט וועגן אַן עקזעקוציע-סצענקע, ווי ס'האָט אים איבערגעגעבן אַ פּאָלי-ציימאַן, אַן עקס-סאָציאַליסט:

„זיבן מאַן זענען צוגעבונדן געוואָרן איינער צום צווייטן, פאָרמירנדיק אַ לעבעדיקע וואַנט.

„מען האָט זיי געהרגעט מיטן שווערד. מען האָט געטאָן לויטן באַפעל: נישט הענגען זיי, נאָר הרגענען מיט קאַלטן וואָפן. ווער זענען זיי?

„איינער איז אַרעסטירט געוואָרן, צוריקקומענדיק פון זיין זונס לוויה. דער צווייטער אין זיין ווייַנגאָרטן, דער דריטער האָט אָפּגעשיקט האָבער...

„דער עקס-סאָציאַל-דעמאָקראַט ווייס דערפון, אָבער טוט זיין פליכט: אין נאָמען פון דער רעגירונג...

„ס'הערן זיך טויבע קלעפ, וועלכע שמייסן, פליקן, צע-שמעטערן פלייצעס און נאַקנס. מען הערט אַ טראַסקעריי פון ביינער. זיי פאַלן. אינדערפינסטער פילט מען, ווי זיי באַוועגן זיך אין זייער גרוב.

„די לאָפּאַטעס בייסן די ערד, שטיקער ערד פליען. און מען הערט פון דעמדאָזיקן גרוב, צווישן דעם גערויש פון די לאָפּאַטעס, אַ רחמנותדיקן קול: „איך לעב נאָך!..."

די ענוים פון געפאַנגענע

ס'איז שווער צו געבן אַ פולשטענדיקן באַגריף אין דער דערציילונג וועגן די יסורים, וואָס די געפאַנגענע האָבן

אויסגעשטאַנען אין בולגאַריע, רומעניע און יוגאָסלאַוויע.

אין רומעניע געפינט זיך אַ ספּעציעלע תּפיסה פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז די צענטראַלע תּפיסה דאָפּטאַנאַ. זי האָט ספּעציעלע קאַרצערס. די בעטן גייען אַריין אין וואַנט. בייטאָג הייבט מען זיי אויף, און די אַרעסטירטע מוזן בלייבן אויף די פיס אַ גאַנצן טאָג. דאָס עסן איז געמיין און די אַרעסטירטע ליידן הונגער. די תּפיסה באַזיצט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, די „N" אָפּטיילונג, די אָפּטיילונג פון פייניקונג. דאָרט פייניקט מען הונדערטער, טויזנטער אַרבעטער און פויערים. ביי די אַרעסטירטע פון דערדאָזיקער אָפּטיילונג זענען געשמידט די הענט און די פיס, און דריי מאָל אין דער וואָך האָבן זיי אַ „שוואַרצן תּענית" (טרוקן ברויט מיט וואַסער).

איינגעשפּאַרט אין אמתע שטיינערנע זעק, וועלכע מען רופט אַן „גערלעס", אויסגעהאַקט פון איין שטיק בעטאָן, וואַרטן דאָרט די אַרעסטירטע אויפן טויט, וועלכער וועט זיי באַפרייען פון די ווערים און פון די יסורים. זיי קענען זיך נישט באַוועגן און מוזן שלאָפן שטייענדיקערייט. דאָס איז אַ ווערטיקאַלער קבר.

פאַרן קלענסטן פאַרברעכן אָדער פעלער, למשל: פאַר נישט באַגריסן, פאַרשליסט מען זיי אין קאַזעמעטן, ווו זיי מוזן בלייבן זיצן אויף צעמענט אין וואַסער, די הענט און די פיס געשמידט. די, וואָס פאָדערן אַ מענטשלעכע באַהאַנדלונג, ווערן פאַררעגיסטרירט. מען פאַרמשפּט זיי אויף איין, צוויי, פינף יאָר תּפיסה און מען פירט זיי אַרום פון תּפיסה צו תּפיסה. זיי פאַרבלייבן בלויז איין וואָך אין יעדער תּפיסה און מען האַלט זיי תּמיד אין קאַרצערס, הענט און פיס געשמידט אין קייטן, אָן וועש, אָן בגדים; זיי מאַכן אויף אַזאַ אופן אַ רייזע איבער גאַנץ רומעניע.

אין דאָפּטאַנאַ איז דאָ אַן אָפּטיילונג „ה", ווו מען זעצט איין אומדיסציפּלינירטע אַרעסטירטע. דאָרט זענען דאָ קאַרצערס 3 מעטער די לענג און אָנדערטהאַלבן די ברייט, אָן לופט, אָן בעטן, אָן טישן און שטולן, אָן שום סאַניטאַרע איינריכטונגען.

נישטאָ קיין וואַסער צום וואַשן זיך, חדשים לאַנג גיט מען נישט קיין וועש. דאָס עסן איז עקלהאַפט און אויך צו קנאַפּ! (30 קילאָ זופּ א־יף 200 אַרעסטירטע). מען גיט זיי נישט־אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל, וועלכע מען לייגט אַריין אין אַ קעסל: מען קאָכט עס אויף, מען גיסט נאָכדעם צו שמוציק וואַסער ביז אינדערהויך (וואַסער, וואָס מאַכט געשוואָלן דעם בויך און פאַרשאַפט נירנענטצינדונג). די אַרעסטירטע טרינקען פון דערזעלבער כלי, סיי די טובערקולאָזע, סיי די סיפיליטיקער. מען טוט זיי אַרויף האַנט־קייטן, און מען קען תיכּף וויסן, צי זייערע הענט זענען מאָגערער געוואָרן. מען איז זיי כּסדר מכבד מיט שטעקנס. די אַרעסטירטע, וועלכע מען שלאָגט אין די פּיענטעס קענען מער נישט גיין, ווען מען פירט זיי אַריין צוריק אין זייער צעלע. ס'איז פאַרווערט, אַז זייערע חברים זאָלן זיי אונטערהאַלטן.

אַזאַ מין רעזשים איז שווער אויסצוהאַלטן מער פון עטלעכע חדשים. ווען מען גייט פון דאָרט אַרויס, גייט מען אַרויס אַ משוגענער, אָדער אַן עפּילעפּטיקער, און גיכער פון אַלץ שטאַרבט מען. פון 53 אַרעסטירטע, וועלכע זענען אָפּגעזעסן אין דער „ה״־אָפּטיילונג, זעקס חדשים, זענען בלויז 12 געבליבן לעבן. פרילינג 1923 זענען געווען 38 טויטפאַלן אין דאָפּטאַנאַ, 36 פון זיי זענען געשטאָרבן אין דער „ה״־אָפּטיילונג.

ווען די אַרעסטירטע זענען קראַנק, לאָזט מען זיי שטאַרבן, ווי ס'האָט פאַסירט אין זשיליאַוואַ מיט איוואַנוצן, דעם שווינדזוכטיקן. ס'איז דאָ איין דאָקטאָר, וועלכער רירט זיך קיינמאָל נישט צו צו די אַרעסטירטע. ער באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס ער נאַרט אויס פלאַשן ווײַן ביי די עלטערן, כּדי אַוועקצושיקן דעם חולה אין אַ סאַנאַטאָריום. איך האָב געזען אַן אומפאַרמעגלעכע פרוי, ביי וועלכער דער דאָקטאָר האָט געבעטן 10.000 לעי, און דערפאַר וועט ער דעם מאַן אירן אַריבערפירן אין שפּיטאָל. זי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט באַווייזן אַזאַ סומע.

לויטן געזעץ טאָר מען אין דאָפּטאַנאַ נישט פאַרבלייבן

מער ווי זעקס חדשים. ס׳זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע זיצן שוין דאָרט גאַנצע 5 יאָר פאַר „פּאַציפיסטישער" אָדער „סינדיקאַליס־טישער" פּראָפּאַגאַנדע.

ה׳ טשערנאַק, דער הויפּט-פּאַרוואַלטער איבער די תפיסות, האָט איינגעפירט צוואַנגס-אַרבעט פאַר די געפאַנגענע, כדי צו האָבן פון זיי נוצן. זיי אַרבעטן אונטערן שטעקן. זעלנער, מיט באַגנעטן אין די הענט, לאָזן זיי נישט טרינקען, אָדער גיין אויף זייערע באַדערפענישן, אויב די אַרבעט איז נישט פאַרענדיקט.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַרעסטירטע באַמיען זיך צו באַגיין זעלבסטמאָרד. זיי קענען העכסטנס איינאָרדענען אַ הונגער־שטרייק. נעמען זיך דאָס לעבן איז אַ שווערע זאַך. מען האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט אָפּסמען מיט יאָד.

ס׳קומען פאַר אומרוען, וואָס די דירעקציע און די וועכטער, די מנובלים, זענען גורם. אַן עפּילעפּטיקער, בעת אַן אָנפאַל, איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ וועכטער, וועלכער האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מען האָט אים געוואָלט הרגענען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע סעריע פון רעפּרעסיעס.

די מיליטערישע פעסטונג אין זשיליאַווע איז דורך די דייטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה, בעת זיי האָבן אָקופּירט בוקאַרעשט. ס׳איז אַ קבר פאַר די לעבעדיקע. די תפיסה איז פון בעטאָן און איינגעגראָבן אויף 10 מעטער אין דער ערד. דער רעזשים איז זייער אַ שטרענגער. די „דיס־ציפּלינירטע" זענען אין אַ משך פון צען טעג פאַרקלאַפּט אין די „צעמענט-זעק", ווו זיי קענען זיך נישט באַוועגן.

די תפיסה אין וואַקאַרעשטאַ איז די גרעסטע תפיסה אין רומעניע. זי איז געבויט פאַר 2000 פּערזאָן; דאָך געפינען זיך דאָרט ביי דער איצטיקער צייט נישט קנאַפּער פון 3.000. די דיסציפּלינירטע זענען פאַרשלאָסן אין ספּעציעלע קאַרצערס, פון צוויי מעטער, וועלכע מוזן דאָרט שטיין.

דער רעזשים אין די תפיסות און דער גורל פון די געפאַנגענע איז אין אַלע באַלקאַנישע לענדער ענלעך צו רומעניע.

באַשרייבן זיי, הייסט אָנהייבן די גאַנצע באַשרייבונג פונדאָס־ניי, ענדערנדיק בלויז די אייגן־נעמען.

לעצטנס, נאָך דער ענדערונג פון מיניסטאָרן־קאַבי־נעט, האָט ה׳ מאָרפּאָוו, דער בולגאַרישער געזאַנדטער אין פּאַריז, זיך מודה געווען פאַרן קאָמיטעט, וואָס פאַר־טיידיקט די קרבנות פון ווייסן טעראָר, אַז ער ווייסט, דאָס דער פּאָליציי־שעף האָט געשלאָגן דעם ה׳ לעזשער. ה׳ לעזשער איז איינער פון די דריי פראַנצויזן, וועלכע זענען צוערשט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, נאָכדעם אויף לאַנגיעריקע תּפיסה, דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַריינגעלאָזט צו זיך אַ פלומרשטן פאַרשווערער פון דער קאַטעדרע. (די צוויי איבעריקע געפאַנגענע זענען מאַדאַם לעזשער און מאַדאַם ניקאָלאָוואַ)

די רעכט פון פאַרטיידיקונג? זיי עקזיסטירן לגמרי נישט. אין בולגאַריע האָבן די אַדוואָקאַטן נישט קיין רעכט צו ריידן אויג אויף אויג מיט די אַרעסטירטע, וועלכע זיי פאַרטיידיקן; אַ באַאַמטער איז אָנוועזנד ביים שמועס.

די בולגאַרישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן איבער דער טערקישער גרענעץ, האָבן אונדז דער־ציילט וועגן דער ווילקיריע, בעת זייערע אויספאָרשונגען. צייטנווייז האָט די אויספאָרשונג געמאַכט אַ פשוטער קאַפּראַל, אָן אַגענט. אין אַ סך פאַלן פרעגט מען גאָרנישט אויס די באַשולדיקטע. אין רומעניע זענען דאָ אַ סך ביישפּילן, ווי מיט איוואַנוצן, וועלכן מען האָט אַרעסטירט אָן שום ספּעציעלע מאָ־טיוון, פּשוט פאַר זיינע איבערצייגונגען, ווייל ער האָט גע־האַלטן פאַר אַ פלעביסציט אין בעסאַראַביע; ער איז אָפּגעזעסן אין תּפיסה פיר מיט אַ האַלבן חודש פאַר דער אויספאָרשונג און געשטאָרבן פון שווינדזוכט. אַנדערע זענען אַזוי יאָרנלאַנג אָפּגעזעסן.

דער רומעגישער אַדוואָקאַט בוזשאָר, וועלכער איז אַריינ־געשליידערט געוואָרן אין אַ קאַרצער אָן אַ פענצטערל, אין

משוגע געוואָרן. דער בולגאַר אַזען וואַפּטצאַראָוו איז משוגע געוואָרן פונם קאָמפּרעס, וואָס מען טוט אַרויף אויפן קאָפּ מיט דער הילף פון דער טאָרטור־מאַשין. מען האָט אים אָפּגעלאָזט אַהיים. דאָרט הרגעט ער מיט אַ האַק זיין ווייב, זיינע קינדער און הענגט זיך נאָכדעם אַליין אויף.

איצט האָט מען באַוויזן, אַז דער זשורנאַליסט הערבסט איז לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אינעם אַפּאַראַט פון דער צענטראַלער באַהייצונג פונם הויפּט־שוץ אין סאָפיע. (די גע־ביידע איז קאָנפיסקירט געוואָרן ביים גרויסן קאָאָפּעראַטיוו אָסוואָבאָזשדעניע). גלייכצייטיק האָט מען זיך אויף אַזאַ אופן באַגאַנגען מיט צוויי אויסגעדינטע אָפיצירן און מיט נאָך אַ זשורנאַליסט. ער איז געווען אין אַ שטענדיקער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג און ער האָט געשריבן אין זיין זשורנאַל „וויק" אַן אַרטיקל, וואָס איז נישט געפעלן געוואָרן אין די הויכע מקומות.

מאַקס גאָלדשטיין, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגיעריקע תּפיסה אין בוקאַרעשט, האָט געמאָלדן אַ הונגער־שטרייק, היות אַזאַ לעבן אין תּפיסה איז אַ שטענדיקע מאַ־טערניש און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. זיינע קרובים זענען צו אים צוגעשטאַנען און אויפן פערציקסטן טאָג האָט ער מסכים געווען אָנצונעמען שפּייז; אָבער דער פאַר־וואַלטער פון דער תּפיסה האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אים נישט לאָזן עסן. אין צען טעג אַרום איז ער גע־שטאָרבן. דעמזעלבן באַפעל האָט מען אַרויסגעגעבן אין דער רומענישער תּפיסה, דאָפטאַנאַ, בנוגע 27 פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן צוערשט אָנגעהייבן, נאָכדעם אויפגעהערט דעם הונגערשטרייק. ווען מען האָט דידאָזיקע ידיעה פאַרעפנטלעכט, האָבן די 27 אַרעסטירטע שוין דריי וואָכן נישט געהאַט גע־געסן. אין עטלעכע שטעט פון דער אַלטער רומעניע און אין טראַנסילוואַניע, האָט מען אַרעסטירט מאַסן אַרבעטער, ווייל זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם מערדערישן טאַט בנוגע מאַקס גאָלדשטיין.

כדי אָפּצושוואַכן די אכזריות פון זייערע הענקער, האָבן די געפאַנגענע איין פּריוויליקן מיטל: הונגערשטרייק. מען האָט אויספּירלעך באַשריבן דעם אומגעהויערן גרויל פון די לייבלעכע פּרייוויליקע ענוים, וואָס פאָדערט אין די ערשטע טעג איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג פון דער נשמה.

איך האָב אויפגענומען די איינדרוקן פון עטלעכע פּערזאָנען, וועלכע האָבן צו דעם צוועק מקריב געווען זייער לייב. צום אָנהייב לעבט מען איבער אַ שטאַרקן הונגער-געפיל, וועלכער פאַרשטאַרקט זיך בעת די עס-שעהן. ביינאַכט איז מען פאַרפאָלגט פון קאָשמאַרן: דער מענטש זעט שפּייזן, וועלכע ער קען נישט עסן. האַלוצינאַציעס פון פאַרשידענע מאכלים פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ ביי טאָג און ביינאַכט. די ערשטע צייט מוז דער ווילן זיך שטאַרק אָנשטרענגען. אויפן פערטן טאָג קומט אַ שרעקלעכע שוואַכקייט, ס׳ווילט זיך גאָרנישט. ס׳ווילט זיך ליגן. קיין שום באַדערפעניש, קיין שום חשק. און אָנהייבנדיק פון זעקסטן, זיבעטן טאָג הערט מען אויף צו שלאָפן. איינער האָט אויפן צווייטן טאָג דערפילט אַ פיזיאָלאָגישע פאַרגליווערונג, וועלכע האָט אים דאָך איבערגעלאָזט זיין קלאָרקייט פון געדאַנק. נאָכן פערטן טאָג האָט אים באַהערשט אַ פולשטענדיקע שוואַכקייט, אַ מין אידיאָטישער צושטאַנד: „איך האָב נישט געקענט לייענען און נישט שרייבן". ס׳איז בלויז פאַרבליבן דאָס געפיל פון קאַמף, אַ טויבער, שטומער ווילן. אויפן אַכטן טאָג חלשות, גערעדט פון וועג, און אַזוי ביזן פערצנטן טאָג. דערדאָזיקער מענטש האָט געטרונקען ביזן אַכטן טאָג, נאָכדעם האָט ער אויפגעהערט צו טרינקען. גאַנץ שנעל איז אים אפילו אַריבער דער חשק צו טרינקען. זיין גאַנצע גייסט-באַוועגונג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן: ער איז געווען גלייכגילטיק, בעת מען האָט אים געמאָלדן, אַז זיין ברודער איז פריי. און דעם גאַנצן הונגער-

שטרייק האָט ער געפירט צוליב דער באַפרייונג פון זיין ברודער!

נאָכן שטרייק איז זייער שווער זיך צוריקצוקערן צום נאָרמאַלן צושטאַנד. האָבנדיק גרויס חשק צום עסן, עסט דער האַלבער מת אָן שום געשמאַק. אומדערטרעגלעכע מאָגן-ווייטיקן. דער מאָגן קען נישט פאַרדייען, מען איז מער קראַנק ווי פאַרן שטרייק, און דאָס דויערט זייער לאַנג. און נישט געקוקט אויף דער קוראַציע פון דאָקטוירים ליידט מען נאָך יאָרנלאַנג פון דערדאָזיקער שרעקלעכער קינסטלעכער קרענק, וואָס מען האָט אַריינגעטאָן אין לייב.

אין דערדאָזיקער זשילאַווער תפיסה, ווו מען האָט אַ סך געפאַנגענע אַזוי געשלאָגן, אַז דאָס בלוט איז זיי דורכגערונען דורך די קליידער, האָט די סטאַטיסטיק פעסטגעשטעלט, אַז אין מאַי 1925 האָבן 70 געפאַנגענע דורכגעפירט 1840 שטרייק-טעג.

צוליב שלעכטער באַהאַנדלונג, האָבן 85 רומענישע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון קלוזער תפיסה דורכגעפירט אַ הונגער-שטרייק, דעם 8 מערץ 1926. צוויי פון די שטרייקערס, אַלעקסאַנדער באַלינד און יאַן סלובאָר האָבן זיך אויפגעשניטן די אָדערן (אַפּריל 1926).

איך היט ווי אַן אויג אין קאָפּ אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר: אַ בריוו פון רומענישע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך דערוווסט, כ׳וויל נישט ווי אַזוי, וועגן מיין דורכרייזע און ס׳איז זיי געלונגען מיר עס צו דערלאַנגען. די באַהאַנדלונג זייערע צעטומלט דעם רעיון. זייער פאַרברעכן ליגט אין זייערע איבערצייגונגען, און ס׳איז געוווּג, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיי זאָלן זיין פאַרדעכטיקט אין „סימפּאַטיזירן" מיט די קעגנער פון דער רעגירונג.

אָט זענען עטלעכע שורות פון דעמדאָזיקן האַרצרייסנדיקן רוף: „אין טאַבאַק-דורכגאַנג" *) צעבלוטיקט, מיט דער הילף פון

*) אַ שמאָלער קאָרידאָר אָדער אַ צימער, וווּהין מען לאָזט אַריין די אַרעסטירטע און דאָרט טוט מען זיי אָן די שרעקלעכסטע ענויים.

סענקאַטע פלאָקנס און פון אָקסענע אָדערן, די האָר אַרויסגעפליקט, געהאַקט קאָפּ אין דער וואַנט, געטראָטן מיט די פיס, ביז מען פלעגט פאַלן אין אָנמאַכט. אַלץ, וואָס איר האָט געלייענט, איז גאָרנישט אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעשטאַנען אין דער זיכערהייטס-פּאָליצײַ פון... (איך האָב אויסגעשטראָכן דעם נאָמען). צוגעבונדן אויף אַזאַ אופן, אַז די קני האָבן זיך צוגערירט צו דער גאָמבע, די הענט געקרייצט אַרום די קנעכל, האָבן אונדז די הענקער פאַרשטאָפּט די מײַלער מיט זייערע אָפּצאָסן, כּדי מיר זאָלן נישט קענען שרייען. דאָס האָט געדויערט שעהן, טעג. מען האָט אונדז באַגאָסן מיט וואַסער, ווען מיר האָבן געחלשט, כּדי שפּעטער אונדז ווידער צו מאַטערן, ביז די כּוחות פלעגן אינגאַנצן אויסגיין. מענער האָט מען געפּייניקט אין די אויגן פון זייערע ווייבער, און עלטערן אין די אויגן פון זייערע קינדער, כּדי זיי זאָלן זיך קאָנען אַראָפּנעמען אַ בײַשפּיל. אייניקע פון אונדז זענען געלעגן לעבן דעם יסורים-צימער, צווישן אַ געפּילדער פון געשרייען, קלעפּ און קרעכצן.

ווען איך האָב דאָסדאָזיקע ווערק פאַרענדיקט, האָב איך פּערזענלעך באַקומען אַ סך נײַעס פון הונדערטער געפאַנגענע, וואָס פּאַשיטש האָט געלאָזט אַרעסטירן אין בעלגראַד דעם 21 יאַנואַר 1926, כּדי דער סינדיקאַטן-צוזאַמענפאָר פון די אומאָפּהענגיקע, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען דעם 25 יאַנואַר, זאָל האָבן אַ דורכפאַל. ער האָט עס אויך געטאָן, כּדי נושא חן צו זיין בײַ די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, מיט וועמען מען האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן די אַלטע חובות און וועגן אַ נייער הלוואה. איך האָב געקענט אין בעלגראַד עטלעכע זייער אָרנטלעכע מענטשן, וועלכע מען האָט אַרײַנגעוואָרפן אין סערבישע תּפיסות. דער פּראָפעסאָר און געוועזענער דעפּוטאַט סימאַ מאַרקאָוויטש, דער זשורנאַליסט און געוועזענער דעפּוטאַט נאָוואַקאָוויטש, דער

פּראָפעסאָר דזשאַרדזשעוויטש, לאַזאַר סטעפּאַנאָוויטש, קאַליעוויטש זענען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין תּפיסות צוזאַמען מיט גנבים און רוצחים, אָן אַ קאָלדרע, אָן באַהייצונג, אָן היגיענע, אויף דער הוילער ערד. אַן אַרעסטירטער האָט מיר דערציילט וועגן דער באַהאַנדלונג פון זיינע חברים אין דער תּפיסה. נאָוואַקאָוויטשן האָט מען געשלאָגן. קאַליעוויטש איז געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען צוזאַמען מיט אים, איז ער געזעסן אויפן זעלבן אָרט און זיך נישט געקענט רירן. זיין פּלייצע איז געווען איין גרויסע ווונד. נאָכדעם האָט ער אָנגעהייבן צו שפּייען מיט בלוט". ביי אַנדערע האָט מען אַרויסגעריסן די נעגל און די ציין, כּדי זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייער אָנטייל נעמען אין דער „פאַרשווערונג". „אַ סך פון אונדזערע האָבן צעבראָכענע הענט און פיס". „וואָס שייך מילוטינאָוויטשן, דעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון מעטאַל-פאַריין, האָבן מיר מורא, ער זאָל אַמאָל אין תּפיסה נישט אָפּשניידן מיטן לעבן. ער איז קראַנק, און מען לאָזט נישט, אַז אַ דאָקטאָר זאָל אים באַזוכן". אַן אַנדער קעמפער איז געשטאָרבן אונטער די קלעפּ פונם שטעקן, אין דער פינפטער צעלע פון דער גלאַוניאַטשער תּפיסה.

אַ יונגן סערבישן שרייבער, ביי וועלכן מען האָט געפונען אַן איבערזעצונג אין מאַנוסקריפּט פון מיין בוך „פאַרקייטלונג", האָט מען אַרעסטירט, זיין איבערזעצונג פאַרניכטעט, ווייל דאָסדאָזיקע ווערק איז אַן אַטענטאַט אויף דער זיכערקייט פון דער רעגירונג.

דאָ נישט לאַנג האָט קאַליעוויטש געגעבן אין „נאָוואָסטי" אויספירלעכע פּרטים וועגן די מעשים פון זיינע הענקער — די פּאָליציי-לייט: סאָקאָלאָוויטש און ראַטשיטש. אינם טאָג פון זיין אַרעסט, דעם 20-טן יאַנואַר 1926, האָט מען אים ביינאַכט אַריבערגעפירט אין אַ פינצטערן צימער, פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל, אויסגעטאָן

אים און געשלאָגן מיט גומענע פּאַסן און מיט די פּיס. ער האָט אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר. ער דער-ציילט, אַז אין גלאַווניאַטשער תּפיסה געפינען זיך פער-ציק מאַן אין אַ צעלע פון 30 מעטער. אין אַן אַנדערן, עטוואָס גרעסערן צימער, געפינען זיך 150 געפאַנגענע. „מען האָט אונדז אַלעמען געשלאָגן". איינעם פון אונדז האָט מען אַריינגעשטאָכן שפּילקעס אונטער די נעגל".

אין בעלגראַד האָט די פּאָליציי אַזוי צעשלאָגן איינעם מיליוואָי סאַיאַנטשעוויטש, אַז זיי האָבן אים גע-מוזט באַשטראָפן צוערשט אויף 10 טעג תּפיסה, נאָכדעם אויף צוויי וואָכן, כּדי זיינע וווּנדן זאָלן זיך אַזוי נישט וואַרפן אין די אויגן. די כּלה פון איינעם אַן אַרעסטירטן, וועלכן מען האָט אַרויסגערופן אַלס עדות, האָט מען שטאַרק צעשלאָגן און געריסן די האָר פון קאָפּ. אין אַ גראָבן, ווו מען האָט אָנגעשטופּט פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען אַזאַ היץ, אַז זיי האָבן זיך פּשוט געשטיקט. אין איין נאַכט האָבן צוויי מענטשן פאַרלוירן זייער באַוווּסט-זיין; איינער פון זיי האָט אָנגעהייבן צו שפּייען מיט בלוט, און דאָס בלוט האָט אים געזעצט פון נאָז און אז. וו. (יוטאַרני ליסט. אַגראַם 21 פעברואַר 1926).

אינדערזעלבער צייט וואָס אין בעלגראַד, זענען אויך פאָרגעקומען אַרעסטן, רעוויזיעס, פאַרניכטונג פון דאָקו-מענטן אין וועליע, דרום-יוגאָסלאַוויע. ה׳ קאָסטאַ נאָוואַ-קאָוויטש, אַ געוועזענער דעפּוטאַט, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן און שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן, אַז ער איז גע-בליבן ליגן אין תּפיסה, נישט טויט און נישט לעבעדיק. האָט דער טריבונאַל פרייגעשפּראָכן. אינם זעלבן טאָג נאָכן פריישפּרעכן, האָט אים די פּאָליציי ווידער אַרעסטירט.

פּראָטאָקאָל-אורטיילן

ס׳זענען דאָ פאַרשידענע עצות, וויאַזוי פּטור צו ווערן פונם קעגנער, אפילו אין רומעניע, ווו טויט-שטראָף איז

אָפּגעשאַפט, ווייל דער קייזער באָריס וויל נישט אונטערשרייבן קיין טויט-אורטיילן אויף פּאָליטישע אַרעסטירטע. ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַ מין פינסטערע איראָניע ביי די איצטיקע באַדינגונגען! אָבער אַז מען וויל פון איינעם פּטור ווערן איז דאָ אַזאַ עצה: מען טראַכט אויס, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. און לויטן געזעץ האָט מען דאָס רעכט צו שיסן דעם אַרעסטאַנט, וואָס פּרוּווט אַנטלויפן.

אָט דעמדאָזיקן טויטן-טאַנץ האָט מען אויסגעפירט מיט סטאַמבאָליסקין אַליין. אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג זעלנער אונטער דער אָנפירונג פונם קאַפּיטאַן האַרלאַקאָוו, צו וועלכער ס'האָבן זיך פּאַריינירט אַ מחנה מאַצעדאָניער, האָבן אים געפאַנגען און געפירט. מען איז געבליבן שטיין אויף אַ פעלד; דאָרט האָט מען אים געצוואונגען אויסצוגראָבן פאַר זיך אַ גרוב, און מיט אַ מעסער האָט מען אָנגעהייבן שינדן פון אים שטיקער לייב. מען האָט אים אָפּגעשניטן די נאָז, די הענט, אויסגעריסן די אויגן, מיט איין וואָרט, אָפּגעשונדן אַ לעבעדיקן, איידער מען האָט אים געהרגעט. דער קאַפּיטאַן האַרלאַקאָוו האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז סטאַמבאָליסקי איז געהרגעט געוואָרן דעמאָלט, ווען „ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן".

אָט איז אַ צופאַל, כאַראַקטעריסטיש פאַר רומעניע:

אין דער שטאָט פלאַכטאָווקע האָט מען אַרעסטירט 13 פּויערים. מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי האָבן גענומען אָנטייל אין דער מרידה פון טאַטאַר-בונאַר. מען האָט זיי אַרויסגעפירט אינמיטן פעלד, ווו מען האָט סימולירט דעם „פּרוּוו צו אַנטלויפן", דאָס הייסט: מען האָט זיי געהייסן לויפן און בעת זיי זענען געלאָפן, האָט מען זיי נאָכגעשאָסן אין די פּלייצעס. נישט ווייסנדיק, צי זיי זענען טויט, האָבן די זשאַנדאַרמען געבראַכט דעם פעלדשער פּיערפּעדאַרו, ער זאָל פעסטשטעלן, צי זיי לעבן. צוויי האָבן נאָך געאָטעמט. מען האָט זיי געפּטרט. צום סוף האָבן די זשאַנדאַרמען געשאָסן דעם פעלדשער, כדי פּטור צו ווערן פון אַן עדות.

לעאָנטע פּיליפּעסקאָ, אַ קראַנקער, איז דערשאָסן געוואָרן

דורכן אַדיוטאַנט בראַטו, ווייל ער האָט פּלומרשט געוואָלט אַנטלויפן. אַן עדות, מיט וועלכן איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג, האָט געזען, ווי בראַטו האָט געשאָסן פון צוויי מעטער.

„הונדערטער אומשולדיקע מענטשן זענען דערשאָסן געוואָרן, בעת מען האָט זיי אַרעסטירט־רייט געפירט", — האָט געזאָגט דער פּאָפּ דומבראַוואַ, אַ געוועזענער דעפּוטאַט אין רומעניע.

גאַנצע מחנות הרוגים האָט מען געפונען, צוגעבונדן איינער צום צווייטן, הענט און פיס צעבראָכן. דאָ האָט מען שוין נישט געקענט האָבן דעם תירוץ פון „אַנטלויפן".

וויפל מאָל האָט מען סאַנקציאָנירט די נידערטרעכטיקע מאָרדן, לויט די פּראָטאָקאָלן, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מען האָט געפּרוווט צו אַנטלויפן! ס'האָט זיך אפילו געשאַפן אַ שפּריכוואָרט: „פּראָטאָקאָליזירן" עמיצן, אָדער „די בעסאַראַבישע סיסטעם", — און אַלע פאַרשטייען, וואָס מען מיינט.

בעת די לעצטע וואַלן אין רומעניע, האָבן פאַרזאָגן, וועלכע האָבן זיך געקליבן דאָרט צו שפּילן אַ ראָל, געוואָרנט עפנטלעך דעם עולם, אַז אין פאַל ווען מען וועט זיי אַרעסטירן, וועלן זיי נישט פּרוּוון צו אַנטלויפן! (אוראָראַ, 18 פעברואַר 1926).

פאַרשוווּנדן!

מען האָט געזען טויטע אָנגעוואָרפן אין די שטעטלעך און אין די דערפער, טויטע, שווימענדיק אויפן וואַסער, פוילנדיק אויף פעלדער, אויפגעהאָנגען אויףביימער, פאַרברענטע אין זייערע כאַטקעס, אָנגעוואָרפענע איינציקווייז אָדער אין רייען אויף די גאַסן פון זייערע שטעטלעך און דערפער. ס'זענען דאָ אויך „פאַרשווונדענע", דאָס הייסט טויטע, אויף וועלכע מען האָט לאַנג געהאָפט, זיי זאָלן צוריקקומען. הונדערטער פרויען,—

האָט געזאָגט ה׳ קאָסטורקאָוו, דער אָנפירער פון דער בולגאַרישער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, — זענען געקומען זיך באַקלאָגן פאַר מיר, אַז זייערע מענער זענען פאַרשווונדן געוואָרן. מיר, וועלכע האָבן אַזאַ קורצן זכרון, דערמאָנען מיר זיך פונדעסטוועגן, וועגן די מאָדנע טראַגעדיעס בעת דער מלחמה, ווען עפּעס אַ טייער וועזן פון אַ משפּחה פלעגט „פאַרשווונדן ווערן”. מען פלעגט נישט באַקומען קיין ידיעות. אפשר לעבט ער נאָך אַמאָל ערגעצוווּ. נאָכדעם, מיט דער צייט, פלעגט דער־דאָזיקער קליינער שטראַל פון האָפענונג אויסגעלאָשן ווערן. פון דידאָזיקע לאַנגזאַמע יסורים ליידן דאָרט אַ סך משפּחות.

פרוי קאַרימאַ, די גרינדערין פונם פרויען־פאַריין אין בולגאַריע, האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ בריוו, איך זאָל אָננעמען שריט ביי דער ליגע פון מענטשן־רעכט, מען זאָל באַקומען די נעמען פון די פאַרשווונדענע. אַ סך אַזעלכע ביטעס קומען אָן צו דער מאַכט, וועלכע ענטפערט נישט.

נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך געענדערט דער מיניסטאָרן־קאַבינעט אין בולגאַריע, האָבן אַ גרופּע פרויען און מאַמעס פון די פאַרשווונדענע זיך עטלעכע מאָל פאָרגעשטעלט פאַרן מיניסטאָרן־ראַט, אָבער יעדעס מאָל האָט מען זיי אויף אַ העפלעכן אופן אָפּגעזאָגט. „אויפגערעגט פון אַזאַ מין באַהאַנדלונג, — שרייבן זיי, — הייבן מיר אויף אונדזער פּראָטעסט און מעלדן, אַז די רעגירונג איז מחויב אונדז מודיע צו זיין וועגן דעם גורל פון אונדזערע מענער און קינדער... מיר וועלן פּראָטעסטירן! מיר וועלן אָפּקלאַפּן די טירן!”

איך האָב געזען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרוי. איך האָב באַגעגנט אין סאָפיאַ אַ פרוי, וועלכע האָט זיך איינגערעדט, אַז איר פאַרפאַלענער מאַן וועט קומען צוריק. אַלע האָבן געוווּסט, אַז איר מאַנס צעשלאָגענער קערפּער

פוילט ערגען אין אַ גרוב, אָבער קיינער וויל עס איר נישט זאָגן. איבעריקנס, וועט זי קיינעם נישט גלויבן. זי האָט זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ דעם געדאַנק, אַז איר מאַן לעבט; און זי לאַכט, שפּאַסט, זיכער, אַז איר מאַן וועט קומען.

די עלטערן זענען פאַראַנטוואָרטלעך

די עלטערן פון די, וואָס זענען פאַרפאָלגט, ווערן אין די באַלקאַנישע לענדער באַטראַכט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע. מען האָט דאָ נישט לאַנג אַרעסטירט 26 פּערזאָן, וועלכע מען האָט באַשולדיקט, אַז זיי זענען קרובים פון די מיטגלידער פון דער בולגאַרישער פּויערים-ליגע, אַנטלאָפענע קיין אויסלאַנד. זיי גייען זייער ווייט אַוועק מיט דער טעאָריע פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר קרובים. חוצדעם זענען אַ סך אַדוואָקאַטן פאַרמשפּט און געהרגעט געוואָרן פאַר פאַרטיידיקן פּערזאָנען, וואָס זענען פאַררעכנט פאַר מורדים, אויך דאָקטוירים, וועלכע האָבן קורירט דידאָזיקע מענטשן!

איך האָב גערעדט וועגן טאָדאָר סטראַכאָמיראָוו, וועמען מען האָט געהרגעט, פאַר פאַרטיידיקן פּערזאָנען, וואָס די מאַכט האָט פיינט געהאַט. אָט זענען עטלעכע בולטע פאַקטן. מען האָט געוואָרפן באָמבעס אויף פאַרלעוון אין בורגאַס, אויף קלאָבאַראָוון אין פּלעוונע, אויף דומאַנאָוון און קאַנטאַרדיעוון אין פּלעוונע. טאַניעוון איז מען דערגאַנגען די יאָרן; דער באַלעבאָס פון איינעם פון זיינע חברים איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין וואַסער. אין פּלעוונע האָט מען אַרעסטירט אַדוואָקאַטן דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַרטיידיקט עטלעכע באַשולדיקטע, א. אַ. וו. אַזעלכע אכזריות חזרן זיך איבער טאָג-טעגלעך. לעצטנס האָט מען געמאָלדן וועגן אַ באָמבע, וואָס מען האָט דעם 10 פעברואַר 1926 אַריינגעוואָרפן אין פענסטער פונם אַדוואָקאַט מאַקעדאָנסקיס הויז, דער

פאַרטיידיקער פון די „קאָנספּיראַטאָרן", וועלכע מען האָט געמשפּט אין סעווליעווע.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פאַקט פון נישט אַרויסגעבן אייגענע, ווערט באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן לויטן קאָדעקס, וואָס די נייע הערשער האָבן אויסגעטראַכט. אַן אַרטיקל פון דעמדאָזיקן געזעץ צו זיכערן די מלוכה, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק דורך דער גאַנצער סאָבראַניע (חוץ איין שטימע פון קאָסטורקאָוון), זאָגט: „אומבאַשטראָפט וועלן ווערן די, וועלכע וועלן מעלדן דער מאַכט".

V

די רעגירונג קעגן פאָלק

ס׳איז פולשטענדיק פאַרווערט אין בולגאַריע אויף וועלכן ס׳איז אופן צו העלפן די עלטערן אָדער די קינדער פון די קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן פון די הענט פון זעלנער, ריכטער און פאָליציאַנטן. די הילף, וואָס מען גיט די קינדער פון די קרבנות, גייט אַרונטער אונטער דער שטראָף־רובריק „פאַרבאַהעלטעניש פון קאָנספּיראַטאָרן”. בעת אונדזער נסיעה האָבן מיר געמוזט אָנווענדן פאַרשידענע קאָמפּליצירטע אומדירעקטע מיטלען, כדי איבערצוגעבן געוויסע סובסידיעס, וואָס מיר האָבן צו דעם צוועק באַקומען פון דער אונטערריכטונגס־אַרבעטערשאַפט און פונם אינטערנאַציאָנאַל פון די געוועזענע קעמפער. קיין שום אָרגאַניזאַציע האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט מיטצוהעלפן אין דעמדאָזיקן ענין פון פשוטער מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, אויס מורא פאַר רעפּרעסיעס... די אַמעריקאַנער האָבן געשיקט קיין ווין אַ סומע פון 9000 דאָלאַר, אויפגעזאַמלט אין אַמעריקע, פאַר די בולגאַרישע משפחות, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין נויט, צוליבן טויט פון זייערע ברויטגעבער. ביז איצט איז געווען שווער איבערצושיקן דידאָזיקע סומע די אַדרעסאַטן. ווען מען וואָלט זי איבערגעשיקט דורך דער אָפיציעלער מאַכט, קען מען זיין זיכער, אַז די סומע וואָלט פאַרקראָכן ערגעץ אַנדערש. ה׳ צאַנקאָוו האָט פאַרן

טעראָריזירטן פּאַרלאַמענט אויפֿן שאַרפֿסטן און ציניששטן אופֿן
געמאָלדן, אַז ער איז קעגן יעדן פּרווו פֿון אַזעלכע סאָרטן
שטיצעס. די שטיצע, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דער
ענגלישער פֿרויען-אָרגאַניזאַציע איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן. מען
האָט אַרויסגעטריבן די טשעכישע דעלעגאַציע, וועלכע איז גע-
קומען העלפֿן די פּאַריטומטע פֿאַמיליעס. מען האָט אָפּגעזאָגט
צו געבן וויזעס צוויי דעלעגאַציעס, וועלכע זענען צוליבן
זעלבן צוועק געקומען פֿון ווין און פֿון באַזעל. לויט די
ווערטער פֿונם קוואַליפֿיצירטן עדות, גענעראַל בורנהאַם, האָט
די סערבישע מאַכט פּונקט אַזוי געהאַנדלט אין מאָנטענעגראָ.

קעגן פֿרויען און קינדער

לאָמיר זיך אומקערן צו די רציחות. געשלעכט און על
טער האָבן דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אין דייטשלאַנד אי-
דערשינען אַ בראָשור, וועלכע איז ספּעציעל געווידמעט דעם
גורל פֿון פֿרויען און קינדער, אין דעמדאָזיקן גרויסן ים פֿון
ליידן פֿון די באַלקאַנישע פֿעלקער. אָט איז אַן אינפֿאָרמאַציע
וועגן בולגאַריע, אַרויסגעכאַפּט פֿונם גאַנצן באַרג פֿאַקטן.
(ס׳האַנדלט זיך וועגן רעפּרעסיע): „אין דאָרף אַלעקסאַנדראָוואָ,
סווישטשעווער קרייז, האָט מען געפֿונען אַ גאַנצע פֿאַמיליע –
אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ זיידן, אַ טאָכטער, אַ שוואָגער און פֿיר
קינדער פֿון פֿיר ביז צוועלף יאָר – אַלע דערהרגעט און צע-
קאַליעטשעט”. צו לאַנג וועט זיין די ליסטע פֿון ענלעכע
פֿאַקטן. אין צוויי יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי ה׳ צאַנקאָוו האָט פֿאַר-
כאַפּט די מאַכט, איז די לערערקע סאָפֿיאַ מאַימונקאָוואַ אַוועקגע-
שלעפּט געוואָרן אין סאָפֿיאַ אויפֿן בית-עלמין און נאָכן פֿאַרגוואַלדיקן
האָט מען זי דערהרגעט. איינער אַ פֿרוי האָט מען נאָכן
אַרעסטירן אַזוי שטאַרק געשלאָגן אין אַ משך פֿון צוואַנציק
טעג, אַז אירע חברטעס האָבן איר אין תּפֿיסה נישט דערקענט.
אַנדערע פֿרויען האָט מען צעפּיצלט מיט שווערדן. אַזאַ פֿאַל

האָט פּאַסירט מיט אַננאַ דימיטראָווגען, וועלכע האָט זיך אָפּ־געזאָגט אַרויסצוגעבן דאָס אָרט, ווו איר זון איז באַהאַלטן. אַ סך האָט מען געהאָנגען און אַ סך האָט מען אָנגעטאָן גע־ברענטע יסורים. די פרײלין טצאָלאַ דראַגאָיטשעוואַ, אַ סטו־דענטקע, איז זינט אַ לענגערע צייט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אָבער אַזויווי פּאָליציי־אַגענטן האָבן איר פאַרגוואַלדיקט, איז זי געוואָרן מעוברת, וואַרט אויף איר דער טויט, ביז זי יועט האָבן אַ קינד.

אין רומעניע האָט מען די סטודענטקעס ראָזאַ עלבירט, 17 יאָר, און טויבע מערסקאַיאַ, 18 יאָר, געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן און געשלאָגן זיי מכות־רצח פאַר אַ מחנה אַגענטן און קאָמ־פּאַניעס זעלנער. די לערערקע מאַרגאַרעט ראָט איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט איר מוטער און צוויי קינדער. דער מאַ־מען האָט מען געשלאָגן אין קעגנוואַרט פון איר טאָכטער. ווען מען האָט זי אָפּגעלאָזן, האָט זי זיך אויפגעהאָנגען; איר אַרע־סטירטער טאָכטער האָט מען דערלויבט גיין אויף דער לוויה: אויף צוריקוועגס האָט זי געחלשט און די פּאָליציי־אַגענטן האָבן זי פאַרגוואַלדיקט.

אין די סביבות פון סאָפיאַ האָט מען געפונען אַ צע־קאַליעטשעטן קערפּער פון אַ 17 יעריקער סטודענטקע פון באַ־זאַרדזשיקער קרייז; אויף איר איז געווען אַן אויפשריפט: „פאַררעטערין פונם פאָטערלאַנד! גיי פאַרביי און טו אַ שפּיי!"

דער פרוי פונם קאַפּיטאַן קראָטנעוו האָט מען געהרגעט אין בעט מיט אַ קינד ביי דער ברוסט, און אויפצומאָרגנס האָט מען זיין קערפּער געפונען אויף דער גאַס. דער מאָטיוו: איר מאַן האָט סימפּאַטיזירט מיט דער פויערים־אָרגאַניזאַציע.

לעבן דער באַן־סטאַציע בעלאָוואַ, ווו 26 פּערזאָן זענען דערהרגעט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1923 יאָר, האָט מען געפונען צעפּיצלטע: אַ מאַן, אַ פרוי און אַ קינד פון זעקס יאָר. „דאָסדאָזיקע בילד איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז אַ סך פאַרבייגייענדיקע זענען געפאַלן אין חלשות".

אין סאָפיאַ האָט מען אַרעסטירט באָריטשקאָווס 14־יעריקן

זון און מען האָט אים געמאַטערט, כדי צו באַקומען ידיעות פון זיין פאָטער, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן בעת די סעפּטעמבער-אומרוען. אַזויווי ער האָט גאָרנישט אַרויסגעגעבן, האָט מען אים דערהרגעט. אַן אַרבעטערין דימיטראָוואַ, אַ פרוי פון אַן עמיגראַנט, איז אַרעסטירט געוואָרן נאָכן 16-טן אַפּריל. אירעביידע קינדער, פון צוועלף און פון אַכט יאָר, וועלכע מען האָט מורא געהאַט צו שטיצן, זענען געשטאָרבן פון הונגער און זי אַליין איז משוגע געוואָרן.

מען דאַרף איבעררייסן די אַלע רשימות, צעקלאַפּן די אַלע ליסטעס, מאַכן בייגעוודיקער די פאָרמען פון דערדאָזיקער מערדערישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט: נישט פאַרפילן אַלע בלעטער פונם דאָזיקן בוך מיט נעמען און מיט אַן איבערזיכט פון פאַקטן. מען דאַרף אויך ריידן וועגן דער אומברחמנותדיקער, מעטאָדישער אכזריות, מיט וועלכער די רעאַקציאָנערע משוגעים וואַרפן זיך אויף דער יוגנט — דידאָזיקע רעאַקציאָנערן, אין וועמענס הענט ס'ליגט דאָס לעבן און דער טויט פונם פאָלק.

קעגן דער יוגנט

די קאָמוניסטישע יוגנט, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין רומעניע, איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, און איינעם נאָכן צווייטן האָט מען אָנגעהייבן אָפּצורייסן פון וועג די אָנטיילנעמער פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געמאַכט אַ חורבן. די עקס-אָנהענגער פון דער יוגנט זענען געוואָרן פאַרפאָלגט, אַרעסטירט, געטויט, און גאַנץ אָפט האָט מען אויך זייערע קרובים אויסגעהרגעט. ס'זענען דאָ יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, ווו אַלע מיטגלידער זענען אויסגעהרגעט. אין בולגאַריע האָבן אַזעלכע פאַלן פּאַסירט אין דאָנאַ-באַניאַ, אין וואַרשעטס, אין לאָפּאָשנע, אין אָרקאַניע.

אַ גרויסע צאָל גימנאַזיסטן און שילער זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די גימנאַזיעס און שולן. הונדערטער

סטודענטן אין סאָפיע זענען אַרעסטירט געוואָרן. אין בערקאָ־וויצאַ און אין סאָפיע האָט דער פּראָקוראָר געפאָדערט טויט־שטראָף פאַר שילער און שילערינס אין דער עלטער פון 16 יאָר.

אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען נישט פולשטענדיק אויף דער זייט פון דער רעגירונג, אַפילו די ספּאָרט־גרופּן זענען פאַנאַנדערגעטריבן. מיט אייניקע טעג צוריק האָט די פּאָליציי אַריינגעזעצט אין תּפיסה יונגעלייט, וועלכע האָבן גע־שפּילט אין פוטבאָל. זיי וועלן געשטעלט ווערן פאַרן קריגס־געריכט, פאַר אָרגאַניזירן אַ סובווערסיווע גרופּע, אין דער־דאָזיקער בולגאַריע, ווו ס'ווימלען באָיסקאַוטן און פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן.

ה׳ פאַנטשעוו, אַ שול־אינספּעקטאָר, שרייבט אין אַ בראָ־שור, אַרויסגעגעבן דורך דער דייטשער ליגע פון מענטשן־רעכט, אַז זיין זון, אַ שילער פון דריטן קלאַס, האָט געזאָגט אין שולע, „מען האָט ליב זיך צו שפּילן אין קאָמוניסטן". איינער פון די שפּילנדיקע שילער איז פרידמאַן, דער אויפגעהאָנגענער קאָמוניסט, דער צווייטער,— פּיער אַבאַדזשעוו, אַ קאָמוניסט, פאַרמשפּט צום טויט, דער דריטער,—פּעטריני, פויערים־אָנפירער און דעפּוטאַט, געהרגעט און פאַרברענט, דער פערטער — דרינקאָוו, אַ דער־מאָרדעטער קאָמוניסט. די איבעריקע שילער זענען: די פּאָליציי, וואָס פאַרפאָלגט, אַרעסטירט און פירט אויס די עקזעקוציעס. ס'האָט איינמאָל פּאַסירט בעת אַזאַ מין קינדערשפּיל, אַז מען האָט אינדעראמתן אויפגעהאָנגען דאָס קינד, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פרידמאַנען און עס איז געשטאָרבן.

קעגן לערער און געלערנטע

דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דערציילונג פון דער רעאַקציאָנערער אונטערנעמונג פון די באַלקאַנישע מלוכות, וועלכע האָבן צווישן זיך אַן אָפּמאַך. רומעניע, למשל, גיט אַרויס בולגאַריען די פּאָליטישע פּליטים און פאַרקערט.

ה׳ טאטארעסקו האָט אין מיין קעגנוואַרט אויסגעדריקט זיין אויפרעגונג בנוגע „דאָס בלוט, וואָס פליסט אין בולגאַריע״. אַזאַ מין ענלעכע אויפרעגונג האָט אויסגעדריקט ה׳ פּאַשיטש, דער פּאָרזיצער פון יוגאָסלאַווישן מיניסטאָרן-ראַט: „אין מיין לאַנד קומען נישט פאָר קיין מלוכה-פאַרשווערונגען, נישט קיין עקזעקוציעס, ווי אין בולגאַריע, גריכנלאַנד, אַלבאַניע און רומעניע!״

שוין נישט רעדנדיק וועגן לערער און פּראָפעסאָרן, וועלכע מען האָט געקרויינט מיטן נאָמען „גזלנים״ און מען פאַרפאָלגט זיי, זענען דאָ אין סאָפיע, בוקאַרעשט, בעלגראַד-בודאַפעשט אַ סך לערער, וועלכע מען האָט אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס. אין 1925 האָט די נייע „שול-רעפאָרם״ פון ה׳ צאַנקאָוו, דעם בילדונגס-מיניסטער, אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס 820 לערער פון אָנפאַנג-שולן און 2.958 לערער אָדער פּראָפעסאָרן פון מיטעלע אָדער העכערע שולן. מען האָט אין בולגאַריע צוגעמאַכט פיר גימנאַזיעס, זיבן פּעדאַגאָגישע אינ-סטיטוציעס און צוויי נאָרמאַלע שולן, אויף אַ צאָל פון פיר.

ס׳האָט עקזיסטירט אַ בולגאַרישער לערער-פאַריין מיט 3.500 מיטגלידער. ער עקזיסטירט שוין נישט. מיט דער הילף פונם שווערד האָט מען געמאַכט אַ גרויסן חלל אין זיינע רייען. אָנהייבנדיק פונם סעקרעטאַר לאַמבי קאַנדיעוו, האָט מען אויסגעהרגעט אַלע אָנפירער איינעם נאָכן צווייטן. דעם לערער געאָרג מאַלינאָוו האָט מען צעשניטן אויף שטיקער אין סלאַ-מאָוויץ. וואָס שייך וואַלטשאָ איוואַנאָוו, דעם גרינדער פונם לערער-פאַריין, האָט מען אים אויסגעריסן די נעגל, אויפגע-שניטן אים די ברוסט, און פון אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך גע-טראָגן מיט אַ גרויסער שנעלקייט, האָט מען אים אַרויסגע-שליידערט אויף די גאַסן פון סאָפיע.

גליקלעך זענען די, וועלכע האָבן געקענט דורך זעלבסט-מאָרד אויסמיידן דעם סאַדיזם פון די תפיסה-הענקער, ווי דער איידעלער גענטעגעוו, וועלכער האָט זיך מיט אַ גאָפּל גענומען

דאָס לעבן, נישט קענענדיק מער איבערטראָגן די יסורים אין סטאַראַ־זאַגאָרער תּפֿיסה!

קעגן וואָרט

די פרייהייט פון דער פּרעסע עקזיסטירט נישט מער, פּונקט ווי די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען אונטער דער „רעגירונג פון פּראָפעסאָרן און גענעראַלן". וועגן דעמדאָזיקן לאַנד האָט ה' טאַטאַרעסקו געזאָגט אין רומענישן פּאַרלאַמענט, אַז יעדער פּאָליציאַנט האָט דאָס רעכט צו קאָנפיסקירן אַ זשורנאַל, וואָס שרייבט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. ס'איז פאַרווערט צו שיקן קיין אויסלאַנד בולגאַרישע זשורנאַלן, אויס מורא, אַז דידאָזיקע זשורנאַלן וועלן אויסמיידן די צענזור. „די אָפיציעלע בולגאַרישע ידיעות האָבן אין זיך קיין בראָק אמת נישט", האָט זיך אויסגעדריקט אַ מאַסגעבנדיקע פּערזאָן. איך האָב אונטער מיינע אויגן אַ ליסטע פון 36 אָנגעזעענע רומענישע זשורנאַליסטן, רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון טעגלעכע און פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע מען האָט געהרגעט אָן שום פּראָצעדורן. דער פּאָעט געאָ מילעוו, וועלכער האָט געהאַט אַ פּראָצעס פאַר אַ פּאָעמע און איז פרייגעשפּראָכן געוואָרן, איז דערנאָך דערהרגעט געוואָרן דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט די העזה צו דינען אַלס איבערזעצער אין אַ דעלעגאַציע פון דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי. צאַנקאָווס אַגענטן האַלטן זיך פעסט ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף דערלאַנגען אין קאָפּ. שטיצנדיק זיך אויף דעמדאָזיקן פּרינציפּ, האָט מען אויסגעהרגעט מחנות אינטעלעקטועלער: הונדערטער לערער, מער פון פערציק דעפּוטאַטן און געוועזענע מיניסטאָרן, אָפיצירן, אינזשעניערן, דאָקטוירים און גלחים.

בעת אַ פּויערים־זשורנאַל איז אַרויס מיט אַ מעלדונג, וואָס האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די כּלומרשטע פאַרשווערונגען פון די פּויערים און קאָמוניסטן, האָט פּאָליציי אַלע עקזעמפּליאַרן פון דעמדאָזיקן זשורנאַל קאָנפיסקירט, היות ער האָט צעשטערט

זייערע פלענער פון רעפרעסיע. דער זשורנאַל איז דערשינען אונ-טער אַ ניי קעפל: „די צעבראָכענע פענע״, אַ ריייע פראָטעסטן קעגן אונטערדריקונג פון דער פרעסע-פרייהייט. דאָרט, אין דעם זשורנאַל האָט שאַרף פאַרטיידיקט די היילקייע רעכט דער באַ-רימטער שרייבער אַנטאָן סטראַכאָמיראָוו, אַ גרויסע מאָראַלישע פיגור אין סאָפיע, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן זיין האָב און גוטס אָרעמעלייט און יתומים פון די, וועלכע זענען געהרגעט געוואָרן אונטער וואָלקאָווס רעזשים. פעטקאָ פעטקאָוו, אַן אָנ-געזעענער דעפוטאַט און זשורנאַליסט, האָט געשריבן פאַר דער „צעבראָכענער פענע״, אַ האַלבע שעה איידער מען האָט אים געהרגעט, אַן אויפרוף לטובת דער פרעסע-פרייהייט — דער פונדאַמענט פון אַלע פרייהייטן.

אַן אונגאַרישער זשורנאַליסט, דעזידער אַנדאָרקאַ, האָט באַשריבן דעם טויט פון צוויי סאָציאַליסטישע רעדאַקטאָרן, וועלכע מען האָט אַוועקגענומען פון שטוב און מען האָט דער-טרונקען אין דונײַ. דערפאַר האָט מען אים גענומען און פאַר-שיקט אין זאַלעגעסערגער קאָנצענטראַציע-לאַגער, ווו מען האָט אים געהאַלטן גאַנצע 18 חדשים. ער ווערט פאַרפאָלגט דער-פאַר, ווייל ער האָט געפרווט אַרויסגעבן אין אויסלאַנד אַ בוך וועגן די אכזריותן, ביי וועלכע ער איז אַליין בייגעווען.

דערפאַר אָבער איז דערלויבט אונטערצוקויפן פרעמדע צייטונגען מיטן געלט פון געהיימע פאָנדן. מיר האָבן עטלעכע בולטע באַווייזן. ס׳זענען ביי אונדז אָרגאַניזירט אַזעלכע פרעסע-ביוראָען, וועלכע ווערן געשטיצט און וועלכע שטיצן און צו וועלכע מען קען קיין שום צוטרוי נישט האָבן.

אויב ס׳זענען דאָ, פונקט ווי אומעטום, אומאָפהענגיקע אָפגעזונדערטע שרייבער -אַפילו אין סאָפיע געפינען זיך נאָך אַזעל-כע — זענען אָבער אויך דאָ ליטעראַרישע פאַריינען, פונקט ווי או-מעטום, וועלכע עקזיסטירן און האָבן דערפאָלג מיט זייער צופאַסן זיך צו דער מאַכט. אַזאַ מין צופאַסן זיך ווערט אָנגערופן: פאָליטישע נייטראַליטעט. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַן

אָנגעזעענער מיטגליד פון רומענישן ליטעראַטן־פּאַרייז, ראָמולוס וואָינעסקו, איז שעף פון דער מלוכה־שוץ.

און כסדר אויפדאָסניי...

איך האָב זיך באַמיט צו געבן אַ שנעלן איבערבליק׳ אונטערשטרייכנדיק בלויז עטלעכע טיפּישע פאַקטן און אַן אַל־געמיינע כאַראַקטעריסטיק פון אַן אָרגאַניזירטער פאַרפאָלגונג קעגן דער באַפעלקערונג אין עטלעכע גרויסע באַלקאַנישע צענטערן. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס געהערט נישט צום עבר, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָליטישער סיסטעם, וואָס אַנטוויקלט זיך אומעטום כסדר. נאָך די גרויסע מעשׂים, וואָס די טריבונאַלן און די פּאָליציי האָבן דערליידיקט אויף זייער אופן, זענען די אַנדערע מעשׂים אין גאַנג און אין אַנטוויקלונג. בעת איך בין געווען אין בולגאַריע, האָב איך אין די צייטונגען, וואָס דערשיינען אין סאָפיע אויף דער פראַנצויזישער שפּראַך, געלייענט אינפאָרמאַציעס פון שרעקלעכן אינהאַלט איבער געריכטלעכע דעבאַטן בנוגע אַ געוויסער „סאָפיער טשעקאַ״. נאָכן פּראָצעס אין טאַטאַר־בונאַר האָט מען אָנגעהייבן צו בויען אַ נייעם פּראָצעס, שטיצנדיק זיך אויף אַ „פאַרשווערונג״, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אין גאַלאַץ, אין בעסאַראַביע. אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין רומעניע, זענען שוין געווען אַ פופציק אַרעסטן, פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון גאַלאַץ. און מען זעט נישט קיין שום אָפּ־האַלט אין דער אָפענסיווע, וואָס ווערט געפירט קעגן די דעמאָקראַטישע רעשטלעך אין די באַלקאַנישע לענדער. אַ סך השערות שטויסן מיך אָן אויפן געדאַנק, אַז גוט אינפאָרמירט איז געווען דער מענטש, וועלכער האָט מיר דאָרט געזאָגט: „ס׳איז נאָך דאָ אין בולגאַריע 2.000 פּערזאָן מיט ליבעראַלע אידעען, וואָס טראָגן נאָך אין זיך די שבֿורן פון גלייכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועלכע מען דאַרף אָפּרוימען פון וועג״.

מען בויט נייע תּפיסות אין בולגאַריע. אַנדערע רעגירונגען טראַכטן וועגן אויפבויען ביבליאָטעקן און שולן, דידאָזיקע רעגירונג טרוימט וועגן נייע גרויסע תּפיסות.

איך זאָג זיך אָפּ צו ברענגען די לעצטע נייעס, וואָס איך האָב דערהאַלטן, ווו ס'האַנדלט זיך וועגן טויט־שטראָף דורך הענגען, וועגן תּפיסה־אורטיילן און וועגן קאַטאָרזשנע אַרבעט, נישט גערעדט וועגן די נייע מאָרדן אין די פּראָווינצן. די ענוים יעדן טאָג אויף נייע נעמען. ס'וואָלט זיך געוואָלט אַלץ אַרויסזאָגן, אָבער דאָס איז מאַטעריעליש אוממעגלעך

דאָך גיב איך איבער אַ דעפּעשע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די בולגאַרישע צייטונגען „נאַראָד" און „ראַדיקאַל" פון 10 פעברואַר 1926 און אַדרעסירט צום פּרעמיער־מיניסטער ליאַפּטשעוו, אונטערגעשריבן דורך 54 פויערים פון ליטקאָוואָ (אַרקאַניער קרייז): „אינמיטן נאַכט, פון 3-טן אויפן 4-טן, היינטיקן חודש, איז דער איינוווינער פון אונדזער דאָרף, איליאַ מאָנעוו, דערשאָסן געוואָרן אין זיין בעט, צווישן זיינע קינדער און זיין ווייב. פון 9 יוני 1923 ביז דער איצטיקער רגע לעבן מיר אין איין שרעק. זוכט אויס דעם מערדער און פאַרהיט אונדזערע לעבנס. פאַרוואָס האָבן מיר געקעמפט פאַרן פאָטערלאַנד, אויב מיר זענען נישט זיכער אין מאָרגנדיקן טאָג? אַכצן הונדערט פאַמיליעס לעבן דאָ אין גרויס פאַרצווייפלונג. זאָגט אונדז, וואָס זאָלן מיר טאָן, און וווהין זאָלן מיר גיין, כדי נישט צו שטאַרבן".

די פאַראַנטוואָרטלעכע

לאָמיר מאַכן אַ בילאַנס. „ווער טראָגט סוף כּל סוף די אַחריות?" איך האָב דידאָזיקע דרינגענדיקע פראַגע געשטעלט

די אַלע, וועלכע זענען מסוגל דערויף צו ענטפערן אין רו־מעניע און בולגאַריע. מיט דער אויסנאַם פון געוויסע אָפיציעלע לייט, איז די תשובה געווען אַן איינשטימיקע און אַ פאָרמעלע: „די רעגירונג! די רעגירונג! די רעגירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך און מען קען דורכאויס נישט באַשולדיקן אירע מיטהעלפער״.

מאַדאַם קאַטערינע פעטקאָוו, וועמענס מאַן מען האָט דערמאָרדעט אין סאָפיע, איז געקומען פאַרן טריבונאַל אינם טאָג, ווען מען האָט אויך דערהרגעט איר זון, און דאָרט, אין די אויגן פונם אַגענט, וואָס האָט אים געהרגעט, האָט זי גע־מאָלדן: „ביי היינטיקן טאָג ווייס אין בולגאַריע אפילו אַ קינד אין וויג, אַז מיין זון האָט דערהרגעט צאַנקאָווס רעגירונג און נישט דער אומגליקלעכער אַגענט, וואָס שטייט פאַר אייך, וועלכער איז אַ בלינדער אינסטרומענט״.

ס'איז אַ פאַלשע באַהויפּטונג פון די, וואָס זאָגן, אַז די געזעלשאַפטלעכע מאַכט איז אויס באַלעבאָס איבער זייערע מיטהעלפער, און צי זיי ווילן יאָ, אָדער נישט, מוזן זיי שטיין און קוקן אויף זייערע משרתים, ביי וועלכע זיי האָבן צעריצט די אַפּעטיטן. די רעגירונגען פון רומעניע, בולגאַריע, יוגאָ־סלאַוויע, אונגאַרן זענען די פאַראַנטוואָרטלעכע אויטאָרן פון דער אומענדלעכער טראַגעדיע, איבער וועלכער מיר וועלן זיך באַמיען געבן עטלעכע בילדער.

אויף די פּאַרלאַמענטאַרישע אָנפּראַגן, אָדער אויף די ביטעס, למשל, ווי די ביטע, אונטערגעשריבן דורך צוואַנציק פויערים־דעפּוטאַטן, אַלס פּראָטעסט קעגן די פופצן דערמאָרדעטע דעפּוטאַטן, האָט צאַנקאָוו אָפּגעענטפערט מיט דראָונגען און מיט בייזע קאַטעגאָרישע באַרעכטיקונגען. דערדאָזיקער מענטש, וועל־כער האָט גורם געווען אַזויפיל סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, צו וועלכע ס'איז אפשר קיין ביישפּיל נישטאָ, האָט נאָך די העזה זיך אויסצופּיינען פאַר אַ רודף־שלום... ס'איז מעגלעך, אַז אַדאַנק דער פּאָליטיק־וואַקלעניש, וועט דער גאַנצער פּערסאָ־נאַזש, וועמען די פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציעס באַוועגן ביי היינטיקן טאָג צו דידאָזיקע בלוט־צערעמאָניעס, וועלן אַראָפּ

פון דער סצענע. אָבער די גאַנצע סיסטעם, וואָס ער סימבאָ-
ליזירט און אין וועלכער ער גיט אַריין לעבן, דער איינגעפירטער
מעטאָד פון קאָלעקטיווע מאָרדן, צי וועט זיך עס ענדערן,
בעת ס'וועט אַריינקומען אַן ענדערונג אינם אָנפירער-פּערסאָ-
נאַל? בעת איך בין געווען אין סאָפיע, האָט מען געשמועסט,
אַז ה' ליאַפּטשעוו און גענעראַל וואָלקאָוו וועלן זיך באַמיען
מיט אַלע כּוחות צו שאַפן אין בולגאַריע אַ נייע בורזשואַזע
רעגירונג. ס'איז מעגלעך, אַז ס'וועט קומען צו אַ מיניסטאָרן-
קריזיס אין רומעניע, אויב די אַגראַריער און די פּאָפּוליסטן
וועלן זיך פאַרשטענדיקן. פאַרשטייט זיך, אַז ערגער פון צאַנ-
קאָוון און בראַטיאַנו קען נישט זיין. אָבער אויב ס'וועט אפילו
פּאָרקומען אויבן-אָן אַן איבערקערעניש, דאַרפן מיר זיך נישט
שפּייזן מיט צו גרויסע האָפענונגען, ווייל אונדזער תּמעוואַטע
געזעלשאַפטלעכע מיינונג, איינגעוויגט אין נאַכלעסיקייט און אין
ליבע צו באַקוועמלעכקייט, איז תמיד גענייגט צו אָפּטימיזם.
זאָל זי זיך פריצייטיק נישט לאָזן כאַפּן אויף דער ווענדקע
דורך די פּאַרלאַמענטאַרישע שטיקלעך, וועלכע וועלן איבערלאָזן
די גאַנצע אָרגאַניזאַציע און די טעטיקייטן פון אַן איינגעוואָרצל-
טער סיסטעם און אַראָפּרומען פון וועג בלויז די אויסערלעכע
זייט פון די פונדאַמענטאַלע פאַרברעכנס, וואָס דער עקזיסטירנ-
דיקער רעזשים איז גורם.

VI

דער תּירוץ: אַנטיבאָלשעוויזם

מיר האָבן אַלע פעסטגעשטעלט, אַז איינע פון די זעלטנ־סטע, אפשר די איינציקע סמנים פונם מאָראַלישן פּראָגרעס פון אונדזער עפּאָכע, איז דאָס, וואָס געוויסע זאַכן קענען נישט זיין געמאָלדן עפנטלעך, נאָר מען מוז פאַר דער געזעלשאַפט־לעכער מיינונג אויסזוכן תּירוצים. דער הויפּט־תּירוץ פון אַלע רעאַקציאָנערע הערשער אין די באַלקאַנישע לענדער איז: קאַמף קעגן באָלשעוויזם. די מיניסטאָרן און גענעראַלן האָבן מיר אויפגעקלערט דעם טעם פון אַזאַ מין האַנדלונג. לויט זייער מיינונג איז עס אַ סאָציאַלע פאַרטיידיקונג, נישט נאָר פאַר זיי אַליין, נאָר אפילו פאַר גאַנץ אייראָפּע. די אויטאָ־קראַטישע מיניסטאָרן פון רומעניע און בולגאַריע ווילן איינ־רעדן זייערע נאַציעס, וועלכע זיי האַלטן אין זייערע פאַר־בלוטיקטע הענט, אַז זיי זענען באַריערן קעגן רוסישן באַרבאַ־ריזם און קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין קיין סאָציאַלע און פּאָליטישע דעבאַטן, כּדי ספּעציעל צו באַטראַכטן דעם רעוואָלוציאָנערן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן פּרינציפּ. ס׳עקזיסטירט אומעטום, אין דער איצטיקער צייט אַ באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די מענטשלעכע מאַסן. אַדאַנק דעם כּוח פון זאַכן, האָט דער קאָ־מוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַן אונטערשטיצונג פון אַלע

אונטערדריקטע אין דער וועלט, און מען קען נישט אויסמעקן פון אונטער די אויגן פון אַזויפיל קרבנות די פּאַטאַלע שטראַלן וואָס די פּויערים און אַרבעטער-רעפּובליק רופט אַרויס צווישן דער גייציקער פּאַרקריפּלונג.

אָבער דאָס איז נישט די אויפגאַבע פון אונדזער אַנ-קעטע. און אויב אַ הויפּן דעספּאָטן, וועלכע פירן זייערע בלוטיקע קאַמפּאַניעס קעגן דעם לייב פון זייער פאָלק, באַ-רעכטיקן זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן מורא פאַר דער באָל-שעוויסטישער סכנה, דעמאָלט דערהייבט זיך שוין די פראַגע צו אַ גרויסער אָרגאַנישער דעבאַטע וועגן מאַסן און קלאַסן. אָבער דידאָזיקע יעלות וועגן דער באָלשעוויסטישער סכנה, איז ס׳רוב אַ דעמאַגאָגישער פּראָטעסט און אויסגעטראַכטע שקרים פונם ווייסן טעראָר.

די פעלשונג

לאָמיר אויספירלעך באַטראַכטן דידאָזיקע דריי הויפּט-פּונקטן. ווי איך האָב געזאָגט, נעמט מען אָן אויף די באַלקאַנען אַלע פּראַקטישע און אַכזריותדיקע מיטלען, כּדי אויסצוראָטן די מענטשן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָל אין די אַגראַרישע אָדער קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איידער זיי האָבן זיך נאָך גע-פונען אויסערן געזעץ, אויך די „פּאַרדעכטיקטע״, די סימפּאַ-טיקער פון די פּראָלעטאַרישע אידעען פון אַלע ניואַנסן, און ענדלעך די, וועלכע אַרבעטן אויפן געביט פון אַרבעטער-אחדות. אָבער די הערשער פון טאָג האָבן אַזוי געהאַנדלט אויס פּאָליטיק, מיט אויסרעכענונג, און נישט, ווי זיי האָבן געהאַט די דרייסטקייט זיך אויסצודריקן, מיט דירעקטע רע-פּרעסיעס. זייער כּעס איז אַ שפּיל. זייער פעסטע כּוונה איז— דורך בלוט אומצוברענגען אַ גרויסע אידעע, די אידעע פון מאַסנבאַפרייאונג. צו דעם צוועק טראַכטן זיי כּסדר אויס פאַלשע פאַרשווערונגען און אַטענטאַטן, לאָזן אין גאַנג פאַרשידענע

נאַרישע פּראָוואָקאַציעס און אַדאַנק דעם פאַרווירקלעכן זיי זייער לאַנגע מערדערישע באַרטאָלאָמיי-נאַכט.

זיי נוצן אויס די לעגענדע, וואָס זיי האָבן פאַבריצירט און די אַטמאָספער, וואָס זיי האָבן געשאַפן, כדי זיך נוקם צו זיין אין אַלע זייערע קעגנער, זאָל עס זיין ווער ס׳וויל זיך. דער ראַדיקאַלער דעפּוטאַט קאָסטורקאָוו, אין פּרינציפּ אַן אַנטי-קאָמוניסט, אָבער זיין אָרנטלעכקייט איז אַלעמען באַקאַנט, האָט געהאַט די דרייסטקייט אויסצורופן אין דער סאָבראַניע: „די רעגירונג האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אָרנטלעכקייט. די רע-פּרעסיעס מיידן אויס אומלעגאַלע געזעלשאַפטן און ס׳ליידן בלויז לעגאַלע״. דאָס הייסט, אַז ס׳ליידן בלויז אַזעלכע, וועלכע זענען נישט קיין אָנהענגער פון אַבסאָלוטער רעאַקציע. ה׳ קאָסטורקאָוו האָט נאָך אויך דאָס געזאָגט: „מיר ווילן, אַז אַלע פּאַרטייען זאָלן זיין לעגאַל, און ס׳זאָל קעמפן בלויז אידעע קעגן אידעע. אָט דאָס איז דער דעמאָקראַטישער אמת, וועל-כער האָט נישט קיין שייכות מיט דער דעמאָקראַטישער אַנט-אַנט״. זאָל יעדער מענטש מיט לאָגיק און מיט גוטן גלויבן דורכשטודירן נישט גרינטלעך, נאָר אפילו אויבערפלעכלעך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין בולגאַריע און אין אַלע באַלקאַנישע לענדער, און ער וועט מוזן קומען צום זעלבן באַשלוס, וואָס קאָסטורקאָוו. (ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז פון דער צווייטער זייט האָט דערזעלבער קאָסטורקאָוו אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נטיה צו צאַנקאָווס קאַבינעט).

די ווייסע רעגירונגען מיט די רויטע הענט פון סערביע, בולגאַריע און אונגאַרן, פאַרגלייכן די קאָמוניסטן, אַגראַריער און סינדיקאַליסטן מיט פּשוטע טעראָריסטן און באַנדיטן. ה׳ טאַטאַרעסקו, דער אַלטער טשעמפּיאָן (פון מיטלאַלטער) פון דער אַלטער אייראָפּע, מישט כסדר אויס איינע מיט די צווייטע, בעת ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דער הענקער-מלאכה פון דער רומענישער רעגירונג.

ה׳ פאַנגאַלאָס, וועלכער פאַרוועלטעט אין גריכנלאַנד

דיזעלבע מעטאָדן מיט אַ חוצפּה פון אַ מאַניאַק, האָט צוגעמאַכט די צייטונג „דעמאָקראַטיאַ", אַן אָרגאַן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און אַרעסטירט זיין אָנ־פירער, ה' פּונאַראַס, וועלכער האָט זיך אָפּן אָנגעשלאָסן אָן דערדאָזיקער פּאַרטיי, ווי אַ „קאָמוניסט". דערזעלבער פּאַנגאַלאָס האָט באַשלאָסן, אַז די „ווולגאַריסטן" (אָנהענ־גער פון דער לינגוויסטישער רעפאָרם) זענען קאָמוניסטן.

„איך האָב פּערזענלעך געזען צאַנקאָוון און אַנדערע אָנ־פירער", — האָט געשריבן פּליזניער, פון בריסעלער געריכט, — „זיי האָבן צו מיר גערעדט גאַנץ אָפן, זיי האָבן צו מיר גע־זאָגט: „וואַרשיינלעך זענען געווען עקסצעסן, אָבער בעת אונ־דזערע זעלנער האָבן געשניטן די קאָמוניסטן, האָבן זיי אייך אַליין פּאַרהיט פון אַ גרויסער סכנה. איינפירנדיק דאָ אָרדע־נונג, גיבן זיי די מעגלעכקייט אַלע אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטן אַוועקצושיקן זייערע קאַפּיטאַלן מיט דער פולער זיכערקייט אין אונדזערע לענדער. אָט פּאַרוואָס די דיפּלאָמאַטן, די פּאַרטיי־דיקער פון די אימפּעריאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע ענינים, וועלן באַגריסן די ענערגיע פון די בולגאַרישע דיקטאַטאָרן".

ס'איז אַ גרויסער טעות, ווען מען זאָגט, אַז דער מיני־סטער סטאַמבאָליסקי איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די קאָמוניסטן. דידאָזיקע באַשטעטיקונג, אויף וועלכער ס'האָט זיך געשטיצט די בולגאַרישע מאַכט, כדי צו קענען אויסראָטן די אַגראַריער און די קאָמוניסטן, איז אין ווידערשפּרוך מיט די מעלדונגען, וואָס סטאַמבאָליסקי האָט אַליין פּאַרעפנטלעכט אין 1920, אין די אייראָפּעישע הויפּטשטעט; ס'איז אין ווידערשפּרוך מיט זיינע געזעץ־פּראָיעקטן קעגן די קאָמוניסטן און מיט זיינע שטרענגע רעפּרעסיעס קעגן דעם שטרייק פון די באַן־אַרבעטער. אין 1921 האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע אַגראַר־דעפּוטאַטן, ה' געאָרגי דאַמיאַנאָוו געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ קאָמוניסטישן מיטינג און מען האָט אים גאָרנישט געטאָן. דאָס אַליין זאָגט נישט קיין סך? נאָך אַ באַווייז: בעת מען האָט סטאַמבאָליסקין

אַראָפּגעוואָרפן, האָבן אים די קאָמוניסטן אָפּגעזאָגט צו געבן הילף, הגם זיי זענען דעמאָלט געווען גוט אָרגאַניזירט. אָט די אַלע פאַקטן לייקענען קאַטעגאָריש אָפּ די אַלע באַשולדיקונגען און נעמען אָפּ ביי צאַנקאָוון דאָס רעכט צו זאָגן, אַז זיין פּאָליטיק איז געווען אַ תשובה אויף פּראָוואָקאַציעס און פאַר־שידענע אַנדערע מאַנעוורעס.

בעת די וואַלן, וואָס די רעגירונג האָט איינגעאָרדנט נאָך דער מלוכה־איבערקערעניש דעם 9־טן יוני, זענען די אַגראַריער און די קאָמוניסטן בלי ספק געוואָרן אויסגעוויילט אויף די אַלגעמיינע ליסטעס. דאָס איז דערפאַר, ווייל דיביידע פּאַר־טייען זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט די איינציקע אָפּאָ־זיציע־פּאַרטייען; די איבעריקע אָפּאָזיציע־פּאַרטייען, אַזוי צו זאָגן, האָבן צוליב פאַרשקלאַפטקייט און שטותעריי פאַרלוירן זייערע אַלע רעכט, אַלס ווײלער.

ס'איז ליגן, אַז די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ביי וועלכע מען האָט אַוועקגעהרגעט די אָנפירער און אַוועקגענומען די פּראָפעסיאָנעלע רעכט, פאַר וועלכע זיי האָבן זייער טייער באַ־צאָלט, זענען געווען קאָמוניסטן. (ס'וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַר־מאַלע דערשיינונג, ווען זיי וואָלטן אפילו יאָ געווען קאָמוניסטן).

דאָסזעלבע קען מען זאָגן וועגן די בלוטיקע געשעענישן נאָך צאַנקאָווס מלוכה־איבערקערעניש.

די שרעקלעכע רעפּרעסיעס פון סעפּטעמבער 1923, וועל־כע האָבן גורם געווען טויזנטער אַרעסטן און טויזנטער רציחות אין די בולגאַרישע דערפער, זענען אַרויסגערופן געוואָרן צוליב אַ כלומרשטן אַנטדעקטן דאָקומענט, וואָס שטאַמט אַרויס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ס'הייבט זיך נישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס.

אויפן פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יוני 1925, האָט מען נישט באַוויזן קיין שום דאָקומענט, וואָס זאָל עדות זאָגן, אַז די סעפּטעמבער־אומרוען שטאַמען פון קאָמוניסטן. קאָלאַראָוו האָט פאָרמעל אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט זיך אונטער־געשריבן אויף אַזאַ דאָקומענט און אַז דער כלומרשטער

דאָקומענט פון סעפּטעמבער 1923 יאָר, וואָס טראָגט זיין נאָמען, איז אַ געפעלשטער.

דער בעסטער באַווייז, אַז די קאָמוניסטן האָבן נישט אָרגאַניזירט דידאָזיקע אומרוען איז דאָס, וואָס זיי האָבן צו־ערשט נישט געפּרווט אויסנוצן די געשאַפענע לאַגע. וואָלטן די קאָמוניסטן אַרויסגערופן די אומרוען, וואָלט געשעען פּונקט פאַרקערט.

ה׳ וואַנדערוועלדע האָט זייער לייכט טראַקטירט דעמדאָזיקן ענין און אין אַ בעלגישער צייטונג האָט ער זיך וועגן דערדאָזיקער אָפיציעלער לעגענדע אויסגעדריקט, אַז דער „פּוטש” פון סעפּטעמבער 1923 האָט אויסגעבראָכן לויט די אינסטרוקציעס פון מאָסקווע. אָבער דאָס, וואָס ער גיט צו, צעשטערט דידאָזיקע באַשולדיקונג, ווייל נישט נאָר וואַנדער־וועלדע, נאָר קיינער קען זיך נישט שטיצן אויף באַווייזן. ער זאָגט למשל: זאָל מען אפילו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די קאָמוניסטן זענען געווען די אָנפירער פון דער מרידה, אָבער אין די רייען זענען דאָך אויך געשטאַנען אַגראַריער און פּויערים, וועלכע זענען געווען אויפגערעגט פון סטאַמבאָליסקיס טויט. אין סאָפיע, ווו די באָלשעוויקעס זענען געווען שטאַרק, איז גאָרנישט פּאַרגעקומען. אדרבה, אין די ערטער, ווו סטאַמבאָליסקי האָט געהאַט געטרייע אַגראַריער, זענען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן”. צו וואָסער פּועל־יוצא קען מען קומען נאָך דידאָזיקע אַלע פאַקטן? אַז די קאָמוניסטן האָבן ערטערווייז געקענט רעאַגירן אויף די פּראָוואָקאַציעס און מאָרדן, אָבער זיי טראָגן נישט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די געשעענישן. דער אמת איז אַ פשוטער: די אַגראַריער און די קאָמוניסטן האָבן געהאַט אַ זיכערן נצחון בשעת די וואַלן. וואָס טוט מען? האָט מען פאַבריצירט אַ דאָקומענט, ווו ס׳רעדט זיך, אַז דעם 17 סעפּטעמבער דאַרף פאָרקומען אַ רעוואָלוציע. דידאָזיקע „אַנטפּלעקונג” גיט דער רעגירונג דעם אויסרייד, זיי זאָלן קענען דורכפירן אַרעסטן צווישן אַגראַריער און קאָמוניסטן. דידאָזיקע אַרעסטן רופן אַרויס ווידערשטאַנדן

און אומרוען. אין לאַנד, ווו די אַגראַרע פּאַרטיי איז איינגע-נעסטלט. ווידער אַן אויסרייד אויף רעפּרעסיעס און רציחות!

נאָך אַ פּאַקט זאָגט דערפאַר, אַז די סעפּטעמבער-אומ-רוען זענען געשעען פלוצלונג און זענען נישט קיין אַרבעט פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס באַשטעטיקט דער פּאַקט, וואָס די אומרוען זענען נישט פּאָרגעקומען גלייכצייטיק אין גאַנצן לאַנד, נאָר מען האָט זיך כּסדר קעגנגעשטעלט די רע-פּרעסיעס: „נאָך דער בלוטבאָד אין דרום-בולגאַריע, האָבן זיך אָנגעהייבן אומרוען אין צפון-בולגאַריע. ווען ס׳וואָלט באמת עקזיסטירט אַן אויפשטאַנד-פּלאַן, וואָלטן דאָך די רעוואָלוציאָ-נערן נישט באַגאַנגען אַזאַ טעות, זיי זאָלן זיך לאָזן אויסהרגע-נען פריער דאָ, נאָכדעם ערגעץ אַנדערש״. (אַ בריוו פון אַ גרופּע בולגאַרישע אינטעלעקטועלער צו דער ליגע פון מענטשן-רעכט).

לויט די אָפיציעלע מעשיות, זאָלן צוויי הויפּט-געשעענישן געזאָלט פּאָרקומען, אַדאַנק דער אַריינמישונג פון די רוסן און פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אַדאַנק זיי האָט זיך צעבושטעוועט אויף דער וועלט דער געשפּענסט פונם מענטשן מיטן מעסער צווישן די ציין. דאָס איז דער פּויערים-אויפשטאַנד פון טאַ-טאַר-בונאַר (רומעניע), אין סעפּטעמבער 1924, וועגן וועלכן איך רייד שפּעטער זייער פיל, און דער אויפרייס אין דער קאַטעדרע „הייליקע נעדיעלע״, אין סאָפיע, דעם 16 אַפּריל 1925.

די גרינדלעכע אויספאָרשונג פון דידאָזיקע געשעענישן שטעלט פעסט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דער גרויסער אַרגומענט, וואָס די באַלקאַנישע דעספּאָטן שטעלן אַרויס, כּדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים, ווערט צעשמעטערט אויף פּיצלעך.

דער אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע „הייליקע ניעדיעלע״ אין סאָפיע, וועלכער האָט גורם געווען דעם טויט פון בערך 170 פּערזאָן און פון אַ סך פאַרוווּנדעטע, איז אַ טאַט, וואָס איז פּרינציפּיעל אין ווידערשפּרוך מיט דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע זענען תּמיד קעגן אינדיווידועלע אַקציעס

און אָנערקענען בלויז קאָלעקטיווע-אָרגאַניזאַציע און מאַסן-קאַמף. דער אויפרייס פון אַ באָמבע צווישן אַן עולם קען נאָר פאַר־שטאַרקן די רעאַקציע פון דער רעגירונג. ס'קען וועגן דעם ענין קיין שום חלוקי-דעות נישט זיין, יעדער פאַרנונפטיקער מענטש וועט דערמיט מסכים זיין. ס'איז אַ שטותריי צו טראַכטן, אַז אַ פאַרטיי וועט אָפּטאָן אַזאַ אומפאַרזיכטיקייט, באַשעפטיקנדיק זיך מיט אַ פּאָליטישן מאָרד.

די מעשה איז אַ גאַנץ פשוטע. צוליב אַ גאַנצע רייע אכזריות און מאָרדן, ענוים און רציחות קעגן מענטשן אויפן מיטן גאַס, איז דידאָזיקע נאַרישקייט, וואָס די גאַנצע וועלט פאַרדאַמט, אָפּגעטאָן געוואָרן אַלס ענטפער אויף צאַנקאָווס און וואָלקאָווס טעראָר.

מיר האָבן באַקומען די רעזולטאַטן פון אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין עטלעכע זייטיקע שולן, צוויי חדשים נאָכן אַטענטאַט פון 16 אַפּריל 1925. 70 פּראָצענט תלמידים האָבן פאַראורטיילט דעם אַטענטאַט, צוואָנציק פּראָצענט האָבן אים באַרעכטיקט, טענהנדיק: „אַ מצווה אויף די שפּעקוליאַנטן, פּראָצענטניקעס, עקספּלואַטאַטאָרן און הענקער פונם פאָלק". 10 פּראָצענט האָבן געמאָלדן: „דער אַטענטאַט איז געווען אַ שרעקלעכע אכזריות, אָבער די אָנטיילנעמער האָבן עס געטאָן אונטערן איינפלוס פון די בעסטע געפילן, און די איידלסטע מאָטיוון".

נאָכן אַטענטאַט אויף דער קאַטעדרע איז נישט אָנ־געקומען, ווי מען האָט געמיינט, קיין פּעריאָד פון רויקייט און פון סאָציאַלער מנוחה. אָט איז דער בילאַנס פון חודש מערץ 1925.

דעם 12 מערץ זענען 40 פּעריאָן אַרעסטירט גע־וואָרן אין בערקאָוויצאַ און 20 אין פערדינאַנד, צווישן זיי 12 פרויען. דעם 16-טן מערץ האָט מען געוואָלט הרגענען דעם מאַצעדאָניער פעדעראַליסט אַפּאַנאַסאָוו.

דעם 18-טן האָט מען אין בערקאָוויצאַ דערהרגעט דעם גימנאַזיסט טשערגיעוו. דעם 20-טן האָט די פּאָליציי אַרעסטירט 300 פּערזאָן אין שומען, 150 אין סטאַראַ-זאַגאָראַ, 60 אין רוסע, 50 אין סעלוואָוואָ, 40 אין פּילי-פּאָפּאָל, 12 סטודענטן אין סליווען, 30 פּערזאָן אין סאָפיע, 60 אין סאַמאַקאָוו, 40 אין וואַרנאַ, א. אז. וו... דעם 22-טן האָט מען דערהרגעט אַ קאָמוניסט אין עלינאַ. דעם 23-טן האָס מען דערהרגעט קראַסטאָוון אין סאַמאַ-קאָוו און אין סאָפיע דעם לערער י. דאָראָסיעוו. דעם 25-טן האָט פּאָליציי דערהרגעט אין סאָפיע דעם סטו-דענט א. סעמיאָנאָוו. דעם 28-טן זענען פון פּאָליצייאישע קוילן געפאַלן אין רוסע גאַלטשאַנאָוו און פּיסקאָוואַ. דעם 29-טן — מאַסן-אַרעסטן אין סאָפיע; צוויי קאָמוניסטן דערהרגעט. דעם 30-טן מאַסן-אַרעסטן אין גאַנץ בול-גאַריע.

איך האָב געוואָלט האָבן פאַקטן און באַווייזן, אַז די קאָ-מוניסטן האָבן גענומען אָנטייל אין די געשעענישן. דער ה׳ קאַסימאָוו, גענעראַל-סעקרעטאַר פון אויסערן-מיניסטעריום אין בולגאַריע, האָט מיך אויפגענומען, אָנשטאָט דעם אָפּוועזנדן מיניסטער, בעת איך בין געקומען אין מיניסטעריום. ס׳איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז אַדאַנק דעם טומל, וואָס אונדזער אַנקעטע האָט אָנגעמאַכט אין סאָפיע און אין בוקאַרעשט, וואָלט דערדאָזיקער הויכער באַאַמטער — פונקט ווי דער ה׳ טאַטאַרעסקו—אונדז געליפערט די בולטע באַווייזן, ווען ער וואָלט זיי געהאַט. אָבער אַלע דערקלערונגען פון ה׳ קיסימאָוו זענען געווען זייער מטושטש. זיין איינציקער „אַרגומענט" איז געווען דער: „ס׳זענען דאָ פּערזאָנען, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט קיין געלט נישט געהאַט און אין אַ צייט אַרום באַקומען זיי מיטאַמאָל געלט אויף גרויסע הוצאות. ס׳איז בולט, אַז דידאָזיקע פּערזאָנען באַקומען געלט פון מאָסקווע..." איך שטעל פעסט, אַז דער פּאַרטרעטער פון אויסערן-מיניסטער אין סאָפיע האָט

נישט געהאַט קיין שום אַנדערע אַרגומענטן, כּדי צו באַווייזן די שולד פון די קאָמוניסטן.

אויב ס'איז דערלאָזבאַר, אַז דער באַדינער פון דער קאַטעדראַלע, זאַדגאָרסקי, זאָל האָבן גענומען אַנטייל אינם אַטענטאַט, קען מען עס אָבער נישט זאָגן בנוגע די איבעריקע צוויי הויפּט-פאַרמשפּטע, קאָיצוו און פרידמאַן, וועלכע זענען גיכער פון אַלץ געווען אומשולדיק. אויף מאַרקאָ פרידמאַן זענען נישט געווען קיין שום ערנסטע באַווייזן, אַז ער האָט גענומען אַנטייל אינם אַטענטאַט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז ער איז אומשולדיק, ביז דער רגע, ווען ער האָט אַליין געהאָלפן דעם הענקער, דעם ציגיינער, צו טאָן זיין אַרבעט, פאַר די אויגן פון פופציק טויזנט מאַן און אונטערן אָביעקטיוו פון פאָטאָגראַפן און קינעמאַטאָגראַפיסטן.

אָבער דאָס ווייס מען, אַז דער אַטענטאַט פון 16 אַפּריל איז געווען אַ פּועל יוצא פון אַ פּאָליצייאישער בלוטבאָד, צו וועלכער עס איז נאָך קיין ביישפּיל נישט געווען אין דידאָזיקע פאַרדאַמטע געגנטן. אינם זעלבן טאָג פון אַטענטאַט האָט מען אָנגעפּאַקט די תּפיסות מיט גאַנצע מחנות אַרעסטירטע, וועמענס נעמען ס'זענען פאַרויס געווען אַרויפגעטראָגן אויף ליסטעס. צוויי שעה נאָכן אויפרייס פון דער באָמבע האָבן די אַרעסטירטע אין דער צענטראַל-פּאָליציי דערהערט דורך די ווענט האַרצרייסנדיקע געשרייען און דערפילט דעם ריח פון לעבעדיקגעברענטע מענטשן-קערפּער. איך האָב פערזענלעך אָנגעקוקט אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן מיר געבראַכט פּרטים, וואָס מען טראַכט נישט אויס.

ס'האָט נישט געקלעקט קיין תּפיסות נאָכן 16 אַפּריל; מען האָט פאַרוואַנדלט אין תּפיסות קאַזאַרמעס, שולן און אפילו פּריוואַטע וווינונגען.

מיט קאָסטורקאָוון האָב איך זיך באַקענט אין סאָפיע און האָב מיט אים עטלעכע מאָל גערעדט. אויף אים וועט קיינער נישט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין

לאָיאַלער מענטש. ה׳ קאָסטורקאָוו האָט דערמאָנט אין זיינער אַ רעדע, אויפן קאָנגרעס פון די ראַדיקאַלן אין בולגאַריע, וועגן דער שטיצע, וואָס די ראַדיקאַלן האָבן געגעבן דער רעגירונג, בעת די „אומגליקלעכע שווידער־לעכע געשעענישן״ נאָכן 16 אַפּריל, און ער האָט מוסיף געווען: „דידאָזיקע געשעענישן מאַטערן מיין געוויסן. אַ סך מענטשן זענען אומגעקומען אָן שום געריכט. ווו זענען די טויזנטער בולגאַרישע בירגער, וועלכע זענען אויף אַ סודותפולן אופן פאַרשווונדן געוואָרן? און זיי זענען דאָך געווען אין די הענט פון דער מאַכט!.. צו אונדזער חרפה האָט דער באַרבאַריזם באַקומען בירגער־רעכט אין אונדזער לאַנד און באַדעקט מיט שאַנד דעם נאָמען פון אונדזער ראַסע. דידאָזיקע געשעענישן וועלן איינגעקריצט ווערן אין דער געשיכטע פון בולגאַריע. און די אויפ־געקלערטע מענטשהייט וועט אַזוי לייכט נישט מוחל זיין די אָפּגעטאָנענע פאַרברעכנס, נישט פונם בולגאַרישן פאָלק, נאָר פון דער בולגאַרישער רעגירונג.

די רעגירונג האָט געמאָלדן וועגן אַ פאַרשווערונג, וואָס עס דאַרף פאָרקומען דעם 15 אַפּריל, און צו דעם צוועק האָט זי פאַבריצירט אַ דאָקומענט. דערדאָזיקער „געהיימער צירקו־ליאַר״ איז בלי ספק אַ פאַלשער.

ס׳וועט נישט קלעקן אַ גאַנץ קאַפּיטל, כדי צו באַ־שרייבן די פאַבריקאַציע פון די פאַלשע פּאָליטיקער, בעסער דער פּאַפּיר־באַנדיטיזם, וואָס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די לעצטע יאָרן אין די גרעסטע צענטערן פון איי־ראָפּע און אפילו אין אַזיע, מיטן צוועק צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ רוסלאַנד. אַ גרויסע צאָל פון דידאָזיקע אַוואַנ־טוריסטן, וועלכע ווימלען אין די פּאָליצייאישע און שפּיאָנישע קרייזן, אַרבעטן די „פלאָקן־דאָקומענטן״ און פאַרקויפן זיי פאַר גרויסע געלטער די רעגירונגען, וואָס

נויטיקן זיך אין אַרגומענטן. ה׳ טשעמבערלען אַליין האָט זיך אויסגעדריקט אין דעפּוטאַטן-הויז, אין דעצעמבער 1924, אַז ס׳זענען דאָ אַ סך פאַבריקאַנטן פון פאַלשע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן אויף דער וועלט. דידאָזיקע פּערזענלעכקייטן זענען ס׳רוב עמי-הארצים, וואָס מ׳זעט אַרויס פון די פעלערן אין זייער פאַבריקאַציע, און וועלכע ווערן דורכדעם ענדלעך פאַרשאָטן. טיילמאָל האָבן זיי גורם געווען זייער ערנסטע רעזולטאַטן. אויפן קורצזיכטיקן עולם, וועלכער אָריענטירט זיך זייער שוואַך, האָבן דידאָזיקע דאָקומענטן תּמיד אַ גרויסע ווירקונג און רופן אַרויס די חלוקי-דעות, אין וועלכע ס׳נויטיקן זיך די הויכע מקומות. די הכחשה קומט אָן צו שפּעט. חוץ-דעם פאַרבלייבט תּמיד עפּעס פונם בלבול; נאָכמער, די הערשער אָנערקענען נישט שפּעטער, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען געוואָרן מער אָדער ווייניקער ברצון אָפּגענאַרט דורך די שווינדלער, און זיי זענען תּמיד גערעכט.

אַלע געדענקען גוט די גרויסע אָפּערע מיט די פאַלשע דאָקומענטן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין סעפּ-טעמבער 1918 אין די אַמעריקאַנער צייטונגען און אויפ-געוויזן, אַז לענין און טראָצקי זענען פאַרקויפט די דייטשן. דידאָזיקע דאָקומענטן, וועלכע זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס פאַלשע דורכן פּאָלקאָווניק ראָבינס, דעם פאָרזיצער פון רויטן קרייץ, ווען מען האָט זיי פאָר-געלייגט אָפּצוקויפן, זענען ענדלעך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ געוויסן סיסאָן. דערדאָזיקער סיסאָן איז נישט געווען אַזוי געוויסנהאַפט, האָט ער זיך אין זיי אָנגעכאַפּט און זיי פּובליקירט. ביי היינטיקן טאָג ווייסן שוין אַלע, אַז די דאָקומענטן זענען געפעלשט. אָבער דער קלאַפּ איז פאַרבליבן. מיר געדענקען אויך וועגן זינאָוויעווס פאַלשן בריוו, וועלכער האָט געהאַט אַ קאַ-לאָסאַלע ווירקונג בעת די לעצטע ענגלישע וואַלן און דערפירט דערצו, אַז ס׳זענען איבערגעריסן געוואָרן

די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן ענגלאַנד און רוסלאַנד.

ס'איז באַשטעטיקט און באַוויזן געוואָרן, אַז דער בלומרשטער בריוו פון ה' ראַקאָווסקי, וועלכער איז פּובּליקירט געוואָרן אין רומעניע, כדי צו קאָמפּראָמיטירן די אַגראַרישע פּאַרטיי און ראַקאָווסקין אַליין, איז פאַבּריצירט געוואָרן דורך אַ באַרימטן אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָן, מיטן נאָמען ראָטשעסקאָ-ביזאָן, און נאָכדעם ווי ער יהאָט געמאַכט דערמיט אַ קאַריערע, האָט ער זיך מיט אַ גאַנצע חברה ספּעציאַליזירט אויף דעמדאָזיקן געביט. די בערלינער פּאָליציי האָט ביי אַ געוויסן שווינדלער פון דעמדאָזיקן מין, דרויעווסקי, געפּאַקט פאַרשידענע מכשירים: מאַרקעס, שטעמפּלען, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן גאַנצע חמרים „ליטעראַטור", וואָס האָבן צירקולירט אין ענגלאַנד, פּוילן און בולגאַריע. פּונקט אַזאַ מין אַנשטאַלט האָט מען אַנטדעקט ביי אַ געווסן יאַקובאָוויטש אין ווין, ביי אַ געוויסן סינגלעטאָן אין לאָנדאָן און ביי קעדראָליוואַנסקין אין כינע.

דער דאָקומענט, וועגן וועלכן כ'האָב פריער גערעדט, וואָס צאַנקאָוו האָט איבערגעלייגט אין דער סאָבּראַניע, אויסגענוצט אים אַלס באַרעכטיקונג פאַר זיינע אכזריות און רעפּרעסיעס און אויסגעפּויקט ביי די פאַרבונדעטע אַ הסכמה צו פאַרגרעסערן די אַרמיי אויף צו פירן מלחמה אין לאַנד. דערדאָזיקער דאָקומענט פּראָיעקטירט דורכצופירן אַן אַלגעמיינע אַקציע פון די רומענישע, פּוילישע, טשעכאָסלאָוואַקישע און באַלקאַנישע קאָמוניסטן. דאָס איז דרויעווסקיס אַרבעט — אַ מוסטער פון דיזעלבע מאַרקעס און שטעמפּלען, וואָס מען האָט ביי אים געפונען. אין דעמדאָזיקן דאָקומענט זענען דאָ חמרים בולטע פעלערן: פאַלשע באַנוצונג פון צייכנס און מאַרקעס, נישט ריכטיקע טעכנישע אויסדרוקן, געוויסע פּערזאָנען זענען פיקטיווע, אַ סך פּערזאָנען האָבן

נישט געהאַט, אָדער האָבן שוין נישט מער די אָמטן, וואָס זיי האָבן אויף דעמדאָזיקן דאָקומענט. אַ סך זענען שוין דער־ווייטערט געוואָרן פון לאַנד און מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי אַרבעטן אויפן געביט פון אַגיטאַציע. די אַרבעט איז אַ טאַנדעטע. אָבער בעת דער שווינדל איז באַוויזן געוואָרן, איז שוין געווען צו שפּעט: די רעגירונג האָט שוין געהאַט דערגרייכט איר ציל. ה׳ קיסימאָוו האָט מיר מיט קיין וואָרט נישט געדאַכט וועגן דעמדאָזיקן דאָ־קומענט.

פונקט פון דעמזעלבן שטאָף איז דער דאָקומענט, וואָס איז אין פאַקסימילע געדרוקט געוואָרן דורך דער צייטונג „בולגאַריע", וואָס דערשיינט אין סאָפיע אויף פראַנצויזיש און אין „ליע זשורנאַל" אין פאַריז. דאָס־זעלבע איז מיט אַ פאַלשן דאָקומענט, וואָס איז אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון דער רומענישער סיגוראַנצע און, לויט ווי די רעגירונגס־צייטונג „וויאיטאָרול" פאַרזיכערט, איז זיין ציל געווען אַרויסצורופן אין רומעניע אַנטיסע־מיטישע באַוועגונגען, ווייל דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז דערין פאַראינטערעסירט.

וואָס שייך דעם אַטענטאַט אויפן קייזער באָריס, וואָס איז אומדערקלערבאַר פאַר די קאָמוניסטן, איז עס וואַרשייג־לעך אַן עובדה פון די אולטראַ־צאַנקיסטן, אָדער פשוט פון די צאַנקיסטן.

מיר מוזן באַמערקן, אַז די קאָמוניסטן האָבן זיך גע־האַלטן זייער רויק נאָך דער קאַטאַסטראָפע אינם קלויסטער. נישט בלויז זיי האָבן גאָרנישט געטאָן, כדי אויסצונוצן די געשאַפענע לאַגע, נאָר זיי זענען געבליבן אומעטיק און האָבן זיך אפילו אַליין איבערגעגעבן אין רשות פון דער רעפּרעסיע.

איך דערלויב זיך דאָ אַביסל ברייטער צו באַהאַנדלען דעמדאָזיקן ענין. איך וויל זיך דאָ נישט אַרויסדרייען פון

מיינע התחייבותן און ווייל אָפּן, אָן שום שאָטן און פלעק, אויפקלערן די טעזע, וואָס איך שטיץ אונטער. אַלזאָ, איך דערקלער אַן איבעריק מאָל, אַז די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַרשפרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט. איר ציל איז אויפצוקלערן די אַרבעטער פון שטאָט און דאָרף דעם פּלאַן פון אַ גרינטלעכער סאָציאַלער באַנייאונג, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַלעמענס גלייכקייט, אויף דער אויסשליסלעכער סוווערעניטעט פונם אַרבעטס־פּראָדוצירער, און אַז די גרענעצן פונם מענטשלעכן קאָלעקטיוו זאָל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. דידאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע ווערט דורכגעפירט דורך קעגנזייטיקער דורכדרינגונג, און דורך אָרגאַניזירונג פון די אונטערדריקטע מאַסן. וועגן דערדאָזיקער אידעע און וועגן די סיבות איז נישט דאָ דאָס אָרט, מען זאָל דערפון ריידן. אָבער דאָס קען מען יאָ זאָגן, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ „פּראָגראַם" פון אַ פּאַרטיי, אין פּרינציפּ ענלעך צו אַלע אַנדערע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָגראַמען. טעאָרעטיש איז דידאָזיקע אידעע נישט מער סובווערסיוו, ווי די אידעע פון אַנדערע פּאַרטייען, וועלכע ווילן אָנוואַרפן זייערע באַגריפן אַנדערע מענטשן און געווינען אויף זייער צד די גאַנצע עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. די רעוואָלוציע איז בלויז אַ מיטל, כדי צו רעאַליזירן אַ צושטאַנד פון זאַכן, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ דאָקטרינע, אָבער דידאָזיקע דאָקטרינע רופט אין תוך נישט אַרויס קיין שום אכזריותן: גאָר פאַרקערט, דידאָזיקע דאָקטרינע,—האַלטן אירע אָנהענגער,— איז אַ סך לאָגישער פון אַנדערע, די ווייט־גייענדיקסטע, מער צוגעפּאַסט צו די לעבעדיקע באַדערפענישן און צו די פאַרייניקטע כוחות פונם כלל. אָבער דער שפּראָצל פון אומגעזעצלעכקייט באַשטייט דערין, וואָס זי וויל ענדערן די עקזיסטירנדיקע געזעצן. דעריבער איז עס אין אַ געוויסער מאָס אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג, ווען די רעגירונג, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטייען, מעלדן, אַז די קאָמוניסטישע טעאָריע איז אומלעגאַל און סובווערסיוו, און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע פון שטענדיקער קאָנספּיראַציע.

מען דאַרף באַמערקן, אַז די רעאַליזאַציע-מיטלען, וואָס זיי פאַרווענדן, האָבן נישט קיין שייכות צו פּרינציפּ, נאָר צו מעשים. ס׳קומט אויס זייער אויסטערליש זיך צוצוקוקן, ווי רעגירונגען, וועלכע זענען געקומען צו דער מאַכט אַדאַנק בירגער-קריג און דורכן אַריינרייסן זיך פון פּאָליציאַנטן און זעלנער פון פאַרשידענע מיניסטעריומס, האָבן אָנשטאָט אַ רעוואָלוציע דורכגעפירט אַ בעסטיאַלישע קאָנטר-רעוואָלוציע. אָבער לאָמיר זיך אומקערן דערצו, וואָס אינטערעסירט אונדז אין דער ערשטער רייע. וואָסערע סיבות ס׳זאָלן נישט זיין, מוז מען מיט פאַראַכטונג פעסטשטעלן, אַז די עקזיסטירנדיקע טעטיקע אונטערדריקונגס-אָרגאַניזמען פאַבריצירן באָבע-מעשיות פון פאַרשווערונגען און מאָרדן, כדי צו פאַרשמוצן און פאַרטיליקן די גרופּע, וועלכע איז נישט אַזוי בייגעוודיק, ווי זיינע קעגנערישע פּאָליטישע פאַרטייען.

אַלזאָ, מען האָט געשניטן קעפּ אויף אַלע זייטן, מען האָט אָנגעטאָן געברענטע ענוים, אַז ס׳לאָזט זיך נישט גלויבן. מען האָט געקלאַפּט דעם אַרבעטער און פּויערים־קלאַס אין אַלע זיינע פאַרטיידיקונגס-שטעלן, באַנוצנדיק זיך מיט שקר און שווינדל.

מען האָט דערפירט צו העקאַטאָמבעס, אָבער מען האָט געשטאַרקט די אידעע און אויך דעם צאָרן. ס׳איז שוין אַריבער די צייט, ווען פאַרפאָלגונג האָט געשאַפן פּראָזעליטן. די, וועלכע זענען נישט קיין רעוואָלוציאָנערן ווערן רעוואָלוציאָנערן. מען האָט מיר אויסגערעכנט אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך ביז איצט אָפּגעהאַלטן פון פּאָליטיק, אָבער זיי זענען געוואָרן קאָמוניסטן, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָן שום סיבה אַרעסטירט און אַ לענגערע צייט אָפּגעהאַלטן אין תפיסה. שפּילנדיק זיך מיטן באָלשעוויסטישן אויסרייד, האָט די מאַכט פאַרשטאַרקט די באָלשעוויסטישע ווירקלעכקייט, און ס׳איז אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך.

איך דערמאָן זיך מיט וואָסער התלהבות אַן אַנטרונענער פון בולגאַריע האָט צו מיר גערעדט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. „זיי

קענען אונדז נישט אויסהרגענען אַלע, ביזן לעצטן. אַלזאָ-
זענען זיי פאַרלוירן. ס׳וועלן תמיד בלייבן עטלעכע, וועלכע
וועלן שאַפן אַנדערע״. דער גלויבן פון די לעבעדיקע, וועל-
כער איז געשאַפן און אויסגעשמידט געוואָרן דורך ליידן, איז
שטאַרקער פון קלעפּ. זיי האַפן געוואַלדיק.

VII

די באַלקאַנישע מינדערהייטן

די באַלקאַנישע האַלב-אינדזל איז צעפּליקט פון די אָרגאַנישע מחלוקות, וואָס די פראַגע פון די עטנישע מינדערהייטן איז גורם. די טראַקטאַטן פון נאָך דער מלחמה פון 1914, וועלכע האָבן באַשטימט די גרענעצן פון דידאָזיקע פאַרשידענע לענדער, האָבן אַוועקגעגעבן איינע מער, צום שאָדן פון די צווייטע. דאָס האָט געשאַפן אַ סך שטרייט-געביטן, וועלכע די באַצוולטע פאָדערן צוריק. אָבער די אַלע צעבּרעקלטע געביטן שטעלן מיט זיך פאָר געאָגראַפישע איינציקייטן און אויך גאַנצקייטן, לויט טראַדיציע און פון קולטורעלן-שטאַנדפּונקט. חוץ די מחלוקות צווישן לענדער, איז אין לאַנד גופא די לאַגע נישט קיין פעסטע, צוליב די כראָנישע שטרעבונגען פון באַפרייאונג און צוליב די כּסדרדיקע קאָנפליקטן, וואָס די רעגירונגען פון די הערשנדיקע באַלקאַנישע לענדער (דאָס הייסט די לענדער, וואָס האָבן געזיגט און גענאָסן פון טעריטאָריאַלן שלל), שטילן איין מיט דער קאָלבע און מיטן שווערד און וואָס זיי ווילן אויסראָטן אויפן געזעצלעכן אופן. אַזאַ רעזשים קען לאַנג נישט האַלטן.

נאָך דער מפּלה פון עסטרייך, טערקיי, בולגאַריע, בעת דער מלחמה, האָט די הצלחה אַ שפּיל געטאָן דער קליינער סערביע. סערביע, וועלכע האָט געהאַט קוים דריי מיליאָן

איינוווינער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יוגאָסלאַוויע, ווו מ׳ציילט איצט 14 מיליאָן נפשות. אַ חוץ אַ העלפט פון מאַצע־דאָניע, האָט מען איר צוגעגעבן קראָאַטיע, סלאָוואָניע, באָסניע און מאָנטענעגראָ.

פון דידאָזיקע אַלע פּראָווינצן איז קראָאַטיע די רייכסטע און צום בעסטן אַנטוויקלט. ה׳ ניעמאַנאָוו האָט געמאַכט אַ רייזע איבער דידאָזיקע געביטן און וועגן זיינע איינדריקן האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין 1923. ער זאָגט דרך־אגב: „אַז די עסטרייכישע אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט ביז איצט דאָרט פונקציאָנירט, איז געווען מער אָדער ווייניקער אָרנט־לעך, קאָרעקט, צוטריטלעך פאַר דער באַפעלקערונג און גע־זעצלעך באַהאַנדלט.

אָנשטאָט צו גיין מיט חסד און מיט חכמה, האָבן די סערבן באַהאַנדלט אַלע פּראָווינצן, ווי אַ באַזיגט לאַנד, אָן שום רחמנות, צעקלאַפּנדיק אַלע טראַדיציעס (די סלאָוועגער זענען קאַטאָליקן, די באָסניער — מוזולמענער). די סערבישע קאָנ־סטיטוציע, דאָס הייסט ווידאָוודענס קאָנסטיטוציע, האָט אָנגע־וואָרפן אַן אוממיטלבאַרע צענטראַליזאַציע און די גאַנצע אָנ־פירונג איבער דידאָזיקע געביטן האָבן פאַרנומען אַגענטן פון דער אַלטער סערביע און פון בעלגראַד. די אַנעקסיע האָט גע־לאָזט אין גאַנג די „באַלקאַנישע מעטאָדן", האָט פאַרשפּרייט אויף די נייע טעריטאָריעס חוצפּהדיקע טיראַנען, פרעכע און אָפּטמאָל פאַרקויפטע נשמות. און דער פועלי־וצא איז געווען, אַז בלוט האָט זיך געגאָסן פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַ סך פיינער פון די באַזיגער.

ה׳ סטעפאַן ראַדיטש, דער אָנפירער פונם קראָאַטיש־סלאָ־װעניש־באָסניאַקישן בלאָק, האָט אין יענער צייט געמאָלדן: „מיר זענען רעפּובליקאַנער און פעדעראַליסטן, די סערבן זענען מאָנאַרכיסטן און צענטראַליסטן. מיר האָבן אַ פאַרשידענע פּסי־כאָלאָגיע, אַ פאַרשידענע געשיכטע, פאַרשידענע מנהגים... מיר זענען תמיד געווען דער פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון אייראָפּע צום אָריענט, דער אַוואַנגאַרד פון דער אייראָפּעישער

קולטור, און איצט וויל מען מאַכן, אַז מיר זאָלן זיין דער פּאָדעם פון אָריענט צום אָקצידענט, דער אַריערגאַרד פון דער באַלקאַנישער ווילדקייט״.

די וואַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אויף דער „פּלאַט־פאָרם פון קאַמף קעגן דער סערבישער צענטראַליזאַציע״, מיט פּאַשיטשן בראש, האָבן אים געגעבן 108 מאַנדאַטן ביי דער אַלגעמיינער צאָל פון 310. אין אַלע ניי־אָנגעקניפּטע פּראָווינצן האָבן די פעדעראַליסטן געזיגט און ה׳ ראַדיטש האָט באַקומען 114 מאַנדאַטן.

ה׳ ראַדיטש האָט געפאָדערט, מען זאָל יוגאָסלאַוויע רע־קאָנסטרואירן אויף פעדעראַטיווע יסודות, פאַרזיכערנדיק יעדער איינער פון די קאָנסטרואירנדיקע טיילן גלייכע רעכט: „מיר ווילן יוגאָסלאַוויע זאָל זיין אונדזער אַלעמענס הויז און נישט אונדזער תפיסה״. וואָס האָט אָבער נאָכדעם פּאַסירט? ה׳ ראַדיטש האָט זיך פאַרייניקט מיטן ה׳ פּאַשיטש און פאַרן פרייז פון געוויסע הנחות אַריינגעטראָטן אין דער צענטראַלער רע־גירונג, וואָס הייסט — זיך אָפּגעזאָגט פון די פּרינציפּן.

אַדאַנק דער מלחמה, האָט זיך אין רומעניע פאַרדאָפּלט דער שטח און די באַפעלקערונג. אַן אומגעהויערער קרייז פון נייע פּראָווינצן רינגלען אַרום דעם נוס פון דער „אַלטער רו־מעניע״: דאָברודזשע, בעסאַראַביע, בוקאָווינע, טראַנסילוואַניע, באַנאַט. די באַפעלקערונג פון רומעניע שטעלט זיך איצט צו־נויף פון אַ דריטל נישט רומענער. דידאָזיקע נאַציע שטייט אין אַ געהיימען קאַמף, הויפּטזעכלעך מיט אונגאַרן און רוס־לאַנד. דורך מיליטערישער אָקופּאַציע, פאַרשיקונג פון די איינוווינער, שטרענגע אויסראָטונג פון יעדער באַוועגונג און טראַדיציאָנעלע שטרעבונגען און דורך קאָנפיסקאַציע פון שולן, באַמיט זי זיך צו באַפעסטיקן אויף די אַנעקסירטע קינסטלעכע געביטן, וועלכע זענען איר צוגעפאַלן אַדאַנק דער מלחמה. לויטן געזעץ איז פאַרווערט די נישט־רומענער צו לערנען זיך אין די שולן זייער מוטער־שפּראַך.

160.000 קינדער אין בוקאָווינע ווערן געשטערט צו־

לערנען זייער מוטער-שפּראַך. אפילו סטודענטן, וואָס קענען רומעניש, האָט מען נישט דערלאָזן צום טשערנאָוויצער אוני-ווערזיטעט. מען האָט צוגעמאַכט פיר פּראָפעסיאָנעלע שולן דערפאַר, ווייל אוקראַינער האָבן זיי געגרינדעט. אויף די באַנען, אין טריבונאַלן, אין אַדמיניסטראַציעס רעדט מען, לויט אַ באַפעל פון אויבן, בלויז רומעניש, אַ שפּראַך, וואָס 68 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג קען נישט.

לויט אַ באַפעל פון 1926 איז דערלויבט אויף געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען צו ריידן בלויז רומעניש. אַלזאָ פאַר די אַנעקסירטע געביטן איז עס גלייך, ווי מען וואָלט זיי פאַרווערט.

מוניציפּאַלע פרייהייט עקזיסטירט נישט. שטאָט-באַאַמטע, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער רעגירונג זעצן אַראָפּ ראַט-מענער, אויסגעוויילטע דורך דער באַפעלקערונג. ס'עקזיסטירט דאָרט דער רעזשים פון פאַנשטשינע, פון רעקוויזיציעס און פון שוידערלעכע רעקוויזיציעס. אויף די גרענעץ-געביטן באַראַבעווען די זשאַנדאַרמען סוחרים און פויערים, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס זענען געווען קאָנטראַבאַנדיסטן. דער באַלאַגערונגס-צושטאַנד איז פון דער אָקופּאַציע אָן נישט אַראָפּגענומען געוואָרן. אַרבעטער באַקומען בלויז 40 פּראָצענט פונם שכירות, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר דער מלחמה. אין די קאַרפּאַטן שמייסט מען נאָך ביי היינטיקן טאָג די פויערים. רויקע בירגער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַנדיטן, כּדי צו נעמען נקמה.

אין דערזעלבער בוקאָווינע איז די אַגראַרע רעפאָרם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלאָניזאַציאָנעלע אונטערנעמונג, בעת די אָרטיקע בירגער צווינגט מען צו עמיגרירן. נאָכדעם ווי בוקאָווינע האָט אין 1919 יאָר פייערלעך געמאָלדן, אַז זי איז קעגן אַן אַנעקסיע, וועלכע איז אַ ריין פּאָליטישע, האָט די רומענישע אָקופּאַציע-מאַכט זיך גענומען אויסצוראָטן פון יענעם געגנט נישט בלויז דעם נאַציאָנאַלן גייסט, נאָר אויך דורך

פאַרפאָלגונגען פאַרטרייבן די אָרטיקע איינוווינער, באַזעצנדיק דאָרט זייערע אייגענע אַגענטן.

פון דאָברודזשע, וועלכע איז פריער געווען אַ טייל פון בולגאַריע, האָבן 35.000 איינוווינער געמוזט אויסוואַנדערן. מען באַקומט דעם איינדרוק, גלייך די רעגירונג וואָלט אַרויפגעלייגט קייטן אויף דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. די שול־בנינים האָט מען עקספּראָפּריאירט, די דאָרף־שולן אין די בולגאַרישע דערפער געשלאָסן און אומעטום פאַרווערט צו לערנען די מוטער־שפּראַך. חוץ דידאָזיקע אַסימילאַציע־מעשים, באַראַבעווען די רומענישע באַאַמטע די באַפעלקערונג, און ווי מען שמועסט באַהאַנדלען זיי אַזוי אכזריותדיק די באַפעלקע־רונג צוליב פּראָוואָקאַציע־צוועקן, כדי צו באַרעכטיקן זייערע שרעקלעכע רעפּרעסיעס און זייער מיליטערישן רעזשים.

בנוגע דאָברודזשע איז לעצטנס פאָרגעקומען אין בוקאַ־רעשט אַ זיצונג אונטער דער אָנפירונג פונם ה׳ טאַטאַרעסקו, דער אמתער רומענישער אינערן־מיניסטער. די אָפיציעלע באַ־שלוסן פון דערדאָזיקער זיצונג זענען פאָלגנדיקע: די גרענעצן פאַרשטאַרקן מיט מיליטער און זשאַנדאַמעריע, אַרויפוואַרפן די אחריות אויף גאַנצע דערפער, אין פאַל, ווען באַנדעס וועלן אַטאַקירן. און ענדלעך האָט מען באַשלאָסן אָנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן די מיטהעלפער פון די קאָמיטאַדזשיס (באַוואָפנטע סעפּעראַטיסטן).

אויף דערזעלבער זיצונג זענען אָנגענומען געוואָרן נאָך אַנדערע געהיימע באַשלוסן, וועלכע האָבן זיך נאָכדעם באַוויזן אין אַ צירקוליאַר, אַרויסגעגעבן דורכן פּרעפעקט פון סיליסטרע, טאַשקו פּוטשערעאַ, דער שולדיקער אינם מאָרד פון פינף פוי־ערים אין אַספּאַטקעי, אין 1924. אין דעמדאָזיקן צירקוליאַר ווערט געזאָגט: „יעדער איינער ווער ס׳וועט הרגענען אַ באַנ־דיט אָדער אַ קאָמיטאַדזשי, וועט באַקומען 10.000 לעי באַלוי־נונג פאַר יעדן קאָפּ פון אַ באַנדיט אָדער אַ קאָמיטאַדזשי״. די מעסיקע צייטונג „אַדעווערול״, וועלכע פאַרעפנטלעכט די־דאָזיקע ידיעות, שרייבט וועגן דעם אַזוי: „דאָס הייסט, געבן

איינעם רעכט צו פֿאַרפֿאָלגן אַ מענטשן, אָנרופֿן אים באַנדיט, הרגענען אים סתּם אין דער וועלט אַריין און באַקומען דערפֿאַר אַ באַלוינונג. דאָס וועט דערפֿירן דערצו, אַז איינער וועט הרגענען דעם צווייטן אויס פּערזענלעכער שׂנאה".

נישט איינמאָל האָבן זיך פֿאַרגונפּטיקע מענטשן אַרומגעזען, אַז די קאָמיטאַדזשעס „קעלבן זיך"; בכּיוון פֿאַרגרעסערט מען זייער צאָל אין די קאָמוניקאַטן, כּדי צו באַרעכטיקן די מעשׂים פֿון אַסימילאַציע, וואָס ווערן דורכגעפֿירט דורך קלעפּ אָדער מערדערייען, אין די געגנטן, ווו די רומענער האָבן זיך קאָלאָניזירט, אַרויסטרייבנדיק די אָרטיקע באַפֿעלקערונג און ווו די פֿאַרבליבענע מוזן אַרבעטן בחצי־חינם צום גונסטן פֿון די באַוואָפֿנטע קאָלאָניסטן.

דעם 22-טן יאַנואַר 1926 איז אין קאָנסטאַנצאַ פֿאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן 78 פּויערים. מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן צוגעגרייט אַ פֿאַרשווערונג צוזאַמען מיט בולגאַרישע אירעדעניסטן *), הגם צווישן זיי זענען געווען טערקן. זיי זענען אָפּגעזעסן עלף חדשים תּפֿיסה ביזן פּראָצעס, האָבן געמוזט באַצאָלן מיט שווערע איינדרוקן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דיקן באַשולדיקונגס-אַקט, און אַ סך פֿון זיי האָט מען אַזוי צעשלאָגן, אַז שטיקער בגדים האָבן זיך איינגעגעסן אין זייער לייב.

טראַנסילוואַניע

דעם 1-טן דעצעמבער 1925 איז געוואָרן זיבן יאָר, ווי די רומענער פֿון אַלבאַ-יוליאַ, אין טראַנסילוואַניע — אונגאַרישע פּראָווינץ — האָבן באַשלאָסן מען זאָל זיי אַנעקסירן צו רומעניע, און אינם יאָרטאָג פֿון דערדאָזיקער גרויסער געשעעניש איז פֿאָרגעקומען אַ יום־טובֿ מיט פֿייערדיקע רעדעס. לאָמיר

---

*) די, וואָס שטרעבן זיך צו באַפֿרייען פֿון פֿרעמדער הערשאַפֿט.

באַטראַכטן די ווירקלעכקייט דורך — דער פּריזמע פון די דרשות.

אין דעצעמבער 1918 איז אין טראַנסילוואַניע פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציאָנערע פאָלקס-באַוועגונג פאַר אומאָפּהענגיקייט, — אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אין אונגאַרן. די אָנפירער פונם רומענישן מיטעלן קלאַס האָבן געהאַט אַזאַ מין אויסוואַל: מאַכן אַ רעוואָלוציע צוזאַמען מיט די באַזיגטע אונגאַרן, אָדער זיך אונטערוואַרפן דער רומענישער אַרמיי, וועלכע איז אָנגעקומען פון מזרח, געשטיצט דורך דער באַל־קאַנישער אַרמיי פון דער אַנטאַנט, מיטן גענעראַל פראַנשע ד׳עספּערע אין דער שפּיץ. זיי האָבן מסכים געווען, מען זאָל זיי אַנעקסירן צו רומעניע. די רומענער האָבן, ווי דער שטיי־גער, איינגעוויליקט אָנצונעמען זיך אָן רומעניע אונטער געוויסע דעמאָקראַטישע באַדינגונגען, אָבער די דאָזיקע באַדינגונגען זענען, ווי דער שטייגער, צום ווייניקסטן אויסגעפּילט געוואָרן און ענדלעך אינגאַנצן אָפּגעשליידערט אָן אַ זייט דורך רומעניע, וועלכע איז געווען שטאַרק מיט איר אָקופּאַציע-מיליטער. און אויף אַזאַ אופן האָט מען ביי די „רומענישע באַפרייטע ברי־דער" אַוועקגענומען זייער גאַנץ ביסל פרייהייט. לויטן אויס־דרוק פון ה׳ וואַיוואָד, דעם געוועזענעם פאָרזיצער פונם רומע־נישן ראַט, איז די פאַרייניקונג אַזוי שלעכט „צונויפגעשטוקע־וועט געוואָרן", אַז די טראַנסילוואַנער נאַציאָנאַליסטן זענען ביי היינטיקן טאָג געצוווּנגען צו עסן דעם „ביטערן ברויט פון דער אָפּאָזיציע". לאַנגע דרשות האָבן די פאָרשטייער פון טראַנסילוואַניע געהאַלטן אין פּאַרלאַמענט: אַז די שטערבלעכ־קייט פאַרגרעסערט זיך אין די דערפער; אַז מען עמיגרירט פון דאָרט מאַסנווייז; אַז אין שייכות מיט דער פאַרשפּראָכענער „אַגראַר-רעפאָרם", האָבן פון 530.000 פּויערים בלויז 45.000 פּויערים באַקומען ערד; אַז די אינדוסטריע און מסחר, וואָס איז זייער גוט אַנטוויקלט אין טראַנסילוואַניע — ווערט אָפּגע־שוואַכט; אַז די טראַנסילוואַנער בענק האָט מען רעדוצירט אויף אַ צענטל חלק, בעת די רומענישע בענק ווערן שטאַרק

אונטערגעשטיצט דורך דער רעגירונג, וואָס ס׳גיט די מעגלעכ־קייט די קאַפּיטאַליסטן פון בוקאַרעשט אַרויפצופֿלייגן זייערע לאַפּעס אויף אַלע אונטערנעמונגען. אומעטום אַרבעטסלאָזיקייט, פולשטענדיקע אַרבעטס־סטאַגנאַציע. די אומגעהויערע רעזשיצער פאַבריקן, אויף וועלכע עס האָבן געאַרבעט 8000 אַרבעטער, האָבן איצט נישט מער ווי 1200. ביי בוי־אַרבעט דערגרייכט די אַרבעטסלאָזיקייט ביז הונדערט פּראָצענט. ביי מעטאַלורגיע דערגרייכט דער פּראָצענט פון 40 ביז 60. אויף 40.000 האָלץ־אַרבעטער זענען 15.000 אָן אַרבעט. דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג ווערט נישט אָפּגעהיט. זשאַנדאַרמען האָבן געצוואונגען די האָלץ־אַרבעטער צו אַרבעטן צוועלף שעה. דעם הילפס־פאָנד פאַר אַרבעטער האָט מען אַוועקגענומען אין בוקאַרעשט. אין די שאַכטן צאָלט מען טויזנטער מענטשן נישט אויס קיין שכירות. אַלקאָהאָל און הונגער האָבן דאָרט דערפּאָלג. אין טראַנסילוואַניע, אין באַנאַט, פּונקט ווי אין בעסאַראַביע, האָט זיך דער פאַרקויף פון שנאַפּס פאַרגרעסערט אויף 200 פּראָצענט אין אַ משך פון 7 יאָר. פון 40 ביז 50 פּראָצענט שולן האָט מען רעדוצירט און זייערע הייזער, פּונקט ווי אַ סך פאָלקס־הייזער, האָט מען קאָנפיסקירט און פאַרוואַנדלט אין קאַזאַרמעס. באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין פולן גאַנג: אַרעסטן, רויבערייען, וואַל־טעראָר.

די אָרטיקע רומענישע פּויערים ליידן נישט ווייניקער, ווי די טראַנסילוואַנישע מינדערהייטן פון דער קאָלאָניזאַציע, וועלכע געפינט זיך אין רשות פון די פּראָצענטניקעס. מען דערציילט פאַקטן פון סאַטומאַרער קאָמיטעט, ווו קאָלאָניסטן זענען אָנגעפּאַקט אין פאַרשטונקענע באַראַקן. אַ סך שטאַרבן אויס פון פאַרשידענע עפּידעמיעס, די איבעריקע אַנטלויפן.

אין אונגאַרן געפינען זיך 150.000 אַנטלאָפענע פון טראַנ־סילוואַניע, וועלכע ווילן בעסער ליידן פון דער אונגאַרישער מיליטערישער דיקטאַטור און פונם עקאָנאָמישן קריזיס, איידער פונם רומענישן טעראָר. באַאַמטע, לערער, אָנגעשטעלטע,

ריכטער האָבן „אָפּטירט״ פֿאַר אונגאַרן און ווױנען דאָרט אין וואַגאָנעס.

בעסאַראַביע אונטערן יאָך

בעסאַראַביע, וועלכע איז אַ טײל פֿון רוסלאַנד, איז דורך דער אַנטאַנט אָװעקגעגעבן געוואָרן רומעניען. די דאָזיקע אַנעקסיע פֿון אַ רוסישער פּראָווינץ, אָן דער הסכּמה פֿון רוסלאַנד, מיט וועלכער מען איז נישט געווען אין אַ פֿײנטלעכן צושטאַנד, אָן דער סאַנקציע פֿון אַ קעגנזײטיקן אָפּמאַך, איז אַ רויבערישער טאַט, וועלכער איז אפשר דער אײנציקער אין דער מאָדערנער געשיכטע. רומענישע פּאָליטיקער, פּאַטריאָטן, ווי דער דאָקטאָר לופּו, האַלטנדיק, אַז ס׳רוב פֿון דער בעסאַראַבישער באַפֿעלקערונג זענען רומענישע מאָלדאַוואַנער, האָבן דאָך דעם מײנונג, אַז אין דעם פֿאַל האָט די אַנטאַנט איבערגעשטיגן אירע רעכט און אַז ס׳איז נויטיק צו באַקומען אַ הסכּמה פֿון רוסלאַנד, כּדי צו רעגולירן די דאָזיקע סיטואַציע. ווי ס׳זאָל נישט זײן, אָבער מען ווענדעט אָן אין בעסאַראַביע אַלע מיטלען, כּדי אויסצוראָטן רוסיש. מען באַהאַנדלט בעסאַראַביע, ווי אַ ווידערשפּעניקע קאָלאָניע. מען פֿאַרווערט דאָרט צו רײדן רוסיש. אַגענטן-פּראָוואָקאַטאָרן שאַפֿן דאָרט, אַזוי צו זאָגן, רוסישע קאָמיטעטן. מען הרגעט דאָרט אין גרויסן מאַסשטאַב. ה׳ טאַמאַרעסקו האָט זיך מודה געווען פֿאַרן ה׳ קאָסטאַ פֿאָרו, אַז מען האָט אַ סך בלוט פֿאַרגאָסן אין בעסאַראַביע, אָבער „אַזוי האָט געמוזט זײן״.

לויטן באַריכט פֿון דער פֿויערישער צײַטונג „צאַראַנול״ האָט דאָס רומענישע אָקופּאַציע-מיליטער פֿון 1918 ביז 1925 געהרגעט אין בעסאַראַביע 18.833 מאַן. (אין 1918 — 3000 מאַן, אין 1919 — 11.000, בעת דעם אויפֿשטאַנד אין כאָטין, אין 1924 — 2000 אין טאַטאַר-בונאַר).

די רומעניזאַציע אין בעסאַראַביע האָט גורם געווען אַ שרעקלעכע נויט. אַלע גרויסע טאָלן, וועלכע זענען געווען

באַלעבט און ווו ס'איז געווען אַ שפּע, מאַכן איצט דעם איינדרוק, גלייך זיי וואָלטן געווען פּוסט, אומבאַאַרבעט זיינט די וועלט שטייט, און די רייזנדער, וואָס פאָרן אַרום איבער דידאָזיקע בעסאַראַבישע מקומות, גיבן אָפּ פאַרצווייפלטע באַריכטן זאָל זיין אויס אָנמעכטיקייט, אויס אומפעיקייט, אָדער צוליב אַנדערע סיבות! אָבער די צענטראַלע רעגירונג האָט זייער קנאַפּ מיטלען אָנגענומען, כּדי אַרויסצושלעפּן בעסאַראַביע פון איר שרעקלעכער נויט. אַביסל ווייטער וועט מען געפינען אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג איבער דער לאַגע אין בעסאַראַביע.

דאָס מאַצעדאָנישע פּראָבלעם

עס איז אַן אמתע ווונד אויפן האַרץ פון באַלקאַן. דערדאָזיקער גרויסער מאַצעדאָנישער שטח, וועלכער גיט אַזויפיל מאָלערישע און פעסטע כאַראַקטערן פון ראַסע און נשמה-אייגנקייט, איז אין אַ משך פון אַ סך היסטאָרישע תקופות געווען צעבּרעקלט, לויט די זיגן און מפּלות פון די פעלקער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. אינם איצטיקן פּעריאָד, אין יולי 1913, כּדי צו פאַרשטאַרקן די העלענישע הערשאַפט אין דרום-מאַצעדאָניע, ווו די גריכן זענען אַ קליינע מינדערהייט (קוים 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג), האָט דער מלך קאָנסטאַנטין אַוועקגעלאָזט מיטן רויך 16.000 הייזער, אין 161 דערפער. 70.000 איינוווינער האָבן געראַטעוועט זייער לעבן, אַנטלויפנדיק קיין בולגאַריע. 378 בולגאַרישע קלויסטערס און 340 שולן, באַזוכט דורך 19.000 תּלמידים, זענען נאָכן שלום צוגענומען געוואָרן דורך דער גריכישער מאַכט, און 300 גלחים, 750 לערער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערלאַנד. דעמזעלבן סוף האָבן געהאַט די קלויסטערס און שולן, אונטער דער רומענישער מאַכט. אַ העלדישן קאַמף האָט געפירט די מאַצעדאָנישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון 1897 ביז 1912, כּדי צו באַפרייען מאַצעדאָניע פון טערקישן יאָך. אָבער נאָך דער ערשטער באַלקאַנישער מלחמה האָבן בולגאַריע, סערביע

און גריכנלאַנד באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זיי האָבן צעטיילט מאַצעדאָניע. נאָך דער צווייטער באַלקאַנישער מלחמה, איז די באַזיגטע בולגאַריע כּמעט באַזייטיקט געוואָרן פון דער חלוקה. נאָכן וועלט־קריג, אין וועלכן בולגאַריע האָט געגומען אָנטייל מיט דער האָפענונג צוצונעמען דאָברודזשאַ ביי רומעניע און מאַצעדאָניע ביי סערביע, האָט זיך בולגאַריע געמוזט אָפּזאָגן פון אירע אַלע אַמביציעס לטובת סערביע און גריכנלאַנד. ווי מיר ווייסן, איז מאַצעדאָניע, לויטן טראַקטאַט פון נעילי, צעשניטן געוואָרן אויף דריי נישט־גלייכע חלקים: אַ העלפט האָט באַקומען יוגאָסלאַוויע, אַ צווייטע טייל, כּמעט אַ גלייכע, האָט באַקומען גריכנלאַנד, און דאָס איבעריקע: פּעטריטש מיט אירע סביבות — בולגאַריע.

ווער האָט דאָס רעכט אויף מאַצעדאָניע? ווען מען שטעלט די פראַגע אויף דערדאָזיקער פלאַכקייט, מוזן מיר זיך אָפּזאָגן אַרויסצוזאָגן אונדזער מיינונג. דער ענין איז אַ פאַרפלאָנטערטער. ער האָט גורם געווען בערג סתירהדיקע פאַרטייטיקונגס־רעדעס. מאַצעדאָניע, ווו די שפּראַך איז בולגאַריש, דאַרף אינדעראמתן געהערן צו מאַצעדאָניע, און דאָס איינציקע וואָס זי וויל ס׳זאָל בלייבן לעבן איז: איר אייניקייט.

די אַסימילאַציע דורך צעברעקלונג, דורך מיליטערישער דיקטאַטור און רעפּרעסיעס, האָט געמאַכט אויפלעבן די אָרגאַניזאַציע „אָרים״, ווי אין די טערקישע צייטן. טעראָר קעגן טעראָר — דאָס איז געווען די כירורגישע צענטראַליזאַציע־סיסטעם.

צוליב מלוכה־שוץ, האָט סערביע אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן די מאַצעדאָניער. אין די טויזנטער האָט מען בונטאָוושטשיקעס אָדער פאַרדעכטיקע אַריינגעזעצט אין די תּפיסות. שטעטלעך און דערפער האָבן אויף זייער חשבון געמוזט אויסהאַלטן דאָס אָקופּאַציע־מיליטער. אומעטום האָט מען געגומען מענטשן אַלס משכּון. מען האָט אַוועקגעפירט די באַפעלקערונג פון גאַנצע דערפער, ווי למשל פון סטרומניאַ, אין 1924; אָפטמאָל האָט מען אַ העלפט פון די איינוווינער

פּאַרטיליקט אַזוי, אַז די איבעריקע זענען זיך צולאָפן פאַר שרעק. אַלע צייטונגען, וועלכע האָבן געשריבן וועגן דידאַזיקע פאַקטן, זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל דאָס האָט געהייסן פאַרשווערונג קעגן דער מלוכה-זיכערקייט. די דענאַציאָנאַליזאַציע איז פאָרגעקומען דורך אַרויסשטופן די שפּראַך און דורך בעס־טיאַלישע רעפּרעסיעס.

אַזויווי מען האָט דאָרט אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט וועגן אויפעפענען שולן פאַר די מינדערהייטן, אונטער געוויסע דראַ־קאָנישע באַדינגונגען, האָבן די גריכן געשאַפן אַן אלף־בית, — וועלכע איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט, — אַ מין אויס־מיש פון גריכיש און בולגאַריש, געשריבן מיט לאַטיינישע אותיות, און דאָס האָבן די לערער געמוזט אַריינהאַקן אינם קאָפּ פון תלמיד.

אַ צוועלף-יעריקער תלמיד, מיטן נאָמען פּאָפּאָוו, האָט בעת אַ הפסקה אַרויסגערעדט עטלעכע בולגאַרישע ווערטער; דער לערער קאָנאַמלאַדי האָט אים דערפאַר אָנגעכאַפּט און מיט אַ חזיר-מעסער אים צעשניטן דעם קאָפּ אין עטלעכע ערטער. דאָס קינד איז געשטאָרבן פון די וווּנדן (זשורנאַל „פרייע מאַצעדאָניע", 15 אַפּריל 1926).

ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין אַ סך פאַלן האָט מען די מאַצעדאָנישע באַפעלקערונג אַרויסגעשיקט אָן אַ שום סיבה. ס'זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום בונטן, קיין שום אויפשטאַנדן. דאָס איז פּשוט געווען די רעאַליזאַציע פון אַ מע־טאָדישער סיסטעם, כּדי צו מאַכן אָן אָרט פאַר די גריכישע פּליטים (נעמלעך פון קליין-אַזיע). געשטעלט אין שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן די פּויערים געמוזט אַנטלויפן פון די דער־פער און עמיגרירן קיין בולגאַריע. בולגאַריע, פאַראָרעמט פון זעקס יאָר מלחמה פירן און פון דריי מפּלות, טעריטאָריאַל באַגזלט דורך די טראַקטאַטן, פאַרקלענערט ביז פינף מיליאָן

איינוווינער, האָט צו זיך אַריינגעלאָזן אַ גרויסע צאָל מאַצע־דאָניער און טראַצער: אומגעפער 400.000 — האָט מיר געזאָגט ה׳ קאָסטורקאָוו; 500.000 — האָט מיר געזאָגט דער פאָרזיצער פון מאַצעדאָנישן הילפס־קאָמיטעט. דידאָזיקע טרויעריקע עקאָ־נאָמישע לאַגע, וועלכע האָט אַזויפיל מענטשן אַריינגעוואָרפן אין דחקות און נויט, האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און גלייכגעוויכט. 320.000 פּלטים, שרייבן אונדז די צייטונגען, נייטיקן זיך אין הילף; פון דער־דאָזיקער צאָל בערך 70.000 נפשות, דאַרונטער 20.000 קינדער, ליידן הונגער אין פולן זין פונם וואָרט. דער באַלקאַנישער ווינטער, מיט זיינע 18 ביז 20 גראַד פראָסט רייסט זיך אַריין דורך די דינע ברעטער פון סווילענגראַדער קאַראַנטין — דער ערשטער עטאַפּ צו יענער וועלט פאַר די פּלטים.

אין אַן אַנדער אָרט, אויף די ברעגעס פון שוואַרצן ים, האָבן נישט 40.000 אַנטרונענע משפחות מיט וואָס איינצוקויפן קיין מכשירים צו דער אַרבעט: 15.000 וווינען אין קליינע באַטקעס, 25.000 אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ה׳ וואַנדערוועלדע האָט אָנגערופן דידאָזיקע מאַצעדאָנישע מאַסן־עמיגראַציע „אייראָפּעישער סקאַנדאַל״. דאָסדאָזיקע וואָרט באַנוצט אויך דער ה׳ לוסיען קראַמער, דער מיטגליד פון רויטן קרייץ־קאָמיטעט, וועלכער איז דורכגעפאָרן מאַצעדאָניע מיט אַ מיסיע פון רויטן קרייץ.

„אין די בולגאַרישע אַנעקסירטע טעריטאָריעס פון צאַרי־בראָד, באָסילעגראַד און אַנדערע, איז די לאַגע פונקט אַזוי טראַגיש, ווי אין דער סערבישער מאַצעדאָניע. דער סערבישער קאַפּיטאַן סטאַנקאָוויטש האָט געמאָלדן, „אַז ער וועט פאַרבאַרי־קאַדירן די גרענעצן מיט בולגאַרישע מתים״.

די פאַרוויסטע טראַציע

דאָסזעלבע, וואָס קומט פאָר אין מאַצעדאָניע, קומט אויך פאָר אין טראַציע. טראַציע, וועלכע שטעלט אויך מיט זיך פאָר

אַ געאָגראַפישע גאַנצקייט, איז דורך די זיגערס פון דער גרוי־סער מלחמה צעטיילט געוואָרן אויף דריי חלקים: די מערב זייט איז צוגעגאַנגען צו גריכנלאַנד, דער מזרח, צו טערקיי און בלויז אַ קליינע טייל, צו בולגאַריע. פונקט, ווי אין מאַצע־דאָניע, אַזוי אויך אין טראַציע, טיילט זיך אויס דער בולגאַ־רישער עלעמענט, און מיט דער דענאַציאָנאַליזאַציע־אַרבעט פאַרוואַנדלט מען טראַציע אין אַ מדבר. דרום־טראַציע, וועלכע האָט פון די אוראַלטע צייטן אָן געליפערט פאַסטוכער פאַר בולגאַריע, און די טראַצער פאָרטן פון עגעישן ים געפינען זיך אין אַן אָפּגעשטאַנענעם מעמד. שטיצנדיק זיך אויף אַ שלימזלדיקן אָפּמאַך, וועלכער ווערט אָנגערופן „די קאָנווענץ פון פרייוויליקער עמיגראַציע", איז די גריכן געלונגען אַרויס־צושיקן כמעט אַלע בולגאַרן פון טראַציע. אין 1922 האָבן זיי אַרויסגעשיקט 2.000 משפחות אויף די אינדזלען, ווו 3000 נפשות זענען אומגעקומען. בעת אַן אינטער־אַליאירטע קאָמיסיע, וועלכע האָט געגעבן גאַראַנטיעס פון איר אומפּאַרטייאישקייט, האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע וועגן די מעשים פון דער גרי־כישער מאַכט אין טראַציע, האָט מען דעמאָלט פעסטגעשטעלט, אַז מען האָט אויסגעשאָכטן רויקע פויערים, נישט אַרויסרוקנדיק קעגן זיי קיין שום באַשולדיקונגס־אַקטן: וועגן באַנדיטיזם אָדער וועגן אַן אויפשטאַנד. אין די געגנטן פון בורגאַס זענען זיך אָנגעלאָפן 69.000 פּליטים, פון וועלכע 61.000 זענען גע־שטאָרבן פון דחקות און נויט.

מאָנטענעגראָ צעבּרעקלט

פאַר דער גרויסער מלחמה, איז מאָנטענעגראָ געווען אַ באַציע, אַ גאַנצקייט, מיט פולע אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. איצט איז מאָנטענעגראָ בלויז אַ דעפּאַרטאַמענט פון דער מלוכה „ס. ק. ס." (סערבן־קראָאַטן־סלאָווענער – יוגאָסלאַוויע). פאַרוואָס? אויסטערליש קומט אויס דידאָזיקע אַנעקסיע, ווייל מאָנטענעגראָ איז אָנהייב מלחמה צוגעשטאַנען צו דער אנטאַנט. די מאָנטע־

נעגרישע אַרמיי האָט מיט דער הילף פון גרויסע קרבנות גע־
שטיצט דעם סערבישן צוריקמאַרש אין די טרויעריקע טעג פון 1916; און דער ה׳ פּואַנקאַרע, ווי איך געדענק, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן מאָנטענעגראָ: „די קלענסטע און די סאַמע דרייסטע פון דער אַנטאַנט״. אויף דער שלום-קאָנפערענץ אין 1919 האָט מען מאָנטענעגראָ פאַרשריבן אויף דער ליסטע פון די, וואָס דאַרפן נעמען אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען. אָבער מען האָט דערצו נישט דערלאָזן. אין דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער קוזניע, וווּ ס׳טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוערשט פראַנקרייך, נאָכדעם איטאַליע און ענגלאַנד, האָט מען נאָך שענדלעכע און העסלעכע אונטערהאַנדלונגען איבערגעגעבן מאָנטענעגראָ אין רשות פון סערביע. דידאָזיקע שרייענדיקע פאַרגוואַלדיקונג, איינע פון די סענסאַציאָנעלסטע אין אונדזער עפּאָכע, די פאַרגוואַלדיקונג, וועגן וועלכער מען רעדט אַזוי פיל, לאָזט זיך אויף קיין שום אופן נישט באַרעכטיקן. דאָס איז געשען אַ דאַנק דער קאָמפּראָמעטאַציע פון דער הערשנדיקער דינאַסטיע. אַלנפאַלס איז דאָס פאָלק מיט זייער אומאָפּהענגיקן גייסט גאָרנישט שולדיק. דידאָזיקע אומגערעכטיקייט איז באַרעכטיקט געוואָרן, ווי געוויינלעך, אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין רעכט מיט זיך צו רעפּרעזענטירן די נאַציע. דאָס איז אַזאַ מין פאַרזאַמלונג, וואָס סערביע האָט מיט געוואַלד געצוווּנגען, מען זאָל אויסקלייבן. דאָס איז סערביען געלונגען, אַדאַנק איר מיליטערישער אָקופּאַציע און מיט דער הילף פון באַגנעט. (דאָס סערבישע אָקופּאַציע-מיליטער איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן גענעראַל ווענעל). צוליב דערדאָזיקער אַנעקסיע-אָפּעראַציע האָבן זיך צעבונטעוועט די מאָנטענעגרישע בערג-איינוווינער. דער אויפשטאַנד איז געוואָרן אומברחמנותדיק איינגעשטילט. 95 פּראָצענט פון מאָנטענעגרישער אייגנטום איז צוראַבירט און צעשטערט געוואָרן. 5000 הייזער, אָפטמאָל פול מיט מענטשן, זענען פאַרברענט געוואָרן. מען האָט פאַרשאַפן געוואַלדיקע ראַפינירטע ענוים, סיי מענער, סיי פרויען. מען האָט אויף

פּרויען אַרויסגעלאָזט צעווילדעוועטע קעץ, מען האָט זיי גע־שטאָכן מיט שפּילקעס אונטער די נעגל; „פֿאַרדעכטיקטע״ אָפּי־צירן האָט מען אַרעסטירט און זיי אָנגעטאָן אַזעלכע בּרענענ־דיקע יסורים, אַז נאָכן פּאַלמעסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבּן צעבּראָכענע זעבּרעס; מען האָט בּיי שוואַנגערע פרויען אויפגעשניטן די בּייכער, א. אַז. וו... מען האָט אַרויסגעלאָזט פּאָסטקאַרטן, מיט בּילדער, ווו גאַנצע רייען מאַרטירער פון דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט ליגן אויסגעצויגן פאַר די סערבּישע בּאַטאַליאָנען. די פעלקער-ליגע האָט זיך געמאַכט טויבּ צו די פּאָדערונגען פון מאָנטענעגראָ, מאָטיווירנדיק (לויט פּאָל מאַנטוס ראַפּאָרט) דידאָזיקע אַנעקסיע דערמיט, ווייל מען האָט נישט בּאַגעגנט די געהעריקע פּערזאָן, וואָס זאָל קענען רעפּרעזענטירן מאָנטענעגראָ, און חוצדעם זענען צווישן די מאָנ־טענעגרער גופא געווען אַזעלכע חלוקי-דעות, אַז מען האָט נישט געקענט וויסן, וואָס זיי ווילן.

ה׳ סטעפּאַן ראַדיטש און די 70 קראָאַטישע דעפּוטאַטן פון בּעלגראַדער פּאַרלאַמענט, האָבּן מיט צוויי יאָר צוריק, דעם 1-טן מאַי 1924, געשיקט אַן אַדרעס די מאָנטענעגרער, שרייבּנדיק:

„מיר קראָאַטן, האָבּן אין די שענסטע בּלעטער פון אונ־דזער ליטעראַטור אָנגערופן מאָנטענעגראָ: דער הערלעכער מזבח פון פרייהייט, אינם פרעכטיקסטן טעמפּל פון געטלעכער שאַפונג. אייך, מאָנטענעגרער, האָבּן מיר פּראָקלאַמירט ווי פּאָרשטייער נישט בּלויז פון אידעאַלן העראָיזם, נאָר אויך אַלס בּיישפּיל פון גערעכטיקייט און אָרנטלעכקייט. מיר, קראָאַטן, בּאַקעמפן דעם בּולגאַרישן צענטראַליזם און פּאַשיטשעס קאָ־רופּציע, הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל מיט זייערע אומריינע הענט צעשטערן זיי דעם טעמפּל פון מאָנטענעגרישער פרייהייט, ווייל זיי פּאַרפּאָלגן אייך אויף אַ ווילדן אופן און פּייניקן אייך אכזריותדיק. מיר, קראָאַטן, קענען קיינמאָל נישט מסכּים זיין מיטן בּעלגראַדישן צענטראַליזם, מיט די העסלעכע פּאַר־בּרעכער, וועלכע האָבּן עענדלעך און ווילד געטראָטן מיט די

פיס דעם שטאָלץ, דעם כּבֿוד און די פרייהייט פון מאָנטע־נעגראָ און פאַרוואַנדלט טשערנאַ־גאָראַ אין אַ שרעקלעכן מקום!"

קיין שום גרויסע מלוכה פון די זיגער, חוץ אַמעריקע (בעת דער פּרעזידענט ווילסאָן איז פאַרבייגעפאָרן), האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעשטעלט פאַר מאָנטענעגראָ. איבעריקנס, האָט אויך סאָוועטן־רוסלאַנד אָפיציעל פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון „טשערנאָגאָריע", אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, אין וועלכע זי האָט גענומען אָנטייל. קעגן דער־דאָזיקער אומגערעכטיקייט איז מען טיילווייז אַרויסגעטראָטן אין דער קליינער קאַנאַדע, נאָרוועגיע און אין האָלאַנד. אפילו אין דער ענגלישער און איטאַליענישער פּרעסע האָט מען פון צייט צו צייט באַגעגנט פּראָטעסט־נאָטיצן. אָבער אין פראַנקרייך — קיין וואָרט נישט! פון פראַנקרייכס גלייכגילטיקייט גענען זיך שטאַרק צום האַרצן די מאָנטענעגרער פּאַטריאָטן, וועלכע זענען געווען געוווינט צו קוקן אויף אונדזער לאַנד, ווי אויף אַ לאַנד, וואָס איז תּמיד גרייט געווען צו פאַרטיידיקן די פאַר־גוואַלטיקטע פרייהייט. און אין דער צייטונג „צערנאָגאָראַק", וואָס דערשיינט אין פּאָדגאָריטצאַ, האָט מען געקענט לייענען פאַרביטערטע רעפלעקסיעס בנוגע דעם יאָרטאָג פונם פאַלן פון דער באַסטיליע, וואָס איז מיט גרויס פּאָמפּע געפייערט גע־וואָרן דורך דער פראַנצויזישער נאַציע, וועלכע איז איצט פאַר־שקלאַפט, פאַרבלענדעט פון איר פּלוטאָקראַטיע, און דורך אירע גרויסע געשעפטספּירער, וואַרפט זי אָפּ „אירע אַמאָליקע גרויסע לאָזונגען" און קערט זיך אָפּ פון די אונטערדריקטע.

ענדלעך, אַז מען רעדט שוין, וויל איך דערמאָנען, אַז אַ גאַנץ ערנסטע פּראָבלעם שטעלט מיט זיך אויך פאַר אַל־באַניע, וועלכע איז אין פּרינציפּ אומאָפּהענגיק, אָבער איטאַליע וויל זי קאָלאָניזירן, שאַפנדיק זיך דאָרט „רעכט". דאָסזעלבע וויל אויך יוגאָסלאַוויע.

דאָס אַלץ איז אַ מערדעלעכע פאַרגוואַלדיקונג פון בעסט-יאַלישע כּוחות קעגן די הייליקסטע מענטשן-רעכט. מען לאָזט מענטשן נישט לעבן זייער לעבן, מען לאָזט זיי נישט אויסלעבן זיך, ווי ס'האָבן געטאָן זייערע אבות, אין אַ סביבה וואָס פּאַסט פאַר זיי און אין וועלכער זיי האָבן זיך אַנטוויקלט. מאַכן אַ פאַרשווערונג אויף די עטנישע רעכט פון אַ פאָלק, איז תּמיד געווען אַן ערנסטער טריט, וואָס האָט גורם געווען פאַרשידענע צרות און אומגליקן. די ראָמאַנטישע, מאָראַלע און גייסטיקע איינגעשאַפטן פון אַ גאַנצע רייע פעלקער וואָס צייט, סביבה און באַדינגונגען, האָבן אַנטוויקלט, קענען בעצם נישט זיין קיין שטערונג פאַר די העכסטע פּרינציפּן פון קאָלעקטיווער אָרדענונג. ווען די גרויסע מענטשלעכע געזעלשאַפט וואָלט געווען גוט איינגעאָרדנט, וואָלטן דידאָזיקע מענטשלעכע איינגע-שאַפטן געוואָרן איינגעהיט און נישט דערשטיקט. מען וואָלט זיי דעמאָלט געגעבן די מעגלעכקייט פריי זיך פאַנאַנדערצו-בליען אין די ראַמען פון קאָלעקטיווער גלייכקייט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון די צעזייטע פעלקער איז אַ גרויסע אידעע, וואָס ליגט אין זייערע אייגענע אינטע-רעסן און אין די אינטערעסן פונם מענטשלעכן פּראָגרעס. יעדער ערנסטער מענטש פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ביי די איצטיקע מאָדערנע באַדינגונגען פון לעבן, איז אוממעגלעך אַן ענגע מחיצה צווישן פעלקער. אָבער אַזאַ מין פאַראייניקונג און אַזאַ מין נויטווענדיקע צענטראַליזאַציע דאַרף געשען בלויז צום גונסטן פון דער באַפעלקערונג, נישט אויף אַ קינסטלעכן אופן און נישט צוליב די אויסשליסלעכע אינטערעסן פון איינ-איינציקער נאַציע, וואָס שטרעבט איבערצווואַקסן אַלע אַנדערע נאַציעס. אין די אַמאָליקע צייטן האָט דערדאָזיקער פּרינציפּ פון גלייכגעוויכט און גערעכטיקייט אויפגעהייבן גאַנץ איטאַליע קעגן דער פּריווילעגירטער העגעמאָניע פון רוים, בעת דער סאָציאַלער מלחמה, וואָס מאַריוס און סצילאַ האָבן דערשטיקט. זשאָרעס איז געווען גערעכט, זאָגנדיק, אַז „דער נאַציאָנאַליזם איז די שאַצקאַמער פון מענטשלעכן מין און פונם פּראָגרעס״.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַ"טע סאָפיזמען, קען „דער נאַ־ציאָנאַליזם" באַקומען זיין אמתן תיקון און פולשטענדיק זיך אַנטוויקלען, אויב ער איז אַנטוואָפנט און פריי איינגעשלאָסן אין אַ גאַנצקייט.

דער שטאַרקסטער צייכן פון עטנישער שטאַלץ, איז די שפּראַך. די מענטשן זענען אָפּגעטיילט דורך אַ סך קינסטלעכע שטערונגען, וואָס אַ ווּיסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט קען באַזייטיקן. דער עיקר, די איינציקע אמתע טיפע שטערונג — איז די שפּראַכן־פאַרשידנקייט. ס'זענען נישטאָ קיין פרעמדע אויף דער וועלט; ס'זענען דאָ פרעמדע שפּראַכן. אָבער פונקט ווי ס'קענען באַזייטיקט ווערן די שטערונגען אויפן וועג צו פרייהייט, אַזוי קען אויך באַזייטיקט ווערן דידאָזיקע שטערונג דורך אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט באמת אַרבעטן לטובת־הכלל. אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט אויסן זיין די טובה פון כלל און נישט וועלן אָנזעטיקן, ווי ס'איז ביז איצט געווען, דעם אַפּעטיט פון די שטאַרקערע, וועט געוויס מיט גוטן ווילן שטרעבן צו דער שפּראַכן־פאַראייניקונג, אין וועלכער מען נויטיקט זיך, כדי צו פאַרלייכטערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. אפשר וועט די צוקונפט ברענגען די לעזונג פון דעמדאָזיקן ברייטן פּראָבלעם. זייט ביי זייט מיט דער לאָקאַלער שפּראַך, אין יעדן פון די גרויסע צענטערן, וועלן אפשר די מענטשן אויך באַנוצן אַן אוניווערסעלע שפּראַך, — דער העכסטער און זעלטנסטער שליסל צו אינטערנאַציאָנאַליזם.

אָבער דאָך, נישט אריבערטרעטנדיק די גרענעצן פון דער איצטיקער צייט, זעען מיר, אַז ביידע פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע קומען אין באַרירונג אין דער שווייץ, שטערן נישט די נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג און די פּאָליטישע אחדות פון די קאַנטאָנען.

מיר ווייסן אויך גאַנץ גוט, אַז די אַסימילאַציע פון די נייע פּראָווינצן אויף די באַלקאַנען טראָגט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. ס'איז אַ שנעלע ברוטאַלע פאַרצערונג פון טערי־טאָריעס און באַפעלקערונגען דורך יונגע גייציקע מלוכות. לויט

דערדאָזיקער קאַמפּס־מעטאָדע שאַפט מען אָפּ אויף אַן אכזריות־דיקן אופן די מוטער־שפּראַך און דערמיט איז מען עוקר מן השורש די איינוווינער. דידאָזיקע קריגס־אָפּעראַציעס ווערן געפירט אויף אַ האַסטיקן אופן, אויס מורא, דאָס טעריטאָריאַלע רויב זאָל נישט אַנטרונען ווערן. דער קאַמף האָט קיין ממשות נישט, איז תמיד פּראָוויזאָריש און טראַגט דעם שפּראָצל פון צעשטערונג. ער איז פאַראורטיילט.

מען פאַרפאָלגט יידן

איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם דערפאָלג פון די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס אין רומעניע. מיט אַ צייט צוריק האָבן זיך אַ מחנה אַנטיסעמיטישע סטודענטן אַוועקגעלאָזט אויפן יידישן בית־עלמין פון פּיאַטראַ נעאַמל, איבערגעקערט די מצבות, צעבראָכן די פאַרצוימונגען און פאַרכליאַפּעט מיט שמוץ די קברים, זינגענדיק דערביי מוסאָליניס הימן. לויט אַנושעלעסקוס פּראָיעקט, וואָס דאַרף אַריינגעטראָגן ווערן אין רומענישן פּאַרלאַמענט, וועלן אַ מיליאָן יידישע קינדער בלייבן אָן אונטעררעכטונג. מען האָט צוגעמאַכט די יידישע קינדער־היים אין בוקאַרעשט, אַוועקגעפירט אין תפיסה דעם גאַנצן קאָמיטעט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, ווי ער שטייט און גייט, דעם פּאָעט מאַנגער, וועלכער איז געקומען האַלטן אַ רעפעראַט, און אויך די לעזער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק, בעת די אַגענטן האָבן זיך דאָרט אַריינגעריסן. הויפּטזעכלעך פאַרפאָלגט מען די יידישע מינדערהייט אין בולגאַריע. דער מאַצעדאָנישער קאָמיטעט אַרעסטירט יידן און דראָענדיק מיט טויט־שטראָף, פּאָדערט מען פאַר זיי אויסלייז־געלט. „אומבאַקאַנטע" הרגענען אויף די גאַסן יידן מיט זייערע קינדער (למשל, אשכנזי, מיט זיין 13 יעריקן זון), בעת יענע זאָגן זיך אָפּ צו צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער לטובת דער מאַצעדאָנישער אָרגאַניזאַציע. דער גענעראַל שקאָינאָוו, דער אָנפירער פון דער „ראָדנאַ זאַשטשיטאַ" (מלוכה־פאַרטיידיקונג) אין סאָפיע, אַנטוויקלט

אַ געוואַלדיקע שנאה צו פרעמדע, וואָס ס׳גייט אַריין אינם פראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע. נאָך דער פאַרשווערונג אויף דער קאַטעדרע, האָבן זיי באַקומען אַ צוטריט אין אַלע ערטער, ווו ס׳האָבן געאַרבעט פרעמדע באַוווסטזיניקע אַרבעטער און באַאַמטע. די „ראָדנאַ זשאַשטשיטע" און די צייטונג „קובראַט" פירן טאָג־טעגלעך שרעקלעכע העצעס אויף יידן און רופן צו פאָגראָמען. דער קריגס־מיניסטער וואָלקאָוו און דער פּאָליציי־שעף רוסעוו, האָבן אין דער פרעסע געגעבן אַזעלכע דער־קלערונגען, וועלכע זענען געווען גינסטיק פאַר דידאָזיקע כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען.

די יידישע קהלה אין רומעניע, וואָס איז אָנער־קענט דורך דער רעגירונג, האָט זיך דעם 17־טן יאַנואַר 1926 געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו דער געזעלשאַפט, אומגעפער בזה־הלשון:

„אין די אוניווערזיטעטן, אין די העכערע און ני־דעריקערע שולן, אין געזעלשאַפטלעכע ערטער, אין טע־אַטערס, אויף קאָנצערטן, אין רעסטאָראַנען, טראַמווייען, צוגן, אויף דער גאַס, אין פריוואַטע ערטער, באַליידיקט מען זינט פיר יאָר די יידישע בירגער, מיט וואָרט און טאַט און מען צעשטערט זייער גוטס. זינט פיר יאָר, ווי מען שענדעט אין פאַרשידענע שטעט בתי־מדרשים און בית־עלמינס. מען האָט חרוב געמאַכט הונדערטער היי־זער, מען האָט אָנגעמאַכט הזיקות אויף עטלעכע מיליאָן. און קיינמאָל ווערן די כוליגאַנעס נישט באַשטראָפט, און אפילו נישט פאַרפאָלגט.

די עלנט און די פאַרפאָלגונגען צעטרייבן די באַפעל־קערונג, ווי מיר האָבן עס געזען אין די שכנותדיקע לענדער. אָבער ערגער איז דאָס, וואָס אַ סך געגנטן ווערן סיסטעמאַטיש אויסגעליידיקט פון זייערע איינוווינער. מען עמיגרירט הויפּט־זעכלעך קיין דרום־אַמעריקע. אָט דעריבער באַגעגנט מען אין

בעסאַראַביע, דאָברודזשע און אין טראַנסילוואַניע אַ נייעם צווייג אינדוסטריעלער „עמיגראַציע-ביוראָס", וועלכע וואַקסן ווי שוועמען נאָך אַ רעגן. זיי, די „גלות-טרייבער", מאַכן גלענצנדע געשעפטן און זענען גורם, אַז די דערפער זאָלן בלייבן אָן אַרבעטס-הענט. און די רעגירונגען קוקן זיך צו אויף דערדאָזיקער דענאַציאָנאַליזאַציע און מאַכן אַ שווייג. די פויערים, וועלכע ווערן מאַסנווייז פאַרקויפט צו טראַנספּאָרט-געזעלשאַפטן און צו עקזאָטישע פלאַנטאַטאָרן, שרייבן אונטער קאָנטראַקטן פון פאַרשקלאַפונג. אין 1925 יאָר האָבן 2.961 פערזאָן עמיגרירט קיין אַמעריקע, 1.909 קיין קאַנאַדע, 537 קיין אַרגענטינע, 14.661 קיין בראַזיליע און 1.825 קיין פאַלעסטינע.

VIII

די ראָל פון די גרויסע מלוכות... און אונדזער ראָל

אַלזאָ איצט דאַרף מען שטעלן די שאלה: און די גרויסע מלוכות? וואָס טוען די גרויסע מלוכות?

זיי זענען אָנטיילנעמער אין דער באַלקאַנישער בלוטיקער אומאָרדענונג, אויב מען וויל זיך דייטלעך אויסדריקן. זיי באַמיען זיך אויסצוואיבן איבער די באַלקאַנישע לענדער אַ מין בלוטיקע העגעמאָניע, וואָס פאַרטרעט די אַמאָליקע ריוואַליטעט פון רוסלאַנד און עסטרייך אויף די באַלקאַנען, און וועלכע איז נישט קנאַפּער טרויעריק פאַר דידאָזיקע פעלקער...

די דורכשניטלעכע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע האָט גרויסע פּרעטענזיעס אויף ליבעראַליזם. דידאָזיקע פּרעטענזיעס זענען אפשר איבערגעטריבן אין באַצוג צו ליבעראַליזם. מען דאַרף קענען קוקן אויף זאַכן, נישט אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט — זיי זאָלן זיין, נאָר ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט. אַלזאָ, אַזוי ווי מיר דאַרפן דאָ משפּטן די ראָל פון אייראָפּע, זאָג איך וועגן „אונדזערע" דאָסזעלבע, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן די דרום-אָריענטאַלישע לענדער: מען דאַרף תּמיד אָפּטיילן אַ נאַציע פון אירע אַקטיווע פּערזאָנען און פונם רעזשים, וואָס פירט אָן מיט דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק.

די פּסדורדיקע מערדערלעכע אַריינמישונג פון די גרויסע

מלוכות אין די ענינים פון דעם כמעט-אינדזלדיקן באַלקאַן, וועלכן זיי האָבן שוין אַזויפיל מאָל לויט זייער אייגנזען צע־ברעקלט, ווערט אָפּגעטאָן צוליב דער כיטרער פּאָליטיק פון דידאָזיקע מלוכות און נישט לטובת די פעלקער, מיט וועלכע זיי קאָמאַנדעווען — און נאָך ווייניקער האָבן זיי אין זינען דעם אַלגעמיינעם שלום.

די גייציקייט פון קאָלאָניזאַציע — דאָס איז די פּרוּזשינע, וואָס שטופּט ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע אין דעמדאָזיקן טייל פונם אַלטן קאָנטינענט. קאָלאָניזאַציע, ווירטשאַפט און פּאָליטיק. מען דאַרף דאָך עפּעס אין יעדן לאַנד „פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אירע באַציאָנאַליטעטן", וואָס מיר דאַרפן עס אַזוי אויסטייטשן: באַפעסטיקן זיך דאָרט, שאַפן אַ באַזע און אָנפירן דאָרט מיט די אונטערנעמונגען, דערוועריבן דאָרט ספערן פון איינפלוס און עקספּאַנסיע. נאָכמער: מען דאַרף דורכפירן דאָרט פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פון מיליטערישע אָפּמאַכן און פון סאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע. דער אָפיציעלער, מאָדערנער תהלים: „רעכט און ציוויליזאַציע", איז דער גרעסטער שווינדל פון אַלע צייטן.

ס'איז מער ווי זיכער, אַז די שנאה-קנאה, וואָס צעטיילט דידאָזיקע קליינע צעברעקלטע און דרעסירטע לענדער, וואָלט נישט געבראַכט אַזעלכע „אייראָפּעישע רעזולטאַטן", ווען די גרויסע מלוכות וואָלטן זיך נישט אַריינגעשטעקט אין די ענינים פון יענע לענדער, ווען זיי וואָלטן דאָרטן נישט פאַרמישט זייער גייציקייט און זייערע איגטריגעס. די באַלקאַנישע לענ־דער זענען געווין-צעטלען, סטאַווקעס, וואָס ענגלאַנד, פּאַריז, רוים קומען פאַנאַנדערשפּילן אויפן גרויסן דרייעקיקן באַלקאַנ־טיש. ס'עקזיסטירט דאָ בלויז דאָס געזעץ פון שטאַרקערן און מען פאַרנאַכלעסיקט לגמרי די באַפעלקערונגען, וועלכע האָבן דאָס רעכט צו זאָגן אַ דעה איבער זיך אַליין.

מען האָט געדאַרפט פאַר יעדן פּרייז איינהאַלטן דעם סטאַטוס קוואָ פון די נייע באַלקאַנישע מלוכות, וואָס די טראַק־טאַטן פון ווערסאַל, טריאַנאָן און נעילי האָבן געשאַפן. צו

דעם צוועק האָט די אַנטאַנט געצווונגען טשעכאָסלאָוואַקיע, יוּ־גאָסלאַוויע און רומעניע, זיי זאָלן שאַפן אַ קליינע אַנטאַנט. אָבער דידאָזיקע פאַרייניקטע אפּוטרופּסים האָבן תּיכּף אַרויסגע־וויזן זייער שוואַכקייט. יעדעס לאַנד פון דעם קליינעם דריי־פאַרבאַנד האָט אָן אַ זייט זיך פאַרבונדן מיט אַנדערע. יוגאָ־סלאַוויע האָט געשלאָסן אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט איטאַליע, טשעכאָסלאָוואַקיע מיט פראַנקרייך, רומעניע מיט פּוילן, בול־גאַריע מיט טערקיי. נייע קאָמבינאַציעס האָט אָנגעטראָגן דער ווינט פון מערב צו מזרח: ס'האָט זיך געשאַפן אַ דריי־פאַר־באַנד צווישן יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און רומעניע; אין דער קליינער אַנטאַנט איז אַריינגעטראָטן פּוילן. ס'האָט זיך פאָרמירט אַ פעדעראַציע פון די דונײַ־שטאַטן. יעדע פון דידאָזיקע קאָמ־בינאַציעס איז אַנטשטאַנען אין די גרויסע אייראָפּעישע לענדער. די אָפּמאַכן באַזירן זיך אויף אַ גאַנצע סעריע פּאָליטישע קאָמ־פּליצירטע אויסרעכענונגען און אויף פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, וואָס האָבן נישט קיין שום פונדאַמענט אונטער זיך. בנוגע דער דונײַ־פעדעראַציע, איז עס אַ קאָמבינאַציע, וואָס שטאַמט אַרויס פון ענגלאַנד, איצט די אמתע באַלעבאָסטע פון די באַל־קאַנען, היות פראַנקרייך ליידט אַליין פונם פינאַנציעלן קריזיס און קען מער מאַטעריעליש נישט שטיצן די נייע קריגס־פּלע־נער. גרויס־בריטאַניע מוז העלפן אַנטוויקלען די עקאָנאָמישע לאַגע פון עסטרייך און אונגאַרן. איצט דאַרף נאָך ווערן גע־נומען אין באַטראַכט דער געדאַנק וועגן אַ מיטללענדישער אַנטאַנט, וועגן וועלכער איטאַליע דאגהט פאַר אירע אייגענע אינטערעסן.

נאָך די לאָקאַרנער אָפּמאַכן איז פראַנקרייך גע־בליבן אָפּגעשניטן — ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט ג. פערי — פון אירע צענטראַל־אייראָפּעישע און אָריענטאַלישע וואַ־סאַלן, און איר אויבערהערשאַפט האָט זיך פאַרענדיקט. ס'איז אַלזאָ פריי געוואָרן אַ נייע וואַקאַנסיע. ענגלאַנד און הויפּטזעכלעך איטאַליע, וועלכע האָבן גרויסע אַנעקסיע־

אַפּעטיטן, האָבן זיך דערצו פּעסט אַ נעם געטאָן.
איטאַליע האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט נינטשיטש, דעם יוגאָסלאַווישן מיניסטער, ווו ס׳ווערט פּראָיעקטירט אַריינצוציען צווערשט רומעניע, נאָכדעם די איבעריקע באַלקאַנישע לענדער.
די ידיעה וועגן אַ מיליטערישן אָפּמאַך צווישן ה מוסאָליני און ה׳ פּאַנגאַלאָס, האָט אויפגערודערט די גאַנצע בריטישע פּרעסע.
נאָך די איטאַליעניש-אַלבאַנישע אונטערהאַנדלונגען האָט איטאַליע געגרינדעט אַ נאַציאָנאַלע אַלבאַנישע באַנק, מיט אַ מערהייט פון איטאַליענישע אַקציאָנערן. איטאַליע האָט אויך געמאַכט אַ הלוואה פון 50 מיליאָן, אויף 13 פּראָצענט, מיט אַ גאַראַנטיע פון אירע צאָל־הכנסות, מיטן תנאי, אַז אַן איטאַליענישע געזעלשאַפט זאָל באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף צו בויען וועגן און פּאָרטן אין אַלבאַניע. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע ציגזן וועלן אַלבאַניע דערפירן צו אַ באַנקראָט און איטאַליע וועט אינגיכן קענען האָבן די קאָנטראָל איבער וואַלאָנאַ און אַנדערע פּאָרטן. אַזאַ מין אָפּמאַך, וועלכער איז קעגן די אינטערעסן פון לאַנד, איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַדאַנק אַ גרויסע מטבע, וואָס מען האָט אַריינגערוקט אין יד אַריין דעם אַלבאַנישן פינאַנץ-מיניסטער, מופיד-בעי-ליבאָהאָווא. וועגן דעמדאָזיקן ענין זענען פאָרגעקומען פּראָטעסטן און סקאַנדאַלן אין פּאַרלאַמענט און מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג. אָבער מופיד-בעי האָט עפּנטלעך אויף אַ צינישן אופן געמאָלדן, אַז ער האָט באַקומען „מעקלעריי-געלט” צוזאַמען מיטן דיקטאַטאָר אַכמעד זאָגו, און דער פּאַרלאַמענט האָט אָפּגעלייגט די אויספאָרשונגען אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

דידאָזיקע גאַנצע פּאָליטיק טראָגט אַ קינסטלעכן כאַראַקטער, געשטיצט אויף באַזונדערע אינטערעסן, אויף אוממיטלבאַרן

אָפּאָרטוניזם, אויף געלט און קען נאָר פֿאַרערגערן די אָפּגעשוואַכטע לאַגע פֿון די באַלקאַנישע וואַסאַלן.

דער באַלקאַנישער האַלב־אינדזל איז אַ שיידוועג פֿון וויכטיקע קאָמוניקאַציע־וועגן פֿון דער וועלט. און די גרויסע מלוכות שטערן זיך דאָרט איינע דער צווייטער. דאָרט איז אַ געאָגראַפֿיש אָרט פֿון קאָנקורענץ און וועלטלעכן אימפּעריאַליסטישן קאַמף, און נישט געקוקט אויף די שיינע פּראָקלאַמאַציעס און פֿייערלעכע צערעמאָניעס, ווערט די באַלקאַנישע דראַמע געשפּייזט און אָפּגעסמט דורך דערדאָזיקער קאָנפֿיסקאַציע פֿון די גרויסע מלוכות. אויב די פֿאַרשאַרפֿטע אָריענטאַלישע פֿראַגע עקזיסטירט שוין פֿון לאַנג, איז עס בלויז דערפֿאַר, ווייל די גרויסע מלוכות פֿאַבריצירן זי און פֿאַרשאַרפֿן זי כּסדר. די גרויס־מלוכות, מיט זייער פֿאַרכאַפּערישער פּאָליטיק, זענען פֿאַראינטערעסירט דאָרט צו פֿאַרשפּרייטן שנאה צווישן די ראַסן, ווי זיי האָבן עס אָפּגעטאָן ביים סוף פֿון דער גרויסער אייראָפּעישער מלחמה. זיי האָבן פֿאַרטיילט שטיקער שטרייט־טעריטאָריע און געגעבן מיליטערישע שטיצע די, וועלכע האָבן ביי זיי געהאַט אַ זכות; געוויסע מלוכות האָבן זיי געגעבן קינסטלעכע רעכט; זיי האָבן אָנגערעדט איינע קעגן דער צווייטער: אונגאַרן, רומעניע, רוסלאַנד, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, גריכנלאַנד און טערקיי. דידאָזיקע אַלע מלוכות געפֿינען זיך אין מלחמה־צושטאַנד, און צוליב דעם קלענסטן אינצידענט קען אויסברעכן אַ שׂריפֿה. מיט אַ צייט צוריק האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אַ קריג צווישן גריכנלאַנד און טערקיי, נאָכדעם צווישן בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע. עטוואָס שפּעטער זענען די באַציונגען צווישן גריכנלאַנד און יוגאָסלאַוויע געוואָרן שטאַרק אָנגעשטרענגט צוליב סאַלאָניק, און דאָ נישט לאַנג איז אויסגעבראָכן דער קאָנפֿליקט צווישן גריכנלאַנד און בולגאַריע

די גרויסע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק

חוץ די עקספּלואַטאַציע־צילן צו וועלכע יעדע מלוכה באַזונדער שטרעבט אויף די באַלקאַנען, איז דאָ נאָך איין

גרעסערער ציל, ווי אַלע זענען תמיד מסכים, טיילמאָל פאַר־שטעלט און טיילמאָל גאַנץ אָפן. ס'האַנדלט זיך וועגן פירן אַ קאַמף קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד און וועגן שאַפן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, בעסער געזאָגט, וועגן שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם, אויב מיר ווען די אַלע זאַכן אָנרופן ביי זייער נאָמען. די רויבער, וואָס זיצן זיך אויבן־אָן, האָבן אין דער גאָרער וועלט זייערע פאַרשידענע קליינע ענינים, אָבער ווי ס'קומט צו גרויסע זאַכן, זענען זיי אַלע אײנשטימיק.

מען דאַרף זיין בלינד, אָדער צומאַכן די אויגן, כּדי נישט צו זען, אַז דער קאַפּיטאַליזם און דער פאַשיזם זענען איין פאַרטיי אין דער גאַנצער וועלט. דער פאַשיזם איז אַ געטרייער צוואַנגס־אינסטרומענט, וואָס פאַרטיידיקט און האַלט אויף די וועלטלעכע רעאַקציע אונטער צוויי פאָרמען: די פּאָליטישע פאָרם (די רעגירונגען פון קאָנסערוואַטיווער דיקטאַטור) און די סאָציאַלע פאָרם (די געלט־כּוחות). ס'זענען דאָ צוויי מלחמה־שטרעבונגען, ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט ה' עמיל קאַן: דער מאָנאָפּאָל פון דער מלוכה און די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט. דער זשאַנדאַמעריע־קלאַס, וואָס ווערט רעקרוטירט הויפּטזעכלעך צווישן די אומצופרידענע, איבערגעשראָקענע מיטעלע קלאַסן, אַנטוויקלט זיך אומעטום, סיי אויף דער סצענע, סיי הינטער די קוליסן, אין לאַנד פון ווייסן טעראָר און אין לאַנד פון „ראָזן טעראָר", ווי למשל, אונדזער לאַנד. ס'איז אַן אומזין צו זאָגן, אַז דער פאַשיזם פאַרייניקט זיך נישט אומעטום מיטן אימפּעריאַליזם און מיט דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע. און ס'איז אַן אומזין צו זאָגן, אַז אומעטום איז נישט דאָסזעלבע, נישט געקוקט אויף די פאַרשידנאַרטיקע מאַסקעס. און אומעטום העלפט די הערשנדיקע מאַכט, אָדער גייט האַנט ביי האַנט מיטן פאַשיזם.

לאָמיר זיך נישט וווּנדערן אויפן גלענצנדיקן פרעסטיזש, פון וועלכן ס'געניסט אין איטאַליע דער ה' מוסאָליני, דער איצטיקער הערשער פון דער שיינער איטאַליע און דער

פּאָליצײ-שעף פון דער װײסער אײראָפּע. אָבער אויב די אַלע גײציקײטן, הכנות, קאָמבינאַציעס און די קולות פון טראָמפּײטערס װעלן אונדז אין אַ העלן פרימאָרגן ברענגען מלחמה, דאַרפן מיר זיך אויך נישט װוּנדערן און אין יענעם טאָג דאַרפן מיר אויף אײנעם נישט אַרויפװאַרפן די שולד פון אַלע. שנאה, איז דער פּרינציפּ פון קאַפּיטאַליזם, די מלחמה איז זײן קיום, סײ פון אויסנװײניק, סײ פון אינעװײניק. די מלחמה איז קאָנטער-רעװאָלוציאָנער, װײל זי פירט אַראָפּ פון װעג און גלײכצײטיק פאַרצערט זי די פעלקער.

מען שטוינט, צוקוקנדיק זיך אויף דעם נחת, װאָס די מערב-רעגירונגען שעפּן, בעת זײ באַטראַכטן די פאַקטן און די זשעסטן פון די מערדערישע רעגירונגען! װאָסער אָפּקלאַנג װעט איר געפינען אין אונדזערע אָפיציעלע ספערן אויף דער גאַנצער סעריע פאַרברעכנס, װעלכע מען קען מיט קײן שום זאַך נישט באַרעכטיקן? די שענסטע לויב-געזאַנגען פון בראַ-טיאַנוס אָדער פון צאַנקאָװ-װאָלקאָװס רעגירונג האָב איך גע-הערט אין די פראַנצויזישע מיסיעס. ה׳ זשאַפּו, דער שאַרזש-ד׳אַפער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק אין בוקאַרעשט, האָט זיך דאָרט אַרויסגעװיזן מער ראָיאַליסט, װי דער מלך אַלײן, און דערדאָזיקער פײנער דזשענטלמען קוקט װי אויף אַ נאַטירלעכער דערשײנונג: אויפן רומענישן מנהג „פון שלאָגן זעלנער און אַרעסטירטע".

הר׳ זשעראַרדי, דער פראַנצויזישער װיצע-קאָנסול אין סאָפיע, זאָגט, אַז דער טומל אַרום די מאָרדן פון דער רעגי-רונג איז שטאַרק איבערגעטריבן. ער האָט צוגעגעבן, אַז די אינטערװענץ פון די פראַנצויזישע פאָרשטײער לטובת די פאַר-משפּטע, האָט תמיד געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטן. „די פראַנצויזישע פאָרשטײער קענען ראַטעװען לעבנס!" אָט דאָס איז אַ װאָרט, אַן אומגעהויער װיכטיק װאָרט זײט בײ זײט מיט די אכזריותן, װאָס זענען פאָרגעקומען און װאָס קומען פאָר יעדן טאָג אין דער הויפּטשטאָט, װו ס׳גלאַנצט די פראַנ-צויזישע באַטשאַפט.

אין אַ ביולעטין, פּובליקירט אין דער רומענישער פּרעסע, האַלט אונדזער אויסערן-מיניסטער, אין אַ יעזואיטישן טאָן, אַ פאַרטיידיקונגס-רעדע לטובֿת דער רומענישער רעגירונג.

אין זייערע קלינגענדיקע געזעלשאַפטלעכע דעקלאַראַציעס, ריידן אונדזערע מנהיגים בלויז וועגן שלום און אָרדענונג.

ה׳ צאַנקאָוו און ה׳ וואָלקאָוו ריידן אויך אינם זעלבן טאָן. ה׳ צאַנקאָוו, דער פּראָפעסאָר מיט הענט פון אַ קצבֿ, וויל אפילו נישט אָנערקענען, אַז זיין רעגירונג איז אַ רעאַקציאָנערע. דאָס מאַכן אָן אַזאַ טומל די „הומאַניטע״ און נאָך אַזעלכע קאָמוניסטישע צייטונגען. אינדערזאמתן, פאַרזיכערט ער, איז זיין רעגירונג אַ ליבעראַלע.

צביעות איז העסלעכער פון ציניזם. צאַנקאָוו און זיין צווייטער „איך״ וואָלקאָוו זענען אינדערזאמתן געווען מיטהעלפער פון דער רעאַקציע. זיי זענען די, וואָס שטייען אויף דער דינסט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. מען איז גרייט זיי נישט צו אָנערקענען; אָבער מען נעמט נישט אָן קיין מיטלען זיי צו שטערן, און דידאָזיקע בולטע גלייכגילטיקייט פון מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ וועגן אַלץ אַ דין-וחשבון, שטעמפּלען מיר אַלס אַ פּאָליטישע שטעלונג, אַלס אַ ליטונגס-ליניע.

ס׳איז אַ כדאי פאַרבייגייענדיק דאָ צו דערמאָנען, אַז איינער פון די אַנטאַנט-אָרגאַנען, די אַנטשעדיקונגס-קאָמיסיע, האָט זיך משתדל געווען, מען זאָל אַנולירן אַ געוויסע צאָל געזעצן פון אַ שטרענג דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, וואָס סטאַמבאָליסקי האָט אַריינגעפירט אין לעבן. סטאַמבאָליסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז די מלוכה אַליין זאָל אָרגאַניזירן קאָנסאָרציומס, מיטן ציל צו באַזייטיקן פאַרמיטלער און שפּעקולאַנטן צווישן דער פּראָדוקציע און דעם קאָנסומענט; נאָך אַ געזעץ וועגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער וועלט-מלחמה, דאָס הייסט קעגן אַלע שולדיקע, וואָס האָבן אין בולגאַריע אָנטיילגענומען אין דער מלחמה און גלייכצייטיק קעגן סקאַנדאַליעזע אויסנוצער פון דער מלחמה; נאָך אַ געזעץ, וואָס

האָט אָפּגעטיילט דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל פונם שפּעקולאַציע-קאַפּיטאַל — דער ערשטער ווערט פאַרבראַכט אויף לאַנדווירט-שאַפט און אינדוסטריע, דער צווייטער דורך קאָמערץ-בענק, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דיסקאָנטע און אויסטויש. די אַנט-שעדיקונגס-קאָמיסיע, — רעפּרעזענטירנדיק די גרויסע אייראָ-פּעישע דעמאָקראַטיע — האָט אינטערווענירט און גאַנץ פּשוט אָפּגעשאַפט דריי געזעצן, וואָס ליגן אין די ברענענדיקע אינטע-רעסן פון פאָלק.

ס'איז אַ פאַקט, אַז די פּאַרטייען, וועלכע זענען ביי אונדז פאַררעכנט פאַר רעפּובליקאַנישע, גיבן אונדז נישט אין קלענסטן פּרט דאָס, וואָס זיי דאַרפן אונדז געבן. שוין נישט גערעדט פון דער אינערלעכער פּאָלי-טיק — אפילו די אויסערלעכע פּאָליטיק פונם מיניסטער פון לינקן בלאָק איז געווען פונקט אַזוי רעאַקציאָנער, ווי די פּאָליטיק פונם נאַציאָנאַלן בלאָק. אָט איז איין ביישפּיל, אויף וועלכן איך מעג זיך הויפּטזעכלעך אָפּ-שטעלן, אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון פראַ-אינדישן קאָ-מיטעט. פונקט ווי אַן אַנדערע רעאַקציאָנערע רעגירונג וואָלט געהאַנדלט, אַזוי האָט אויך אונדזער רעגירונג אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך דעם אינדישן קעמפער ראָי און נאָך אַ סך אינדישע נאַציאָנאַליסטן. צוערשט שווייץ און דייטשלאַנד, נאָכדעם האָט אונדזער רעגירונג גע-פאָלגט ענגלאַנד, וועלכע האַלט אין איין טרייבן פון אַלע לענדער פון דער וועלט און פאַרוואַנדלט אין איי-ביקע וואַנדערער אידעאַלע מענטשן, וואָס ווילן באַפרייען זייער פאָטערלאַנד פון העסלעכן יאָך.

די אַנטאַנט האָט דערלויבט דער בולגאַרישער רעגירונג צו רעקרוטירן נאָך צען טויזנט זעלנער איבער דער נאָרמע, כדי צו דערשטיקן די לעצטע פונקטן פון אומאָפּהענגיקייט און פון מענטשלעכער ווירדע.

לויטן טריאַנאָנער טראַקטאַט האָט אונגאַרן באַקומען דאָס רעכט אויפצוהאַלטן אַן אַרמיי נישט מער ווי 35.000 מאַן. אָבער די „שוואַרצע" אונגאַרישע אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע „לעווענטע" ציילט אין אירע רייען אַ 400.000 באַוואָפנטע זעלנער, וואָס אַרבעט געהיים אונטער דער מאַסקע פון ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. דער ה׳ מוסאָליני ליפערט דעם אַדמיראַל האָרטי אַ גרויסע צאָל קריגס־מאַטעריאַלן. דאָ נישט לאַנג האָבן די עסטרייכישע אייזנבאַן־אַרבעטער אַנטדעקט אויפן גראַניצער וואָקזאַל עטלעכע וואַגאָנעס קוילנוואַרפער און אַמוניציע, וועלכע זענען געגאַנגען קיין בודאַפּעשט. ביז איצט טראָגט נאָך די שוואַרצע אַרמיי נישט קיין מונדירן. אָבער אין 1926 איז אָנגעקומען פון איטאַליע קיין בודאַפּעשט 600.000 גרוי־שוואַרצע מונדירן, וואָס דער דעפּוטאַט יאַן באָגיאַ האָט איינגעקויפט אין רוים, אין נאָמען פון דער אונגאַרישער רעגירונג. דער באַראָן פּערעני, וועמען דער פּירשט בעטלען האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, אויפוואַרפנדיק אים זיין שולד אין דער אַפערע פון די פראַנצויזישע פאַלשע באַנקנאָטן, האָט געשלאָסן אַן ענלעכן אָפּמאַך מיט לאָנדאָן.

אַלע ווייסן, אַז די בולגאַרישע רעגירונג איז פון איר זייט אַנטקעגנגעקומען דער אייראָפּעישער פּרעסע און האָט דערפאַר אויף פאַרשידענע אופנים געפונען די סימפּאַטיע פון אַ סך פּרעסע־אָרגאַנען. וועגן דער גרויסער פּרעסע, וואָס מאָביליזירט די מיינונג פון אייראָפּע, האָט ה׳ טשאַרלז מאַוס, אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, אַן אומפּאַרטייאישער (אַלנפאַלס נישט קיין קאָמוניסט), אַזוי געשריבן: „די גרויסע אויסלענדישע פּרעסע, הויפּטזעכלעך די „נייע פּרייע פּרעסע" פון ווין, דער „טיימס" פון לאָנדאָן און דער „טאַן" פון פּאַריז, שטיצן אויף אַ סקאַנדאַליעזן אופן די פּאָליטיק פון גענעראַל וואָלקאָוו".

אַ פּאַריזער צייטונג, וואָס האַלט זיך פאַר אַ דעמאָקראַ־טישע און פאַר אַן אַנטיפאַשיסטישע, גיט איבער ידיעות, וואָס זי באַקומט פון דער „ביוראָ פון דער בולגאַרישער פּרעסע" און האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט אַ קעפּל: „ס׳איז נישטאָ קיין פאַשיזם אין בולגאַריע". וואָסער מיינונג קען מען האָבן איבער אַ פּרעסע, וואָס דריקט אויס די לאָזונגען פון די באַל־קאַנישע מוסאָליניס, איבער אַזעלכע געשעענישן, וועלכע זענען פאַר קיינעם קיין סוד נישט.

ס׳זענען געווען עטלעכע הייסע פּראָטעסטן אין דער „הומאַניטע", „פּאָפּולער", „קאָטידיען", „ער נוּוועל" אין „פּעפּל" פון בריסעל, אין „אַבענד" און אין „אַרבע־טער צייטונג" פון ווין. אָבער חוץ דידאָזיקע צייטונגען, וועט מען קיין סך נישט אָנציילן, וועלכע האָבן געהאַט די דרייסט־קייט אויפצוהייבן זייער שטים. און איך וועל נאָך אַמאָל זאָגן דעם טעם, פאַרוואָס די וויכטיקע צייטונגען פון פראַנקרייך און פון ערגעץ אַנדערש זאָגן זיך אָפּ צו דרוקן אַרטיקלען, וואָס מען לייגט זיי פאָר איבער די באַלקאַנישע פראַגן.

וואָס זאָל מען טאָן?

די שילדערונגען פון פאַקטן דאַרף אונדז מער נישט באַנוגענען. וויאַזוי דער מצב זאָל נישט זיין, קען מען תמיד געפינען אַן עצה. בנוגע דערדאָזיקער באַלקאַנישער פראַגע, וואָס דריקט אונדז אַזוי שטאַרק, דאַרף יעדער אָרנטלעכער מענטש קודם כל אַרויסטראָגן זיין אורטייל און באַפרייען דעם אמת פון די שקרים, וואָס באַגראָבן אים. ער דאַרף זוכן דרינ־גענדע עצות, וועלכע זאָלן קענען ראַטעווען די צוקונפט.

וואָסער פּרצוף די אָפיציעלע מאַכט זאָל נישט האָבן, דאַרפן מיר אויף איר נישט רעכענען. די ישועה קען פון דאָרט נישט קומען. נישט קיין בקשות און נישט קיין יללות וועלן ענדערן די ראָד פון דער גרויסער פּאָליטישער מאַשין, וואָס פירט אָן מיט די געשעענישן. פונקט ווי אַלעמאָל, וועט

אויך היינט די עקזיסטירנדיקע מאַכט נישט פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס זיי ריידן אין נאָמען פון מענטשלעכן געוויסן...

און די פעלקער-ליגע?

קודם כל איז די פעלקער־ליגע אַן אינסטיטוציע, ווו ס׳קומען אין נאָענטער באַריִרונג בלויז די אָנפירער פון די זיגרייכע מלוכות. זיי מוזן פאַרשפּרייטן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון קאָנקורענץ און צעטיילונג, ווייל די מלוכות, וואָס האָבן זי געשאַפן קירעווען מיט איר און שטיצן זי. דורך אַ שפּיל פון ווערטער רופט מען זי אָן פעלקער-ליגע. זי איז בלויז אַ ליגע פון קאַנצלערס, אַן אינטערנאַציאָנאַלע מיניס-טעריום פון אָנפירער פון דער אַלטער וועלט, וואָס אַרבעט איבער שלום-טראַקטאַטן, וואָס זענען פון דער-זעלבער אָפּשטאַמונג, וואָס זי, דאָס הייסט — דער היפוך פון אַ פעלקער-ליגע.

אינדעראמתן, זאַמלט די פעלקער-ליגע די כסדרדיקע קלעפּ ביים רעגולירן די נייע קאָנפליקטן — קלעפּ, וועלכע זי באַמיט זיך צו פאַרבאַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט. זי איז תמיד געווען און וועט תמיד זיין בלויז אַ דעקאָראַטיווער דענקמאָל, ווו ס׳שטייט אָנגעשריבן די פאַרבלענדנדיקע פאָרמולע: שידס-געריכט, זיכערקייט, אַנטוואָפנונג. די פעלקער-ליגע איז טייער ביי די רױבשפּיערן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדע-נונג, אָבער הינטער איר ווערן אָפּגעטאָן פאַרשידענע מעשים, כדי צו פאַרפעסטיקן די אַרבעט פונם מערב-אימפּעריאַליזם און פאַרצעמענטירן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן דעם סאָציאַלן קאָנסערוואַטיזם. ווען מען האָט אָנגעהייבן צו פירן אַ קאַמ-פּאַניע צו שאַפן אַ פעלקער-ליגע, האָבן די קלוגע, פּראַקטישע ענגלענדער זי געלויבט ווי אַ „פאַרהיטונגס-מיטל״ קעגן דער אָרגאַניזאַציע פון די עקספּלואַטירטע מאַסן. די פעלקער-ליגע איז אַן אינסטרומענט פון מלכים קעגן די פעלקער — און וואָס מען וועט וועגן איר זאָגן אַנדערש, זענען פוסטע רייד.

מען קען לאַכן, בעת איינער אַ טרוימער קומט און זאָגט, אַז דער שלום וועט זיך אַראָפּלאָזן פון הימל אויף דער ערד

ביים איצטיקן רעזשים, בלויז דורך עטלעכע קלעפּ פון אַ מאַ־גיש שטעקעלע, — מען קען לאַכן, ווייל אַ פּאַראַדאָקס איז כמעט נישט קיין ליגן. אָבער מען קען זיך נישט צוהאָרכן, אָן אויפרעגונג, ווי די פּאַרברעכער פון דער פעלקער־ליגע מעלדן, אַז זיי ברענגען אַ התחלה פון אַ נייער תקופה און פון אַ נייעם גייסט, ווייל מיט זייער וואָגיקן פּרעסטיזש פון הערשער, פּאַרפירן זיי אַ סך גוטע מענטשן. צופּאַסן גערעכטיקייט און גלייכקייט דער געזעלשאַפט, ווי זי קוקט איצט אויס, איז עס לויטן סאָציאַלן און פּאָליטישן פּלאַן, — אַ פּראָבלעם ענלעך צו דער קוואַדראַטור פון אַן עיגול — און אונדזערע פּאָליטיקער ווילן בלויז פּאַרפּלאָנטערן די אומאויפלעזבאַרע פּראָבלעמען.

נישט אַריינגייענדיק אין ווייטערע חקירות, קען מען פעסטשטעלן, אַז די פעלקער־ליגע נעמט נישט אָן קיין שום אָנקלאַגעס און קיין שום בקשות פון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אין רומעניע, בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און אונגאַרן זענען, לויט אַ דעקרעט, אומלעגאַל, אַלע אָרגאַניזאַ־ציעס, וועלכע זענען מסוגל אַרויסצוטרעטן מיט פּראָטעסטן.

און די ליגע פון מענטשן־רעכט? האָט זי דען געהאַט די דרייסטקייט אָנצונעמען שריט, כדי אויף דעם וועג אויפ־צוטאָן דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט טאָן, אָדער דאָס, וואָס זי וואָלט געקענט טאָן?

כדי צו באַלייכטן די מעשים פון די פּאָליציייִשע מלוכות און פון די לעגאַלע מענטשלעכע קרבנות אויף די באַלקאַנען, האָט ס׳רוב אויפגעטאָן די אָרגאַניזאַציע פון אינ־טערנאַציאָנאַלער רויטער הילף. דאָס איז אַ פיינע אינסטיטוציע, וועלכער אַלע מענטשן מיט האַרץ דאַרפן זיין דאַנקבאַר. זי מישט זיך נישט אין קיין פּאָליטיק, איז באַזירט אויף דער סאָלידאַריטעט פונם פּראָלעטאַריאַט און האַלט זיך הויך אויפן מאַרגינעז פון דער אָפיציעלער מאַשין.

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג דאַרף זיך אַליין אַנטפּלעקן און נישט אָנפאַרטרויען זידאָזיקע אומגעהויערע פּאַראַרדענונגען פון גערעכטיקייט צו גרויסע אַקטיאָרן, וואָס דאַרפן שפּילן

זייער ראָל. בעת ס׳טראָגט זיך אַ גסיסה-געשריי פונם באַלקאַ-נישן האַלב-אינדזל, בעת ס׳שפּילט זיך אַ ווירקלעכע טראַגעדיע פון צעטיילן דעם רויב, בעת ס׳גייט אַ יאַגד אויף קאָנצעסיעס און אויף עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איינפלוסן, דעמאָלט דאַרף די געזעלשאַפטלעכע מיינונג זיך נישט לאָזן איינוויגן פון די קלינגענדיקע רעגירונגס-דרשות, פון די ווערטער־קאָמעדיעס און פון די אַלטע צביעותדיקע לידער פון זשענעווע און לאָקאַרנאָ. זי דאַרף אַרבעטן זעלבסטשטענדיק און פריי לאָזן הילכן זייער שטימע.

ס׳איז אוממעגלעך, אַז זי זאָל עס ענדלעך נישט טאָן מיט גרויס פאַרביסנקייט. מען קען נישט בלייבן זיצן רויק און זיך צוקוקן אויף דידאָזיקע מערדערלעכע פאַרשווערונגען, וואָס באַפלעקן אונדזער גאַנצע „ציוויליזאַציע״ און ווען אויף די בלעטער פון דער געשיכטע חוזק מאַכן פון די, וועלכע האָבן געקענט ריידן הויך, נאָר זיי האָבן עס נישט געטאָן.

ענדלעך, אַ הויכע שטים פון אָרנטלעכע מענטשן מיט ריינע און קלאָרע געוויסנס, וועלכע זענען נאָך אומעטום דאָ לרוב, קען האָבן אַן ענטגילטיקן איינפלוס. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז צוליב אַן ענערגישע אינטערווענץ פון עטלעכע אייראָפּעישע פּערזענלעכקייטן אין בודאַפּעשט, האָט ראַקאָזי אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט. דאָס שרעקלעכע אונגאַרישע שטאַנד-געריכט, וואָס הייסט סטאַטאַריום, פון וואַנען מ׳גייט שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקער, ווו דער טויט-אורטייל ווערט אויסגע-פירט אין צוויי שעה אַרום נאָכן פאַרמשפּטן, האָט אונטערן דרוק פון דעמדאָזיקן דירעקטן רוף, געמאָלדן, אַז עס פעלן באַווייזן. איך אַליין, פאַרבייפאָרנדיק דורך דידאָזיקע אַלע לענדער, האָב געזען, ס׳אַראַ גרויסע ווירקונג ס׳האָט דאָס גע-עלשאַפטלעכע געפיל פון די מערב-לענדער.

די פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעטן

קיין שום פּאָליטישע אָפּאָזיציע קען גאָרנישט אויפטאָן אויף די באַלקאַנען דורך לעגאַלע מיטלען, ווייל אַלץ, וואָס

געהערט צו אָפּאָזיציע — הייסט אומלעגאַל. אָבער די רעגירונגען וואָלטן גאָרנישט געקענט אויפטאָן — אפילו אויפהאַלטן זיך איין טאָג, ווען זיי וואָלטן אָנגעווענדעט בלויז לעגאַלע מיטלען. ס'קען קיין ספק נישט זיין, אַז פרייע וואַלן אין די אַלע לענדער, וואָלטן אַראָפּגערוימט דעם מלוכה־פאַשיזם. די אָפּאָזיציע שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. אָבער, כדי נאָך גרעסער צו ווערן, דאַרף זי הויפּטזעכלעך האָבן מער ליכט. „זאָלן זיי דאָרט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר", — אָט דאָס איז די שטימע פון די דרום־אָריענטאַלישע מאַרטירער.

איינער פון זיי האָט מיר געמאָלדן וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַוויזן צו באַקומען פון אַ בעלגראַדער אַרעסטירטן: „זאָג די פראַנצויזישע חברים, אַז מיר פאַרלאַנגען בלויז איין זאַך — זיי זאָלן שרייבן וועגן אונדזערע ליידן און זיי זאָלן פּראָטעסטירן קעגן ווילדע מעשים פון דער יוגאָסלאַווישער פאַשיסטישער רעגירונג. מיר קענען ליידן הונגער, מיר זענען געוווינט נישט צו האָבן קיין שום געריכטלעכע פאַרטיידיקונג, מיר קענען זיך באַגיין אָן געלט, היות מיר האָבן זיי קיינמאָל סיי ווי נישט געהאַט, אָבער גיט אונדז אייער וואָרט אין דער פרעסע, ווייל בלויז דאָס קען אונדז טרייסטן!"

כדי אָרנטלעכע מענטשן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסזאָגן דידאָזיקע מיינונג, וועלכע איז פריי פון פּאָליטיק און האַלט זיך הויפּטזעכלעך אין די גרענעצן פון אָרנטלעכקייט און מענטשלעכער אחדות — האָבן מיר אין פּאַריז, אין לאָנדאָן און אין ווין איינגעאָרדנט פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן פון די קרבנות פונם ווייסן טעראָר אויף די באַלקאַנען. דידאָזיקע קאָמיטעטן האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער ציל צו פאַרעפנטלעכן, און צו לאָזן אין באַוועגונג, דעם פּראָטעסט פון די ריינע געוויסנס.

קודם־כל וועלן דידאָזיקע קאָמיטעטן דאַרפן פאַרעפנטלעכן די ווירקלעכקייטן, וואָס מען פאַרבאָרגט פון דער וועלט, אַ דאַנק די פאַלשע קאָמוניקאַטן, און דורך קאָנטראָלירטע אינפאָרמאַציעס געבן אַ גענויעם בילד פון פאַקטן און אַן אָביעקטיווע עקספּאָזע פון זייערע סיבות. דער בעסטער פּראָטעסט איז דער,

וואָס גייט אַרויס פון אַן אומפּאַרטייאישע דערציילונג, אָן „ליטע־ראַטור" אפילו אָן פּירושים — ווו אַלץ וואַרפט זיך בולט אין די אויגן.

דידאָזיקע פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן וועלן פירן קאַמפּאַניעס, פאָדערנדיק: פולשטענדיקע אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע און אַרויסגעשיקטע. מען האָט זיך געשפּילט אין אַמנעסטיע אויף די באַלקאַנען, אָבער שטענדיק איז עס בלויז געווען אַ פּאַראָדיע אויף אַמנעסטיע, וואָס די הענקער און די מערדער האָבן הויפּטזעכלעך אויסגענוצט. די פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן וועלן אויספירלעך באַטראַכטן די קאָמעדיע פון די רעגירונגען און די טראַגעדיע פון די פעלקער און אָפּשטעלן זיך אויף די איינציקע מיטלען, וועלכע זענען מסוגל אויסצו־קערן דאָס, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס קענען אויסהיילן דאָס איצטיקע.

אויפן צווייטן אָרט — ס'האַנדלט זיך בלויז וועגן בול־גאַריע — וועלן מיר זיך באַמיען דרינגענד באַקומען די רעכט — צו קענען העלפן די לעבעדיקע און די פאַמיליעס פון די קרבנות. איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז אַזאַ מין הילף איז פאַרווערט אין בולגאַריע, ווו די קינדער און די מאַמעס פון די געהרגעטע ווערן באַטראַכט פאַר מיטהעלפער — און אלס מיטהעלפער ווערן באַטראַכט אויך די, וועלכע ווילן בלויז דערלאָזן, די געליטענע זאָלן שטאַרבן פון הונגער.

מיר וועלן אָרגאַניזירן נייע קאָמיטעטן און מיר וועלן איינשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג צווישן די קאָ־מיטעטן, כּדי צו קענען פירן אַן אַקציע אין אַ בעסערן און שנעלערן טעמפּ. מיר וועלן אַרויסגעבן אַ ביולעטין, וואָס וועט געבן זיכערע אינפאָרמאַציעס און באַווייזן פאַר דער וועלט, וויאַזוי אַ רעאַקציאָנערע אָדער אַ פאַרקויפטע פּרעסע צעדרייט די פאַקטן.

ענדלעך, וועלנדיק פאַרווירקלעכן אונדזער פּראָיעקט, וואָס דאַרף מאַכן אַ סוף צו דער בלוטיקער אומאָרדענונג אין די באַלקאַנישע לענדער, האָבן מיר באַשלאָסן צו קעמפן,

פּדי צו פאַרשפּרייטן די גרויסע אידעע פון אַ באַלקאַנישער פּע־דעראַציע.

די באַלקאַנישע פּעדעראַציע

ווען די פאַרשידענע לענדער און געגנטן אויף די באַל־קאַנען, איצט אָרעם און אָפּגעשוואַכט פון די כּסדרדיקע קאָנ־פליקטן, וואָלטן פאַרמירט אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט, ווו דער כאַראַקטער און די אינטעלעקטועלע אויטאָנאָמיע פון יעדן געגנט איז שטרענג אָפּגעהיט, וואָלט עס דעמאָלט געווען אַ פעסטער בלאָק, באַזירט אויף גערעכטיקייט, און דער מאַקסימום פון שלום און וווילשטאַנד וואָלט דאָרט געהערשט. דאָס איז די איינציקע פּראַקטישע לעזונג פאַר דער פראַגע פון די עטנישע מינדערהייטן, און אַזאַ מין ברייטע דעמאָקראַטישע רעאַליזירונג, וואָלט געווען אַ התחלה פון אַן עקאָנאָמישן רענעסאַנס פאַר אַלע פון דידאָזיקע לענדער און פאַר דער גאַנצער פּעדעראַציע, וועלכע האָט זיך פרייוויליק פאַרמירט.

בעת מען טוט אַ קוק אויף דער קאַרטע, זעט מען, אַז די באַלקאַנישע לענדער, וועלכע זענען צונויפגעפּרעסט און אָנגעקלאַפּט לעבן איינאַנדער, וואָלטן זיך געפונען אין שרעקלעך־באַגרענעצטע לעבנס־באַדינגונגען, אויב זיי וואָלטן געוואָלט לעבן לויטן ווילדן געזעץ: „יעדער איינער פאַר זיך". זיי זע־נען אַלע פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן, בעת עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָפּזאַץ־מאַרק און וועגן אַ דורכגאַנג צום ים. איבער דעמדאָזיקן פּראָבלעם אַרבעט יוגאָסלאַוויע; און ס'איז אַ דאַל־מאַצישע פראַגע, אַן אַלבאַנישע* פראַגע און הויפּטזעכלעך אַ סאַלאָניקער פראַגע. בולגאַריע, וועלכע פאַרמאָגט אַ שטיקל ברעג אויפן שוואַרצן ים און איז אָפּגעשלאָסן דורכן באָספאָר, ניי־טיקט זיך באמת אין אַ פענסטער צום עגעאישן ים. אָבער אונטערן צייכן פון נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם קען מען באַפרידיקן דידאָזיקע געזעצלעכע אַספּיראַציעס, באַרויבנדיק גריכנלאַנד. דידאָזיקע פראַגן זענען בוכשטעבלעך אומאויפלעזבאַר

און ביידע „נעווראַלגישע פּונקטן" פונם באַלקאַנישן אָרגאַניזם, ווי זשאַן זשיראָמסקי האָט זיי אָנגערופן — סאַלאָניק און דעדעגאַטש — זענען נישט אויסצוהיילן ביים איצטיקן מצב. דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן אויף די באַלקאַנען ליידט און אַנטוויקלט זיך שלעכט פון דידאָזיקע אַנאָמאַליעס.

אַ באַלקאַנישע פעדעראַציע קען דעמאָלט האָבן אַ קיום און אַ גרויסע באַדייטונג, אויב אַלע באַלקאַנישע מלוכות און געגנטן אָן אויסנאַם וועלן אַריין אין דערדאָזיקער פעדעראַציע. יעדע טיילווייזע רעאַליזירונג פונם דאָזיקן פּלאַן וועט נישט דערפירן צום ציל, ווייל זי וועט פאַרשטאַרקן איין אימפּעריאַליזם צום שאָדן פון די אַנדערע. לאָמיר נעמען דעם ערשטן ביישפּיל: אַ סערביש-בולגאַרישע פאַרייניקונג, וועלכע איז נאָך ווייט פון אַ באַלקאַנישע פעדעראַציע, וועט ברענגען פאַרקערטע רעזולטאַטן. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון צוויי לענדער, וואָס ווילן עפּעס געווינען אויפן חשבון פון גריכנלאַנד: סאַלאָניק זאָל צוגיין צו בולגאַריע, קאַוואַלאַ אָדער דעדעגאַטש צו יוגאָסלאַוויע. אַזאַ אָפּמאַך ווייזט אַרויס די יוגאָסלאַווישע אַפּעטיטן. מען דאַרף אַנטלויפן פון אַזאַ מין שלעכט-פאַרמאַסקירטן פאַרכאַפּונגס-פּלאַן, וועגן וועלכן די פעדעראַטיווע מאַצעדאָנישע אָרגאַניזאַציע פויקט אין איר צייטונג „מאַקעדאָנסקאָ סאָזנאַניע", מיטן תירוץ, אַז זיי גייען שאַפן אַ נייעם עטאַפּ אויפן באַלקאַן.

וואָס שייך דעם קעפּל: מאַצעדאָנישע פעדעראַליסטן, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען דער לינקער פליגל פון דער אָרגאַניזאַציע „אָרים", און אין 1908, נאָך דער יונג-טערקישער רעוואָלוציע, נאָכדעם ווי אין טערקיי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די קאָנסטיטוציע, האָט זי זיך רעאָרגאַניזירט אין אַ פעדעראַטיווער פאָלקס-פּאַרטיי. די גרינדער פון דערדאָזיקער לעגאַלער פּאַרטיי זענען געווען: סאַנדאָנסקי, קאַנטאַרדיעוו, פּאַניטצאַ, וולאַכאָוו, יאַנקאָוו, טשערנאָפּעעוו און דאָברי דאַסקאַלאָוו. אָבער די פעדעראַליסטן, גרופּירט אַרום דער צייטונג

„מאַקעדאָנסקאָ סאָזנאַניע״, זענען אַגענטן פון פּאַשיטשעס רעגירונג. זיי האָבן קיין שום שייכות נישט מיט דער פריערדיקער פעדעראַטיווער פאָלקס־פּאַרטיי. זייערע אָנ־פירער טערציעוו און רינדאָוו דערפילן די באַפעלן פון דער סערבישער רעגירונג, מיטן צוועק צו דענאַציאָנאַ־ליזירן און אַסימילירן דאָס מאַצעדאָנישע פאָלק, און באַ־דינען די פאַרכאַפּערישע פּאָליטיק פונם סערבישן אימ־פּעריאַליזם, וואָס שטרעבט צו דרום.

ה׳ קאָסטאַ טאָדאָראָוו, אַ גרויסער אָנהענגער פון אַ בולגאַריש־יוגאָסלאַווישער פאַרייניקונג, דריקט זיך אויס אָט אַזוי: „פּאַרוואָס זאָל יוגאָסלאַוויע נישט זיין דער פיעמאָנט אויף די באַלקאַנען!״ מען זעט בולט, אַז די פראַזע דריקט אויס די יוגאָסלאַווישע הערשאַפט אויפן באַלקאַן, און מען זעט נאָך בולטער, אַז דידאָזיקע איבערהערשאַפט וועט קיינמאָל נישט איינוויליקן אויף יסודות פון פעדעראַטיווער גלייכ־קייט. מאַצעדאָניע, געקרייצט (אָדער פינקטלעכער, ווי דניאל רענוול האָט זיך אויסגעדריקט), צעפּערטלט דורך דער אַנטאַנט, וואָלט דורך אַזאַ מין אָפּמאַך נישט געוואָרן באַפרייט, נאָר דידאָזיקע טעריטאָריעס וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פעלד פון אַ נייער פאָרם. דאָסזעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן די אויטאָנאָמיסטן, וועלכע לעזן די מאַצעדאָנישע פראַגע, האַלטנדיק, אַז ס׳דאַרף געשאַפן ווערן אַ גרויסע בולגאַריע. דער קאַמף פון די באַלקאַנישע מינדערהייטן פאַר זייער אומ־אָפּהענגיקייט, קען פּראַקטיש איינגעפירט ווערן אין לעבן, דורך אַ ברייטער פאַרייניקונג פון אַלע אונטערדריקטע מינדערהייטן, אַ פאַרייניקונג, וואָס זאָל געשטיצט ווערן אויף די אַרבעטער־קלאַסן, וועלכע זענען אונטערדריקט אויפן זעלבן אופן און דורך דיזעלבע הענקער, און ס׳זאָל געשאַפן ווערן אַ „געמיינ־זאַמער פראָנט״ קעגן באַלקאַנישן אימפּעריאַליזם און קעגן דער רעאַקציע.

אויף דער קאָנסטיטוטיווער קאָנפערענץ פון דער מאַצעדאָנישער פאַרייניקטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1925, האָבן פאַרטראָטן: דער לינקער פליגל פון „אָ.ר.י.ם״; די קאָמיטעטן און גרופּעס, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאַצעדאָניע אונטער דער סערבישער און גריכישער הערשאַפט, אויפן גרונט פונם מאַניפעסט פון 6 מאַי 1924; די גרופּעס פון די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן פון סערעס; די עמיגרירטע מאַצעדאָנישע קאָמוניסטן; די פאַרייניקונג פון די מאַצעדאָנישע עמיגראַנטן; און די אָרגאַניזאַציע „הייליקער עליע״ פון די אַמאָליקע בולגאַרישע רעוואָלוציאָנערן.

דער פאַרייניקטער „אָ.ר.י.ם״ האָט זיך גאַנץ קלאָר אַרויסגעזאָגט: זי פאָדערט די אומאָפּהענגיקייט פון מאַצעדאָניע אַלס מיטגליד פון דער באַלקאַנישער פעדעראַציע און טרעט אַרויס קעגן דעם אימפּעריאַליזם פון די איצטיקע באַלקאַנישע מלוכות און קעגן דעם אימפּעריאַליזם פון די מערב-מלוכות.

ווי איך בין פאַרבייגעפאָרן, האָב איך אַגיטירט פאַר דער אידעע פון אַ באַלקאַנישער פעדעראַציע. אַז אַזאַ זאַך זאָל מקוים ווערן, וואָלט מען קודם כל פּטור געוואָרן פון דער הערשנדיקער טיראַניע און ס׳וואָלט איינגעפירט געוואָרן אַן אמתער דעמאָקראַטישער רעזשים. איך האָב געזען, אַז דידאָזיקע אידעע האָט דאָרט אומעטום אַ גרויסע צאָל איבערגעצייגטע אָנהענגער,—אַזוי שטאַרק אַנטשפּרעכט זי די אַלע פאַרשידענע אַספּיראַציעס פון דער באַפעלקערונג, עקספּלואַטירט דורך אויסלאַנד און אָפּגעשטעלט אין זייער אַנטוויקלונג צוליב די פאָדערונגען פון דער גרויסער אייראָפּעישער פּאָליטיק, אַ דאַנק וועלכער מען רייסט זיך תּמיד אַרום. אָבער אַלע, וואָס האַלטן פון דעמדאָזיקן אידעאַל, האַלטן אין איין שרייען: די גרויסע מלוכות וועלן עס נישט דערלויבן. דאָס איז פּונקט אין היפּוך

מיט זייערע כוונות, וועלכע זאָגן, אַז דער באַלקאַן איז אַ מין גרויסע באַפריינדעטע נאַציע מיט עטלעכע קעפּ, פּאָליטיש פּאַציפיצירט און עקאָנאָמיש פאַרייניקט".

מען דאַרף זיך אָבער נישט נאַרן. דאָס שאַפן פון „באַלקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן", וועט זיך אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן מצד די, וועלכע זאָרגן פאַרן גורל פון אַנדערע. די גרויסע מלוכות באַמיען זיך מיט אַלע כוחות אונטערצוהאַלטן דעם זינלאָזן סטאַטוס פון די שלום-טראַקטאַטן, וואָס וועט מאַכן אַ תל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דידאָזיקע באַפעלקערונגען, וועלכע זענען דאָפּלטע שקלאַפן סיי פון אינעווייניק, סיי פון אויסנווייניק, דאַרפן זיך אָנקלאַמערן אין דעמדאָזיקן פּראָגרעס, וועלכער וואָלט זיי באַפרייט פון אינערלעכן און פון אויסערלעכן שונא. און דערדאָזיקער מיטל וועט אַנטגילטיק פאַרזיכערן דעם אייראָפּעישן שלום. כדי אַזאַ מין אידעע זאָל האָבן אַ תיקון, דאַרף מען זי פאַרשפּרייטן מיט וואָרט און טאַט. קוים וועט אַזאַ אידעע עקזיסטירן, וועט זי זיך ממילא פאַנאַנדערוואַקסן און איינוואָרצלען זיך. פירנדיק גרויסע דעבאַטן וועגן דער טרויעריקער אומענדלעכער אָריענט-פּראַגע, וועלכע האָט ביז איצט אַרויסגערופן אַזויפיל מענטשלעכע קאַטאַקליזמען, וועלן פריער אָדער שפּעטער אַרויסטויכן בעסערע און פאַסיקערע וועגן. די פאַלשע קינסטלעכע מיטלען וועלן צעשמאָלצן ווערן פאַר די בולטע פאַקטן. אַ צייטונג „די באַלקאַנישע פעדעראַציע" האָט שוין דורכגעפירט אַ גרויסע אַנקעטע מכוח די גרונט-פּרינציפּן פון דעמדאָזיקן פּראָבלעם.

איך ווענדע זיך מיט אַן אויפרוף צו די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן איצטיקן גורל פון מענטשן און מיט דער צוקונפט פון דער מענטשהייט — זיי זאָלן מיט אַלע זייערע כוחות שטיצן די גערעכטע הייליקע אויפגאַבע, וואָס די קאָמיטעטן האָבן זיך אונטערגענומען. יעדער איינער דאַרף אונדז העלפן מיט וואָס ער קען. ס'פאָדערט זיך אַ מעכטיקע אינטערווענץ, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט אַ גאַנצן ציקל פון העסלעכע

מערדערייען און מיט דער תקופה פון אָפּענעם באַרבאַריזם אויפן שויס פון דער מאָדערנער עפּאָכע. מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. מיר דאַרפן אַלע בעטן, מען זאָל אונדז מוחל זיין אונדזער אומטעטיקייט און אונדזער פוילקייט.

אָט איז דער צוזאַמענשטעל פונם פראַנצויזישן פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט פאַר די קרבנות פונם ווייסן טעראָר אין בולגאַריע און אויף די באַלקאַנען (מערץ 1926):

ראָמען ראָלאַן, סעווערין, מאַדאַם דע סען-פּרי, פרעדעריק ברונע, קאַזאַל, ערנעסט לאַפּאָן, פערדינאַנד פּאָר, קאָמפּער-מאָרעל, פּאָנטאַניע, עזשען פּראָ, אַנדרע בערטאָן, העליעס, מאַריוס מוטע, וואַיאַן קורטיריע, שאַסטאַנע, זשיל הורי, עווראַר, שאַרל באַראָן, רעינאָ, אַלבערט פורניע (דעפּוטאַטן), אַלעקסאַנדער ליקע, זשאַן גאַרשערי, אַנדרע גאַיאָ, ראָבערט באָס, לואי סעליע (ראַטמענער פון דער סענע), זשאַן לאָנגע, בראַק (פריערדיקע דעפּוטאַטן), אַנרי טאָרעס, מאַרסעל ווילִיאַר (אַדוואָקאַטן), לעאָן זשואָ (סעקרעטאַר פון ד. ג. ט.) לאַנזשעווען, פּרענאַן, וויקטאָר באַש, אַלבעט מאַטיע (פּראָפעסאָרן), מאַטיאַס מאָרהאַרד, זשאָרזש דיהאַמעל, פּאַנאַיט איסטראַטי, וויקטאָר מאַרגעריט, לעאָן באַזאַלזשעט, מאַרסעל מאַרטינע, זשאָרזש שענוויער, לעאָן ווערט, זשאַן-רישאַרד בלאָך, שאַרלווילדראַק, אַנרי מאַרקס, זשאָרזש פּיאָש, אַנדרע זשיבאַל, פּאָל לואי, בערנאַרד לעקאַש, אַנדרע סאַלמאָן, פראַנסי זשורדען, זיראָמסקי, אַנרי באַרביס (פּאָרזיצער), דאַניעל רענוע (סעקרעטאַר).

אַ צווייטער קאָמיטעט איז פון זיך אַליין געגרינדעט געוואָרן אין נאַנסי.

דער פּאָרזיצער פונם קאָמיטעט אין ווין איז דער אַדוואָקאַט ראָזענבערג. אין לאָנדאָן, דער פולקאָווניק וועדזשווּד, מיטגליד פון פּאַרלאַמענט.

דער פּאָרזיצער פון זשענעווער קאָמיטעט איז דער

פראָפעסאָר דיוויליאַן, דירעקטאָר איבער די שול-אַרכיוון.

* *
*

בעת איך האָב פאַרענדיקט דעמדאָזיקן עטיוד איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן צאַנקאָווס דעמיסיע. קיינער וועט אונדז נישט קענען איינרעדן, אַז די מעטאָדן פון רעגירונגס-באַנדיטיזם, איינגעפירט דורך צאַנקאָוון, וועלן איצט פאַרשווונדן ווערן, אין אַ קאַבינעט, ווו גענעראַל וואָלקאָוו איז קריגס-מיניסטער און אין וועלכן ס׳גייען אַריין: ה׳ סלאַווייקאָ וואַסילאָוו — איינער פון די גרינדער און שעפן פון דער מיליטערישער ליגע, ה׳ קימאָן געאָרגיעוו — אַ מיליטערישער הענקער פון דער באַפעלקערונג, ה׳ קוליעוו — דער עקס-פרעזידענט פון דער סאָבראַניע און איצט יוסטיץ-מיניסטער, וועלכן מען באַשולדיקט, אַז ער האָט געפעלשט אַ וואַל-שטים, כדי צו ראַטעווען צאַנקאָוון. וואָסערע מיטלען וועט ליאַפטשעוו איצט אָננעמען קעגן די מאַצעדאָנישע אויטאָנאָמיסטן, קעגן דער מיליטערישער ליגע און קעגן די פאַשיסטן? וואָסער שטעלונג וועט ער אָננעמען בנוגע דעם ווילדן געזעץ פון מלוכה-פאַרזיכערונג און בנוגע דער אַמנעסטיע-פראַגע? מיר וועלן זיך דערין זייער גיך איבערצייגן...

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג — וויל איך צום שלוס נאָכאַמאָל איבערחזרן — האָט ליב זיך איינצוהילן אין אַ נעפל פון אָפּטימיזם, און די רייכע צייטונגען מיט זייערע געוויסנהאַפטיקע דירעקטאָרן פלאַנצן דידאָזיקע פאַרבלענדעניש. ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען אַזאַ מאָרד ווי מאַטעאָטיס — דרך-אגב אַן עפּיזאָד צווישן טויזנטער — אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג זאָל אַרויסזען מוסאָליניס אמתן פרצוף. ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען די שענדלעכע אַפערע מיט די געלט-פעלשער, כדי די געזעלשאַפטלעכע מיינונג זאָל ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם רעגענט האָרטי מיט זיין סביבה. און באמת, די עטלעכע אומאָפּהענגיקע צייטונגען פון אַוואַנגאַרד שרייען אין מדבר. און דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז מען צעטומלט זי מיט עפּעס אַ

סענסאַציאָנעלע רעוואָלוציע, ווערט זי באַלד אָן אַ שום טעם פאַרזונקען אין איר זיסער נאַרישקייט, ווייל מער פון אַלץ האָט זי ליב — מען זאָל זי לאָזן צורו. ס'איז גענוג אַ שטיקל רעפּעראַציע אויבן ביים רודער, עפּעס אַ פּוסטע רעקלאַמע־דעקלאַראַציע פון אַ נייעם מלוכה־פירער און זי ווערט באַרויקט. דאָסזעלבע, האָב איך מורא, קען איצט פּאַסירן אין בולגאַריע און אויך אין רומעניע און אין אונגאַרן. און אויב ס'וועט פּאַסירן, אַז צוליב עפּעס אַ סקאַנדאַליעזער געשעעניש, וועט די פעלקער־ליגע באַנקראָטירן צוזאַמען מיט איר אימפּעריאַליסטישן פּראָגראַם פון מלחמה־אויסהיילונג, וועט זיין גענוג, אַז דידאָזיקע אינסטיטוציע זאָל ענדערן בלויז איר נאָמען, און זי וועט ווי־דער געווינען דעם אַלגעמיינעם צוטרוי און די מאָדערנע געזעלשאַפט וועט זיך מיט דער פולער רויקייט ווידער לאָזן גיין אויפן וועג, וואָס פירט צום אָפּגרונט.

דער גרעסטער פּאָליטישער פּראָצעס אין דער וועלט

אויפֿן ראַנד פֿון אייראָפּע

אין דערדאָזיקער שטאָט איז זייער קאַלט. אויף די גאַסן זעט מען קראָען און „טראָיקעס". פּונקט ווי אין אַנדערע ער־טער שפּערלינגען און הינער, אַזוי טאַנצן דאָ אַרום די קראָען מחנותווייז און פּיקן אויפֿן פֿאַרפֿרוירענעם, פֿאַרשנייטן שאָסיי, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די הויפּט־גאַס. דידאָזיקע גאַס איז אַ ברייטע אַלעע, וואָס פֿירט צום וואָקזאַל. די „טראָיקעס" מיט קלינגענדיקע דוגעס איבער די פֿערד זענען אוראַלטע קאַ־רעטעס, אָפּגענוצט און אָפּגעקראָכן, און ס'דאַכט זיך, אַז אָט־אָט, ביי יעדן דריי פֿון די רעדער, צעשיטן זיי זיך. און פֿון פֿאָרנט זיצט אַ טריבער מענטש, די פֿיס אונטער זיך, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן אויסגעקראָכענעם פּעלץ, מיט אַ וואָלענע אָדער אַ פֿוטערנע היטל אויפֿן קאָפּ.

אויף עטלעכע באַראַקן, וואָס מען באַמערקט פֿון צייט צו צייט, אויף רעכטס און אויף לינקס פֿון דעמדאָזיקן אומ־באַשטימטן באָדן, באַצייכנט מיט רעדער־שפּורן און איז דער אָנפֿאַנג פֿון דער גרויסער גאַס, זעט מען רוסישע אויפֿשריפֿטן, אָפּטמאָל אָפּגעקראָכן און באַדעקט מיט אַנדערע אויפֿשריפֿטן. ביי דערדאָזיקער דעקאָראַציע, ווייס און קלאָר ווי פּאַפּיר, צווישן דערדאָזיקער קעלט, צווישן די אַרומיקע זאַכן, צווישן די מענטשן, קען מען מיינען, אַז מען געפֿינט זיך אין רוסלאַנד.

אָבער מיר זענען אין קיזינאָוו, וואָס מיר רופֿן אָן קישי־ניעוו, די הויפּטשטאָט פֿון בעסאַראַביע.

די גרויסע רוסלאַנד איז נישט ווייט. מען זעט רוסלאַנד פון דערווייטנס, בעת מען גייט אַרויף אויף די הויכקייטן, וואָס דערהייבן זיך איבער דער שטאָט, ווו דער גענעראַל רודענאָו, דער קאָמאַנדיר פון 3-טן רומענישן אָקופּאַציע-קאָרפּוס, האָט דערהייבן לכּבוד רוים אַ היסטאָרישע סטאַטוע.

מיר פירן פאַרנעמען צוויי דראָזשקעס, ווייל ס׳איז געווען אוממעגלעך זאַלבעפערט צו זיצן אין די מאָלערישע קישיניעווער טראַנטעס. לעבן מיר זיצט אַ מענטש אין אַן אַסטראַכאַנער היטל, די וואָנסעס גרוי, מיט אַ יונגן אויסזען און מיט אַ קלאָרן פריינטלעכן בליק. דאָס איז קאָסטאַ פּאָרו, דער סעקרעטאַר פון דער רומענישער ליגע פון מענטשן-רעכט, וועלכער באַגלייט די „מיסיע״, פון מערב, צוזאַמענגעשטעלט פון דריי פּערזאָן: מאַדמאַזעל פּאָל לאַמי, לעאָן ווערנאָשע און איך.

מיר זענען געפאָרן איבער דער וואָקזאַל-אַלעע, וועלכע ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ גאַס, גאָרנישט פאַרלירנדיק פון איר אומגעהויערער ברייטקייט. וואָס ווייטער, אַלץ העכער זענען די הייזער און אַלץ מער צונויפגעפּרעסט. אָט איז אַ הויכע געביידע — דאָס איז אַ באַנק. אָט איז עפּעס אַ פּאַלאַץ, ווו ס׳געפינט זיך אַ מיליטערישער קלוב. איך ווייס אַליין נישט, ווי לאַנג מיר פאָרן שוין איבער דער געפרוירענער ווייסקייט. און כּסדר הייבן זיך אָן נייע הייזער, אויף רעכטס און אויף לינקס. קישיניעוו האָט כּמעט מער נישט, ווי די איין גאַס, אָבער דידאָזיקע גאַס האָט גאָר קיין סוף נישט. ענדלעך, נעמען מיר זיך אויף רעכטס און פאָרן אַריין אין אַ פאָרשטאָט. מיר ראָלן איבער אַ וועג, וואָס איז ברוקירט פון פּראָסט און ווו די רעדער-שפּורן זענען האַרט ווי רעלסן. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַ טרויעריקן, אַרומגעצופּטן לאַנדשאַפט, פול מיט פּוסטע שטחים. ס׳איז אַ שרעקלעכע קעלט, וואָס רויטלט די פנימער און שטעכט אין די אויגן. מיטאַמאָל באַמערקן מיר אַ דענקמאָל, וואָס פאַרשטעלט די ראיה. דאָס איז אַן אומגעהויערער פּעאָדאַלער שלאָס, אַ מאַיעסטעטישער פעסטער בנין, אַרום וועלכן ס׳געפינען זיך עטלעכע נייע הייזער.

מיר זענען געבליבן שטיין לעבן אַ מיטל-עלטערישן דורכגאַנג פון דעמדאָזיקן פּאָרט-שלאָס. ס׳זענען דאָרט געווען אָפיצירן, זעלנער אין כאַקי-מונדירן, מיט קאַשקעטן און קורצע באַגנעטן אויף די ביקסן. די טיר עפנט זיך פּאַמעלעך אויף, און מיר דרינגען אַריין אין קישיניעווער תּפיסה.

צווישן דער הויכער מויער, אין דעם פעסטן שלאָס ציט זיך אַ הויף. מען גייט פאַרביי לעבן גרופּעס מענטשן, באַוואַכט פון זעלנער מיט באַגנעטן אויף ביקסן. דידאָזיקע מענטשן האָבן אויסגעמאַטערטע פּנימער און זייערע צעפּאַסקעוועטע מלבושים האָבן אַ טרויעריקן אויסזען. בעת מיר גייען פאַרביי נעמט אונדז די וואַך אָן פאַר העכערע לייט, ווייל זיי קלויבן שנעל אויף זייערע מענטשלעכע סטאַדעס און באַגריסן אונדז מיט אַן אויס-טערליש-קלינגענדיקע באַגריסונג.

מיר זענען פאַר אַ שאַפע, שמאָל און לאַנג, וואָס פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. מיר גייען אַריין אין דעמדאָזיקן באַראַק, וואָס איז געפּאַקט מיט מענטשן. און דאָרט אויבן-אָן — באַמערקלעך ווי דער אָלטאַר בעת דער מעסע — שטייט אַ טיש, אַרום וועלכן ס׳זיצן פינף אָפיצירן, אַלע אַרומגעגאַרטלט, שטייף, אומבאַוועגלעך, די הענט אָוועקגעלייגט אויפן טיש. פאַרן מיטלסטן אָפיציר שטייט אַ קרוציפיקס אויפן טיש.

די פינף אָפיצירן פונם קריגס-ראַט זענען פונקט אַזוי אומבאַוועגלעך ווי דער קרוציפיקס. אַ פאָטאָגראַף וואָלט צו זיי נישט געדאַרפט זאָגן: רירט אייך נישט. זייערע לאַנגע שינעלן, פון זענעפט-קאָליר, זענען אַרומגעצויגן מיט שווערד-רימענס, האָבן ברייטע לאַצן און עטלעכע רויטע פלעקן. דער אָפיציר פון איין עק טיש איז אַ הויכער, פון צווייטן עק — אַ נידעריקער. קיינעם פון זיי קען מען נישט געבן מער פון פערציק יאָר.

פאַר די שופטים שטייט אַן אויוון און ס׳ליגט דערלעבן אַ באַרג אַלטע ביקסן, אַלטע שווערדן, אַ מיש-מאַש פון כּל-זין מיט צוויי קוילנוואַרפער פון פאָרנט. נאָך ביקסן שטייען אויס-געשטעלט לענגאויס דער וואַנט, פונקט ווי אין אַ קאַזאַרמע. אויף דער רעכטער זייט פונם שופטים-טיש שטייט אין דער

קווער נאָך אַ טיש, ווו ס׳זיצן צוויי אָפיצירן—די רעגירונגס-קאָמיסאַרן. אויף לינקס געפינט זיך נאָך אַ טיש, פאַרנומען פון זעקס ביז אַכט ציווילע לייט, וועלכע זענען אַדוואָקאַטן.

אויף עטלעכע טריט פון טריבונאַל שטייען אויסגעשטעלט שטולן פאַרן פובליקום. אין דער ערשטער רייע זענען געשטאַנען דריי פאָטעלן פאַר מיינע חברים און מיר. אויף די פלעצער פון עולם זענען געזעסן עטלעכע יונגעלייט. אויפן צווייטן העלפט זאַל זענען אויפגעפּרעסט עטלעכע הונדערט מאַן. ס׳רוב פון זיי שטייען, עטלעכע זיצן און איינער איז אויסגעצויגן אויף אַ טראָג-בעטל. דערדאָזיקער שווייגעוודיקער עולם זענען די באַשולדיקטע, וואָס ווערן אָפּגעהיט דורך באַוואָפנטע זעלנער.

אָט צווישן די מויערן קומט פאָר אַ שוידערלעכער פּראָצעס, „דער גרעסטער פּאָליטישער פּראָצעס אין דער וועלט", האָט צו מיר געזאָגט מיט גאַווה איינער פון די שופטים פון קריגס-געריכט. ס׳זענען געווען בערך פינפהונדערט באַשולדיקטע. אַ הונדערט זענען נעלם געוואָרן: געהרגעט אָדער אַנטלאָפן. די באַשולדיקונג ווערט געפירט קעגן 232 אַרעסטירטע.

מיר זענען געקומען פון פּאַריז אויפן ווייטסטן עק פון רומעניע, אין דעם טיפסטן ווינקל פון דער דרום-מזרחדיקער אייראָפּע, כּדי בייצוזיין אויפן פּראָצעס און אים שטודירן.

אין בוקאַרעשט האָבן אַלע מיט אונדז גערעדט וועגן דעמדאָזיקן פּראָצעס, הויפּטזעכלעך די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן אונדז פאַרשפּראָכן צו מאַכן אַלע פאַרלייכטערונגען, כּדי מיר זאָלן זיך קענען פאַרטיפן אין דעמדאָזיקן ענין.

און דעריבער געפינען מיר זיך דאָ, נאָכדעם ווי מיר זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר וויסטע פעלדער פון בעסאַראַביע, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק, גלייך דורך זיי וואָלט זיך דורכגעטראָגן אַ ווינט מיט צרות. נאָך פורגיערן און טאָרעסן, געפינען מיר זיך אויף דער גרויסער געריכטלעכער און פּאָליטישער דראַמע — די גרעסטע ביז איצט אין דער וועלט.

אינדערפרי האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט פאַרן שעף פון 3-טן אַרמיי-קאָרפּוס, פאַרן גענעראַל רודעגאָ, וועלכער האָט

זיך גערן געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע, פאַרזיכערנדיק אונדז אין זיין פּאַטריאָטיזם. מיט דעמזעלבן טאָן פון היציקן פּראָפּעסיאָנעלן גלויבן, האָט ער אָפּגעענטפערט דעם אומגע-הויער אָרנטלעכן קאָסטאַ פּאָרו אויף עטלעכע באַאומרויקנדיקע שאַרפע שאלות, בנוגע דער באַהאַנדלונג פון די בעסאַראַבישע פויערים. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דידאָזיקע סצענע. איך זע נאָך ביז איצט זיין רעדנערישן זשעסט פון אַ מיליטער-שעף. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און געזאָגט, אַז דער רוימער מוציוס סצעוואָלאַ האָט זיך אַמאָל געלאָזט אָפּברענען די האַנט, אַלס קרבן פאַרן פאָטערלאַנד, און ער וואָלט עס גערן געטאָן מיט זיינעביידע הענט. ה׳ קאָסטאַ פּאָרו האָט גאַנץ רויק, אָן שום באַוועגונגען, אויף אים אַ קוק געטאָן און באַמערקט מיט אַ ציטערנדיקע שטימע וועגן דאָס רעכט פון די מאַסן אויף לעבן און וועגן דעם, אַז זייער בלוט איז אויך בלוט.

* *

*

בעת דער אַדוואָקאַט קאַלאָגנאַם, בלאַס און שטאַרק באַאומרויקט, האָט אַנטוויקלט אַ טעזע, וואָס איינער אַ שכן האָט מיר איבערגעזעצט, האָט אַ צווייטער אין דערזעלבער צייט מיר געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז אונדזער קומען אין קריגס-געריכט האָט גורם געווען עטלעכע מאַטעריעלע ענדערונגען: די פּאָטעלן אויף וועלכע מיר זענען געזעסן, האָט מען אינם זעלבן טאָג ספּעציעל פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט; צוליב אונ-דזער קומען האָט מען גוט אויסגעקערט און אויסגעוואַשן דעם זאַל. נאָכמער, די שטולן, וועלכע זענען באַשטימט פאַרן פּובּ-ליקום און וועלכע זענען קענטיק, קיינמאָל נישט באַזעצט, הגם אין פּרינציפּ איז דער אַריינטריט דערלויבט (קיינער וויל נישט אַריינקומען אין דער פאַרחושכטער תּפיסה, וואָס ווערט אָפּגע-היט דורך אַזויפיל באַגנעטן), זענען איצט געווען באַזעצט מיט יונגעלייט. דאָס זענען געווען גימנאַזיסטן — האָט מען מיר

דערציילט — וועלכע מען האָט אָנגעטריבן צוליב אונדזער באַזוך. ענדלעך, דער וויכטיקסטער פּרט איז געווען דער, וואָס מען האָט אַהערגעבראַכט צום ערשטן מאָל אַלע זאַכלעכע באַווייזן: אַ גאַנצער שטויס פּלי-זין איז געווען אָנגעלייגט פאַרן טריבונאַל. ביז איצט האָט מען אין קאַסטנס באַוויזן אַ טייל פון דעמדאָזיקן אַרסענאַל. מען פלעגט זאָגן: די גאַנצע וואָפן איז נאָך נישט אָנגעקומען".

וויאַזוי מען אַנעקסירט אַ לאַנד

אין דעמדאָזיקן באַריכט, ווו איך היט מיך ווי פאַר אַ חלול הקודש, נישט אַריינצופירן די קינסטלעכע ליטעראַטור, וויל איך זאָגן ווי די אַלטע ראָמאַניסטן: איצט לאָמיר זיך איבערטראָגן אַביסל אויף צוריק...

כּדי בעסער צו באַגרייפן דעם גאַנצן פּראָצעס פונם פויערים-אויפשטאַנד אין טאַטאַר-בונאַר, אַן אַקציע, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע חדשים און די לעצטע סצענעס האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אונדזערע אויגן, דאַרפן מיר זיך אַריבערטראָגן צו די גרויסע שורות פון דער בעסאַראַבישער געשיכטע, אָנהייבנדיק פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער רומענישער אַנעקסיע.

בעסאַראַביע איז אַ גרויסע געגנט צווישן די טייכן פּרוט און דניעסטער, וועלכע טיילן זיך אָפּ פון אוקראַינע. פאַר דער מלחמה איז זי, זינט הונדערט יאָר, געווען אַ טייל פון דער רוסישער מלוכה. ס'איז הויפּטזעכלעך אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער שטח. אַ צענטל פונם שניט אין רוסלאַנד איז געווען פאַררעכנט אויפן חשבון פון בעסאַראַביע. זי איז גרעסער פון דער שווייץ; און אין 1915 האָבן זיך דאָרט געציילט 2.686.000 איינוווינער, דאַרונטער 50 פּראָצ. מאָלדאַוואַנער, 19 פּראָצענט אוקראַינער, 11 פּראָצ. יידן, 8 פּראָצ. גרויסרוסן און צווישן די איבעריקע זענען געווען בולגאַרן, דייטשן, פּאָליאַקן א.אַ.וו. בעסאַראַביע האָט שטאַרק געליטן פון צאַריסטישן יאָך, הגם די

לאַנדווירטשאַפט האָט קנאַפּ געליטן. די רדיפות און די מיסברויכונגען פון דער צאַריסטישער הערשאַפט, האָבן אַרויסגערופן אַ מאָלדאַווישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין 1927, בעת דער טראָן פון צאַר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אין רומעניע אָנגעהייבן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע — מען זאָל פאַרייניקן בעסאַראַביע מיט רומעניע. רומעניע האָט געהאַט אַ גרויסן אַפּעטיט צו דערדאָזיקער פּראָווינץ און האָט אַרויסגערוקט היסטאָרישע רעכט און פאַרשידענע עטנאָגראַפישע תּביעות.

אַ וואָרף מיטן אויג אין די געהיימע אַרכיוון

איבער דער טעטיקייט פון דערדאָזיקער פּראָ-רומענישער און אַנטי-רוסישער אַגיטאַציע, אָנגעפירט דורך געהיימע אַגענטן, האָבן מיר פּינקטלעכע ידיעות, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט, אַרויסבאַקומענדיק זיי פון געהיימע אַרכיוון. דידאָזיקע ידיעות האָבן באַלויכטן די הינטער-קוליסן פון דער מאָדערנער געשיכטע. קריסטיאַן ראַקאָווסקי, איצט רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז, וועלכער איז פון באַלקאַנישער אָפּשטאַמונג און איז באַזונדערס באַהאַוונט אין די פראַגן פון דער באַלקאַנישער איבערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, האָט געהאַט פעסטע דאָקומענטאַלע באַווייזן בנוגע דעמדאָזיקן פּעריאָד. איך ברענג דאָ אָן אויסצוג פון זיינע אויספירלעכע רעוועלאַציעס:

„נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, בעת רומעניע איז שוין געווען זיכער אינם נצחון פון די צענטראַלע מלוכות, האָט זי שוין אָנגעהייבן צו מאַכן פּראַקטישע הכנות, כּדי צו אַנעקסירן בעסאַראַביע.

„די רוסישע פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט באַקומען אינפאָרמאַציעס, אַז די רומענער האָבן בשעתו אָנגענומען שריט זיך צו פאַרייניקן מיט דייטשלאַנד.

„אַלזאָ, נאָך דער עוואַקואַציע פון בוקאַרעשט האָבן, צוליב

דעם צוועק, אַלע אָנפירער פון גערמאַנאָפילישן לאַגער, מיט דער הסכמה פון בראַטיאַנו, פאַרבליבן אין רומעניע. ספּעציעלע אַגענטן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רומעניע קיין בעסאַראַביע, כדי דורכצופירן דאָרט אַ רומענישע פּראָפּאַגאַנדע.

„נאָך אין יוני 1917, האָט דער אינערן-מיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, ה׳ טערעשטשענקאָ, געמאַכט אַן אָנפראַגע ביים רוסישן אַמבּאַסאַדאָר אין יאַסי, ער זאָל אים געבן גענויע ידיעות אין באַצוג צו עטלעכע רומענישע פּאַרטיי-לייט, וואָס אָרגאַניזירן אין בעסאַראַביע אַן אַנטי-רוסישע אַגיטאַציע.

„אין דער געשיכטע פון דידאָזיקע אינטריגעס האָט זיך אַרויסגערוקט איינער אַן אַוואַנטוריסט קאַטאַרעו, אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער רומענישער אַגיטאַציע אין בעסאַראַביע, וועמען ס׳איז דערנאָך געלונגען צו ווערן קאָמענדאַנט איבערן קישיניעווער גאַרניזאָן.

„די רומענישע מאַכט איז שוין אפילו געווען גרייט צו שיסן דעמדאָזיקן טיפּ, כדי צו פאַררייבן יעדן שפּור פון זיין אויפפירונג אין בעסאַראַביע. אָבער אין בראַטיאַנוס אַרכיוון געפינען זיך אַ סך וויכטיקע ידיעות בנוגע דעמדאָזיקן קאַטאַרעו.

„אגב דערוויסט מען זיך דאָרט, אַז קאַטאַרעו, דער רוסישער דעזערטיר, איז געווען אַן אַגענט פון דער רומענישער מלוכה-שוץ, אַז נאָך אין 1913 האָט ער לויטן באַפעל פון דער רומענישער רעגירונג, אויסגעפירט אַנאַרכיסטישע אַטענטאַטן אין אונגאַרן, און אַז צווישן זיינע צאָלרייכע קרבנות געפינט זיך דער בישאָף פון דעברעטשין.

„פאָטאָגראַפיעס פון דידאָזיקע דאָקומענטן זענען געבראַכט געוואָרן אין אוקראַינישן „רויטן בוך”, וואָס איז דערשינען אויף פראַנצויזיש, מיטן נאָמען „סאָוועטישע אוקראַינע”.

„מיר געפינען דאָרט אויך אַ בריוו, וואָס דער ה׳ לאַהאָוואַרי, דעמאָלט רומענישער פאָרשטייער אין פראַנקרייך, האָט געשיקט פון פּאַריז. ה׳ לאַהאָוואַרי האָט געגעבן בראַטיאַנון אַן

אויספירלעכן באַריכט וועגן אַ יורידישער קאָנזולטאַציע פון פראַנצויזישע יוריסטן, וויאַזוי בראַטיאַנו וועט זיך קענען אַרויס־פלאָנטערן פון זיין פאַרלעגנהייט, אין פאַל, אויב קאַטאַרעו וועט אַרעסטירט ווערן דורך אונגאַרישע אַגענטן. (ה׳ בראַטיאַנו האָט צוגעזאָגט דעם עסטרייך־אונגאַרישן אַמבאַסאַדאָר אין בו־קאַרעשט, דעם ה׳ טשערנין, ער זאָל נישט שטערן צו אַרע־סטירן קאַטאַרעון דורך די אַגענטן פון דער אונגאַרישער מלוכה־שוץ)״.

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען דעמדאָזיקן אויסצוג, נישט אָננעמענדיק קיין שום שטעלונג בנוגע די רעכט פון רוסלאַנד אָדער פון רומעניע אויף בעסאַראַביע. דער וויכוח איבער דערדאָזיקער פראַגע האָט דאָ נישט קיין דירעקטע שייכות. אָבער כדי בעסער צו באַגרייפן דעם גאַנצן פראָצעס, דאַרפן מיר דאָ ברענגען אַלע עלעמענטן, באַזונדערס אַלע פלענער, וואָס האָבן צו אים אַ שייכות. נאָכמער, מען דאַרף אויפקלערן די איינצלנע פערזאָנען פון די ברייטע מאַסן, וועלכע גלויבן באמונה שלמה אין די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס און גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וועגן די מיטלען, וואָס די אויסערלעך־חשובע רעגירונגען האָבן די העזה צו באַנוצן — אָט דיזעלבע רעגירונגען, וועלכע רעדן תמיד פאַרן פאָלק וועגן פעלקער־פרייהייט, וועגן גערעכטיקייט און יושר.

אַ פאַרזאַמלונג אויף געגעראַלן

בעת די דייטשע אָקופּאַציע אין אוקראַניע האָט אָפּגע־טיילט רוסלאַנד פון בעסאַראַביע, האָט בעסאַראַביע ממילא באַ־קומען אויטאָנאָמיע־רעכט. די פאַרוואַלטונג איז געלעגן אין די הענט פון אַ מין נאַציאָנאַל־ראַט: דער ספאַטול־טסערי.

דידאָזיקע פאַרזאַמלונג, אַרונטערפאַלנדיק אונטער פאַר־שידענע איינפלוסן, האָט אָנגענומען אַזאַ שטעלונג, איבער וועל־כער דער אומפּאַרטייאישער און אָביעקטיווער היסטאָריקער וועט צרויסטראָגן אַן אויסטערלישן אורטייל און וועט געוויס זאָגן,

אַז זי האָט פאַרראַטן די אינטערעסן פון בעסאַראַביע. צו־ערשט האָט זי פּראָקלאַמירט אויטאָנאָמע רעכט פאַר דער „מאָל־דאַוואַנישער רעפּובליק" אונטער דער פאָרם פון אַ סאָוועטן־רעפּובליק. נאָכדעם האָט דיזעלבע ספאַטול־טסערי געשטימט פאַר דער אָנבינדונג פון דער מאָלדאַוואַנישער רעפּובליק צו רומעניע, אונטער געוויסע באַדינגונגען און אויטאָנאָמישע גאַ־ראַנטיעס. שפּעטער, איינמאָל אויף אַ נאַכט־זיצונג האָט זי אומ־געריכט באַשלאָסן, — אונטערן דרוק פון רומענישן מיליטאַריזם — אָנצוקניפּן בעסאַראַביע צו רומעניע אָן שום באַדינגונגען, און דערמיט איז די פראַגע געוואָרן דערליידיקט.

די רומענישע אַרמיי איז אָנגעקומען. צוליב וואָס? „כדי אָפּצוהיטן די אייזנבאַנען, און די רומענישע גענעראַלן האָבן פאַרזיכערט די באַפעלקערונג אין פאַרשידענע צביעותדיקע אויפרופן, אַז די רומענישע זעלנער זענען נישט געקומען אָפּשוואַכן די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד. „אונדז האָט געבראַכט אַהער דער קריסטלעכער חוב פון פאַרטיידיקונג, — האָט דערקלערט דער גענעראַל סקינאַ אין שטעט און אין דערפער. אָבער ער האָט, צום באַדויערן, פעסטגעשטעלט, אַז ס'רוב מענטשן האָבן נישט געגלויבט אין זיין „פּאַציפיסטישער שליחות", וואָס האָט פאַרשפּראָכן פרייהייט, גלייכקייט, און ברידערלעכקייט".

דערזעלבער גענעראַל סקינאַ האָט זיך פאַררופן אויף דער רוסישער רעוואָלוציע: „אין נאָמען פון אונדזער הייליקער אָר־טאָדאָקסישער רעליגיע, אין נאָמען פון פרייהייט, אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַרטריבן די אויטאָקראַטיע, אייער אכזריותדיקן דורותדיקן אונטערדריקער, פאַרשווער איך אייך, איר זאָלט נישט הערן די פאַרברעכער, וועלכע פירן אייך צום אונטערגאַנג".

דידאָזיקע מעלדונג איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אויף אַלע ווענט, אויף די הוצאות פון דער מיליטערישער מאַכט.

„מיר זענען אַהערגעקומען בלויז צו פאַרהיטן אונדזערע פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען און די אייזנבאַנען. מיר ווילן זיך לגמרי נישט מישן אין די אינערלעכע ענינים פון אייער לאַנד. זיי

האָבן צוגעגעבן, אַז ווי נאָר זייער מיסיע פון אַפּוטרופּסיב
וועט זיך ענדיקן, פאַרלאָזן זיי תיכּף דאָס לאַנד און חוצ-
דעם גאַראַנטירט פראַנקרייך דערפאַר.

דידאָזיקע ווערטער און דידאָזיקע אויפרופן, וועלכע מען
האָט פאַרהיט ביז היינטיקן טאָג, זענען אין אַ ציניש וידער-
שפּרוך מיט דעם אַלעם, וואָס ס'האָט פּאַסירט תיכּף נאָכן אָנקום
פונם רומענישן מיליטער. די זעלנער האָבן פאַרנומען דעם
לאָקאַל פון דער ספאַטול-טסערי און אַעראָפּלאַנען זענען אַרום-
געפלויגן איבער קישינעוו. דעם 25 נאָוועמבער 1918, 5 אַזייגער
אינדערפרי האָט דער פּרעזידענט האַליפּאַ, פאַר 46 דעפּוטאַטן
פון 200, געלייענט דעם דעקרעט פון אַנעקסיע און געמאָלדן,
אַז ער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. מען האָט קיינעם
נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. נאָכדעם איז דער גענעראַל
וואיטאָיאַנו געקומען אין קייזערס נאָמען און איבערגעלייענט
אַ דעקרעט, אַז די ספאַטול-טסערי ווערט פאַנאַנדערגעלאָזן.

דידאָזיקע פאַקטן קענען נישט ווערן אָפּגעלייקנט. זיי
זענען פאַרצייכנט געוואָרן אינם פּראָטעסט, וואָס אַ גרויסע צאָל
פון די מיטגלידער פון דער ספאַטול-טסערי האָבן אַרויסגעלאָזט,
ווען זיי האָבן זיך אַרומגעזען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

איבעריקנס, אינם פינפטן יאָרטאָג פון דער בעסאַראַבי-
שער אַנעקסיע צו רומעניע, האָט דער ה' מאַרגילאָמאַן, וועל-
כער איז געווען פאָרזיצער פונם ראַט אין 1918 יאָר, פאַרמעל
געמאָלדן: אַז ער האָט געמוזט באַנוצן דראָונגען און גוואַלד-
טאַטן, כדי צו צווינגען די אָנפירער פון דער ספאַטול-טסערי—
זיי זאָלן מסכּים זיין אויף דער אַנעקסיע פון בעסאַראַביע.

כּדי צו פאַרענדיקן די געשיכטע מיט דערדאָזיקער
אַנעקסיע, דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די ספאַטול-טסערי איז
נישט געווען באַרעכטיקט צו אַנטשליסן דעם גורל פון בע-
סאַראַביע, ווייל זי איז נישט באַשטימט געוואָרן דורך אַלגע-
מיינע וואַלן און זי איז געווען בלויז אַ פּראָוויזאָרישע פאַר-
זאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן די מאָלדאַווישע רע-
פּובליק, וואַרטנדיק אויף אַ קאָנסטיטואַנטע און אויף אַ

קאָנסטיטוציע. זי האָט אַליין פּייערלעך געמאָלדן, אַז נישט זי קען דעצידירן דעם גורל פון דער רעפּובליק, אַז אַזאַ מין באַשלוס קען אָנגענומען ווערן דורך אַ רעפערענדום. דאָס האָט געקאָנט זיין דער איינציקער אויסוועג אין אַזעלכע פאַלן. מען האָט זיך גאָרנישט אָנגעפרעגט ביי דער באַפעלקערונג. אַ סך האָט מען אַרעסטירט און געוהרגעט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט די העזה אַרויסצושטעלן אַזעלכע פאָדערונגען.

די רומענישע אַרמיי האָט פאַרנומען די רוסישע פּראָווינץ. די אַנעקסיע איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דער הסכמה פון דער אַנטאַנט, וועלכע האָט איינגעוויליקט, אַז רומעניע זאָל דידאָזיקע פּראָווינץ צונעמען פאַר זיך. די באַדינגונגען פון דערדאָזיקער אַנעקסיע זענען קעגן די מענטשלעכע רעכט, היות די פאַרבינדעטע זענען אין יענער צייט נישט געווען אין קריגס-צושטאַנד מיט רוסלאַנד. דידאָזיקע אַנעקסיע איז נאָך גרויסע שוועריקייטן באַשטעטיקט געוואָרן דורך ענגלאַנד און פראַנקרייך אין 1920. אָבער ביז איצט האָט נאָך איטאַליע און יאַפּאַן נישט ראַטיפיצירט דעמדאָזיקן קאָנפיסקאַציע-אַקט. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, זענען דאָ אין רומעניע אַ סך פּאָליטיקער, אפילו צווישן די אַנעקסיע-אָנהענגער, וועלכע האַלטן, אַז הגם בעסאַראַביע איז אַן עטנאָגראַפישע טייל פון רומעניען, אָבער די גאַנצע אויפפירונג איז אַ פאַלשע, כל-זמן רוסלאַנד אַליין האָט דערויף נישט מסכים געווען. די פראַגע הענגט אינדערלופטן לויטן שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט.

אַן אינוואַזיע-אָקופּאַציע

ווי ס'זאָל נישט זיין, אָבער מען מוז פעסטשטעלן, אַז מיט דער רומענישער אָקופּאַציע האָט זיך אין בעסאַראַביע אָנגעהייבן אַ תקופה פון ליידן און נויט.

צוערשט די עקזעקוציעס. דעם 21 יאַנואר איז אין קישינעוו פאַרגעקומען אַ קאָנגרעס פון די פאַן־בעסאַראַבישע פּויערים. פון דער ערשטער זיצונג אָן האָט דער קאָנגרעס פּראָטעסטירט

קעגן דער רומענישער אָקופּאַציע. דער גענעראַל בראַשטיאַנו האָט אַרעסטירט און תּיכּף געהייסן שיסן דעם פאָרזיצער פונם קאָנגרעס, דעם פויער רודיצוו. אויפצומאָרגנס זענען אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן: טשומאַטשענקאָ — דער וויצע-סעקרעטאַר פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אַמט ביי דער בעסאַראַבישער רעפּובליק, פּראַכניטסקי — דער וויצע-סעקרעטאַר פון קריגס-אַמט, פאַנציר און קאַטאַראָס — אויך מיטגלידער פון דער רעגירונג. זיי זענען אַלע געווען אין פּרעזידיום אויפן פויערים-קאָנגרעס.

די צייטונג פון דער רומענישער רעגירונג „וויאיטאָרול", ברענגענדיק דיזאָזיקע פאַקטן, האָט געזאָגט, אַז די דערשאָסענע האָבן פאַרדינט זייער שטראָף, היות זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָנקום פונם רומענישן מיליטער.

די רומענישע מיליטערישע מאַכט האָט געצוווּנגען די אַרמיי פון דער „פרייער אומאָפּהענגיקער מאָלדאַווישער רעפּובליק" אָפּצוגעבן אַ שבועה פון טרייקייט דעם רומענישן מלך. זעכצן מאָלדאַווישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן, זענען תּיכּף דערשאָסן געוואָרן.

די טעריטאָריאַלע פאַרגרעסערונג פון רומעניע האָט באַדייט, אַז די פּלוטאָקראַטיע און דער מיליטאַריזם האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין רומעניע. דאָס אַנעקסירטע לאַנד איז געוואָרן באַהאַנדלט ווי אַ באַזיגט לאַנד, פונוואַנען מען האָט תּיכּף געדאַרפט אַרויסשלעפּן ריווח. דער מצב פון דער באַפעלקערונג איז געוואָרן זייער קריטיש. צוליב אָרעמקייט און אומאָרדענונג — אַ פועל-יוצא פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע, צוליב דעם, וואָס מען האָט בעסאַראַביע אָפּגעשניטן פון אָדעסער קאָמערציעלן פּאָרט און פון רוסלאַנד, צוליב די כּסדרדיקע טרוקענישן, וואָס האָבן געפאָדערט שנעלע הילף און צוליב נאָך פאַרשידענע זאַכן, וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך ריידן, איז די באַפעלקערונג דערפירט געוואָרן צו הונגער און נויט. דער בעסאַראַבישער דעפּוטאַט יאַקאָבעסקו האָט געהאַלטן אין רומענישן פּאַרלאַמענט אַ סענסאַציאָנעלע רעדע, אין וועלכער

ער האָט געשילדערט אַ גאַנצע רייע פאַקטן, וויאַזוי פויערים פון איזמאַילער געגנט זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער.

ס׳איז זייער לייכט ביי היינטיקן טאָג פעסטצושטעלן דעם טרויעריקן מצב פון דערדאָזיקער שפעדיקער רייכער פראָווינץ. 80 פראָצענט פון די פאַרזייטע פעלדער, זענען נישט געאַקערט. אַז מען פאָרט פאַרביי דידאָזיקע שטחים, דאַכט זיך, אַז מען פאָרט אין מדבר, ווו מען זעט דאָ און דאָרט עטלעכע חורבות. די רומענישע מיליטערישע אָקופּאַציע האָט געבראַכט די רעזולטאַטן פון אַן אינוואַזיע. די דענאַציאָנאַליזאַציע — כדי צו באַנוצן אַ באַרבאַרישן אויסדרוק, וואָס די שפּיל פון דער גרויסער וועלט-לעכער פּאָליטיק האָט צום באַדויערן אַריינגעפירט אין אונדזער לעקסיקאָן — איז ווי תמיד געפירט געוואָרן מיט אַכזריות און טעראָר. פונקט ווי שטענדיק האָט מען זיך באַמיט דידאָזיקע פּראָווינץ אַריינצופירן אין שויס פונם „מוטערלאַנד“, כדי אויף אַ ברוטאַלישן אופן פון דאָרט אויסצוראָטן די טראַדיציעס און דעם כאַראַקטער. מען האָט צעשטערט די שולן פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וועגן וועלכע די אָפיציעלע צייטונג „וויאיטאָרול“ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דאָס איז אַ היים פון אירעדענטיזם און באָלשעוויזם“. די צענטראַלע רעגירונג האָט אויפגערעגט אַפילו די טאַטאַרן, וועלכע האָבן אַ שם מיט זייער שטילקייט, האָט אויפגעהייבן קעגן זיך די מאָלדאַווער גייסטלעכע פון בעסאַראַביע, וועלכע האָבן זיי געקענט ברענגען נוצן ביים רומעניזירן די דערפער. דאָ נישט לאַנג האָט מען אַנטדעקט און פאַנאַנדערגעיאָגט אַ קאָנגרעס פון מאָלדאַווער גייסטלעכע, — אַ קאָנגרעס, וועלכער איז כלומרשט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין געהיים. אַ סך פּראָצעסן האָט מען פאַרפירט קעגן גלחים.

דער פויער איז פּאַראַליזירט דורכן עקספּאָרט-אָפּצאָל, פאַראָרעמט פון די נידעריקע לוין-שכירות, רויבירט פון שטייערן און באַראַבעוועט אויף אַ סכום פון עטלעכע הונדעט מיליאָן, ביים אויסטוישן די רוסישע וואַלוטע אויף רומענישער. אַ סך אָנגעזעענע בעסאַראַבישע דאָרפסלייט, אַמאָל פאַרמעגלעך, האָבן

געמוזט פאַרקויפן זייערע איקאָנעס, זייערע טעפיכער און אַפילו זייערע באָדן צו שפאָט ביליקע פרייזן. דער פשוטער פויער פאַרקויפט זיין שאָף און זיין באַלעבאַטישקייט. אין קישיניעוו הערשט אַרבעטסלאָזיקייט און ס׳קומען פאָר כסדרדיקע באַנקראָטן, וואָס דערפירט אָפטמאָל צו זעלבסמאָרד.

די ווילדע מעשים פון דער אַרמיי
און פון דער פאָליציי

פאָליציי און זשאַנדאַמעריע האָבן זיך מאַסנווייז באַזעצט אין לאַנד, וועלכע מוז ענטגילטיק פאַרייניקט ווערן מיט רומעניע. מען האָט געקענט דרייסט זאָגן, אַז אויף יעדע דריי איינוווינער אין בעסאַראַביע איז דאָ איין פאָליציי-אַגענט. אַ גאַנצע סעריע אכזריות און רויבערייען פון רומענישע זשאַנדאַרמען און פאָליציאַנטן האָבן זיך אַראָפגעלאָזט אויף דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך נאָך פון פריער געפונען אין אַ טרויעריקן מצב. מחנות זשאַנדאַרמען האָבן זיך איינגעשטעלט אין יעדן דאָרף. דידאָזיקע לייט באַקומען זייער ווייניק שכירות און דאָס רייצט נאָך מער אויף זייער גייציקייט און אכזריות. זיי ווערן אומעטום אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון די איינוווינער. ס׳זענען געווען אַ סך פאַקטן, ווען די פויערים האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי באַצאָלן פאַר די פראָדוקטן, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן אַוועקגערויבט, האָט מען זיי געהרגעט און דערמיט איז געווען רעגולירט דער חשבון.

אָנהייבנדיק פון די ערשטע חדשים נאָך זייער אָקופאַציע, בעת ס׳איז נאָך נישט געווען קיין רייד וועגן רעפרעסיעס, נאָר וועגן אַ פשוטער פאַציפיסטישער אַנעקסיע, האָט די מיליטערישע מאַכט באַגאַנגען אַזויפיל רשעות פון פאַרשידענע מינים, אַז ס׳איז אוממעגלעך זיי אַלע איבערצוגעבן און מען מוז זיך באַנוגענען מיט עטלעכע ביישפילן.

„מיר האָבן זיך נישט פאַר וועמען צו באַקלאָגן, — שרייבט אין אַ פאַרצווייפלטן אויפרוף אַ גרופע איינוווינער, — מיר

האָבן זיך נישט פאַר וועמען צו באַקלאָגן און, איבעריקנס, איז עס אַן אומזיסטע זאַך. שמייסן — איז געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג. מען שמייסט אויפן אָרט אָן אַ שום פּראָצעס, אָפּהענגיק לויטן „פאַרברעכן" פון פינף ביז הונדערט שמיץ. מען גיט פינפאונצוואַנציק שמיץ יענעם, וועלכער האָט נישט באַגריסט קיין רומענישן אָפיציר. אין סאָראָקי האָט די רומענישע „קאָמענדאַנטור" געצווונגען די איינוווינער, זיי זאָלן טאָג-טעגלעך שפּאַצירן אויף דער הויפּט-גאַס, פון 5 ביז 7 פאַרנאַכט. די, וואָס האָבן נישט געפאָלגט, זענען געוואָרן פאַרהאַלטן און באַשטראָפט. ווייבער און מיידלעך האָבן זיך אויך נישט אַרויסגעדרייט פון זייערע ווילדע שטראָפן, אָבער זיי האָבן ריזיקירט מיט עפּעס מער. איינמאָל, בעת דעם אָפיציעלן שפּאַציר, האָט עפּעס אַ רומענישער דאָן-זשואַן באַמערקט אַ יידיש מיידל, וועלכע איז אים געפעלן געוואָרן. אָבער דאָס מיידל האָט דערלאַנגט אַ גוטע פּאָרציע דעם חוצפהניק. מען האָט זי תיכף פאַרהאַלטן און געשמיסן... אַן אַלטער חשובער ייד, ביי וועמען מען האָט אַרעסטירט דעם זון, איז אַוועק צום קאָמענדאַנט בעטן, מען זאָל זיין זון באַפרייען. ער איז געקומען פּונקט דעמאָלט, ווען מען האָט דאָרט געשיכּורט. דער קאָמענדאַנט האָט אים געהייסן אויסטאָן און מיט אַ בייטש האָט מען אים געצווונגען, ער זאָל טאַנצן אַ נאַקעטער".

קריסטיאַן ראַקאָווסקי האָט געהאַט אַן אָפיציעלן דאָקומענט, מיט אַן אונטערשריפט פון איזמאַילער פּרעפעקט, דומבראַו, דאַטירט דעם 16-טן יוני 1918. אין גאַנצע דריי זייטן באַקלאָגט זיך דער אויסטערלישער פּרעפעקט פאַרן בעסאַראַבישן דירעקטאָר פון אינערלעכע ענינים, אַז מען באַראַבעוועט סיסטעמאַטיש און עפנטלעך די פּויערים, וועלכע קומען פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן אויפן איזמאַילער מאַרק. אָפיצירן און זעלנער כאַפּן צו די פּראָדוקטן און באַצאָלן נישט. דער פּויער, וואָס האָט די העזה צו פּראָטעסטירן, ווערט אויפן אָרט צעממיתט. דער ראַפּאָרט ענדיקט זיך מיט דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטישער מעלדונג: „ווען איך וואָלט געווען קעגן דער אַנעקסיע

פון בעסאַראַביע צו רומעניע, וואָלט איך זיך שטאַרק געפרייט, קוקנדיק ווי די מיליטערישע מאַכט צעשטערט די אידעע פון אַסימילאַציע".

אינם זעלבן 1918 יאָר האָבן זיך געוויסע פערזאָנען מיט שליפעס אויסגעצייכנט מיט זייערע בלוטיקע משוגעתן, וועלכע זענען נאָכדעם געבראַכט געוואָרן אין די צייטונגען. לאָמיר זיך אָפשטעלן אויף די נעמען דימיטריו און איזוואָראַנו.

עטלעכע מאָל האָט מען ציטירט די חוצפהדיקע, אומזיניקע דימיטריוס אויפרופן, בעת ער איז געווען קאָמענדאַנט אין עדינעטץ, אויפן צפון פון בעסאַראַביע. ס'איז כדאי נאָכאַמאָל צו ברענגען אַזאַ מין דאָקומענט פון מיליטערישער מעגאַלאָמאַניע:

„די רומענישע אָפיצירן דאַרפן באַגריסט ווערן דורך דער עדינעטצער באַפעלקערונג אויפן פאָלגנדיקן אופן:

„1* יעדער איינער דאַרף זיך אָפשטעלן, אויסדרייען זיך צום אָפיציר און שנעל, מיט אַ שמייכל אויפן פנים, אַראָפנעמען דעם הוט און פאַרנייגן זיך ביז צו דער ערד.

„2* כדי אויסצולערנען דעם עולם פּינקטלעך צו דערפילן דעמדאָזיקן באַפעל, וועט מען פירן איבער דער שטאָט, אין פאַרשידענע שעהן פון טאָג, מיין קאָמענדאַנטישן קאַשקעט, און אַלע דאַרפן אים באַגריסן, ווי ס'איז אָנגעוויזן אין ערשטן אַרטיקל פון דעמדאָזיקן באַפעל.

דער קאָמענדאַנט פון עדינעטצע: קאַפּיטאַן דימיטריו
דער פּאָליציי-שעף: עלעוועטערעסקו
פאַרן פרעזידענט פון דער אַדמיניסטראַציע: וואָלפּיאַ
פאַרן סעקרעטאַר: (אומלעזבאַר)

שפּילן פון די שעפן

דער קאַפּיטאַן דימיטריו האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט דידאָזיקע אויפרופן. ער האָט אויך געהרגעט. ער האָט

אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן קאָדעקס און, שטיצנדיק זיך אויף אים, האָט ער לויט זיין אייגענער פאַנטאַזיע פאַרביטן טויט-שטראָף אויף שמיץ: פינפאונצוואַנציק, פופציק, זעכציק שמיץ, אָדער ביזוואַנען דער געשמיסענער האָט געחלשט.

וואָס שייך דעם מנוּבל איזוואָראַנו, האָט ער געשאָסן און אַריינגעשליידערט אין דניעסטער בערך פינפהונדערט איינוווינער פון בענדערי און קישיניעוו. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער עפנטלעכער סקאַנדאַל, און מען האָט אים געמוזט אָפּרופן.

דאָס האָט מען אים מסתּם אַרויסגערופן, כּדי אים צו באַלוינען אָדער אים געבן אַ העכערן פּאָסטן, ווייל קיינמאָל ווערן די אָקופּאַציע-פאַרברעכער נישט באַשטראָפט פאַר זייערע אכזריות. אַ רומענישער קריגס-געריכט האָט אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן באַפרייט דעם פּולקאָווניק סטערע, וועלכער האָט אין דעצעמבער 1918 דערהרגעט דעם ה' ראָשאַל, און וועלכער האָט מיט אַ יאָר צוריק דערהרגעט דריי סוחרים פון אָדעס און אַ קליין קינד. דער לעצטער מאָרד איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיטן צוועק צו פאַררייבן די שפּורן פון די דריי סוחרים. זיכער, אַז מען וועט אים נישט באַשטראָפן, האָט דערזעלבער פּולקאָווניק סטערע, צוריקקערנדיק זיך פון יאַגד, דערהרגעט אין די געגנטן פון יאַסי, אַ פּויער, וועלכער האָט אַזוי שנעל נישט אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר זיין אויטאָמאָביל.

קיינער וועט נישט האָבן קיין העזה צו זאָגן, אַז דאָס זענען אויסנאַם-פאַלן. ס'זענען פאָרגעקומען אַ סך ענלעכע פאַלן, און דאָרט ווו זיי זענען פאָרגעקומען, ווייסן אַלע פון זיי.

די זשאַנדאַרמען, וועגן וועלכע איך האָב שוין פריער גערעדט, זענען נישט בעסער פון זייערע מיטהעלפער די אָפּיצירן. דער נאַציאָנאַליסטישער דעפּוטאַט זשאָרנאַ, וועלכער האָט שטאַרק מורא פאַר „אַנקעטעס" פון אויסלענדער, האָט געזאָגט פון דער טריבונע, אַז אין בעסאַראַביע פירט די זשאַנדאַמעריע אַדורך די וואַלן מיט געוואַלד, פאַרגוואַלדיקנדיק די נישט-אָפּיציעלע קאַנדידאַטן. אַ זשאַנדאַרם-אָפיציר פּאָפּעסקו, האָט בעת די לעצטע וואַלן געפּאַטשט דעם ה' האַליפּאַ, דעם עקס-

פּרעזידענט פון ספּאַטול־טסערי. די זשאַנדאַמעריע צעטרייבט די פאַרזאַמלונגען פון דידאָזיקע קאַנדידאַטן, העלפט דער מאַכט צו מאַכן וואַל-ליסטעס און וואַל-צעטלען. און קיינמאָל האָט מען נישט אָנגענומען קיין שום סאַנקציע קעגן די זשאַנדאַרמען, וואָס באַהאַנדלען די פּויערים ווי חיות, וועלכע מען שלאָגט און מען הרגעט.

כּדי צו באַרעכטיקן די אַלע אכזריות, כּדי צו לעגאַלי-זירן די טרויעריקע ווילדע סיסטעם פון זעלנער, וואָס האָבן נישט איבער זיך קיין קאָנטראָל, ווייל מען וויל דורכאויס אָנ-וואַרפן די רומענישע אַסימילאַציע, איז דאָ איין תּירוץ: פאַר-טיידיקונג קעגן באָלשעוויזם. מיט דערדאָזיקער פאָרמולע קען מען אַלץ טאָן און מען טוט אַלץ. דערדאָזיקער לאָזונג איז געוואָרפן געוואָרן דורך דער צייטונג „אַרדעאַלול", אויפצומאָרגנס נאָך דער אַנעקסיע. דער דעפּוטאַט סטערע האָט מיר דערציילט עטלעכע אויפרעגנדיקע פאַקטן. אין קישיניעוו האָט מען אַרע-סטירט אַ לערער און מען האָט אים דערשאָסן; דער מיניס-טער, צו וועלכן מען האָט זיך געווענדעט, האָט באַרעכטיקט דעמדאָזיקן מאָרד מיט די פּאָר פּשוטע ווערטער: „ער איז געווען אַ באָלשעוויק". עטלעכע יונגעלייט, וועלכע מען האָט אין וואַלעדיוואָדאַ באַשולדיקט אין באָלשעוויזם, זענען אָנער-קענט געוואָרן פאַר אומשולדיק, באַפרייט געוואָרן און נאָכדעם האָט מען זיי דאָך דערשאָסן. אַ מיליטערישער פּאַטרול האָט דערשאָסן צוויי זשאַנדאַרמען, ווייל מען האָט זיי אָנגענומען פאַר באָלשעוויקעס. דאָס איז אַ לייכטער פאַרברעכן, ווייל די כּוונה איז געווען אַ גוטע.

דידאָזיקע מאַגישע באַשולדיקונג אין באָלשעוויזם, ווערט אויסגענוצט צוליב פאַרשידענע נקמה-צוועקן. מען פאַרמאַסרט דעם שונא אָדער דעם מלווה, זאָגנדיק, אַז ער איז אַ באָל-שעוויק. דאָס איז געוויינ, מען זאָל אים אַרעסטירן און אַראָפּ-רוימען אים פון וועג. אָט איז אַזאַ מין פאַקט: באַזאַלענו, פאָרזיצער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו אין די געגנטן פון אַקערמאַן, האָט זיך אויף אַזאַ אופן באַפרייט פון זיבן פּויערים, וועלכע

האָבן ביי אים געפֿאָדערט 35.500 לעי, וואָס ער האָט אַוועק־געגנבעט פֿון קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אַזוי געזאָגט: דאָס זענען באָלשעוויקעס. מען האָט זיי אַרעסטירט, אַוועקגעפֿירט און אויפֿן אָרט דערשאָסן. איינער פֿון זיי, פּילאַטאָוו, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז טויט, נאָכדעם אַוועקגעשלעפּט זיך קיין בוקאַרעשט, ווו ער האָט דערפֿון געמאָלדן אין קאָמיטעט פֿון דער פּויערים־פּאַרטיי. די דאָזיקע געשיכטע איז אויפֿגעדעקט געוואָרן דורך דער פּרעסע, אָבער די רעגירונג, וועלכע קען זיך באַהערשן אין אַזעלכע פֿאַלן, האָט געמאָלדן, אַז דער דאָזיקער פּילאַטאָוו העצט אונטער די פּויערים, כּדי אַרויסצורופֿן אויפֿשטאַנדן, און מען האָט אים טאַקי תּיכּף אַרעסטירט. הגם ער איז געווען שטאַרק פֿאַרוווּנדעט, האָט מען אים דאָך אַוועק־געפֿירט קיין בעסאַראַביע, און פֿון דעמאָלט אָן איז ער פֿאַר־שוווּנדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין.

די רומענישע באַאַמטע פֿאַרשטענדיקן זיך זייער גוט מיט די אָפֿיצירן, זשאַנדאַרמען און מיט די סיגוראַנצאַ־אַגענטן און זיי האָבן שטאַרק מיסברויכט מיט די רעכט, וואָס דער באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד האָט זיי געגעבן. דאָס אָנערקענען אַלע, אַפֿילו די, וואָס שטיצן די איצטיקע רעגירונג, אַז די רומענישע באַ־אַמטע זענען פֿאַרקויפֿטע נפֿשות און נעמען כּאַבאַר. זיי זענען געוואָרן אַ שם־דבר. די שטייער־באַאַמטע, אין דער באַגלייטונג פֿון פּאָליציי־אַגענטן, פֿאָדערן עטלעכע מאָל שטייערן ביי די בעסאַראַבישע פּויערים, און די קוויטונגען, וואָס מען באַווייזט זיי, מעלדן זיי, אַז זיי זענען נישט גילטיק. דער באַאַמטער טוט וואָס ער וויל און ווי ער פֿאַרשטייט. מען באַגעגנט אין די דערפֿער פֿאַרבייפֿאָרן וואָגנס פֿונם שטייער־באַאַמטן, אָנגעלאָדן מיט מעבל, סאַמאָוואַרן, שטוב־מכשירים, אַלץ, וואָס ער האָט געקענט צוכאַפּן אין פֿאַרשידענע הייזער.

אונטער דער צאַריסטישער אָקופּאַציע האָט נישט עקזיס־טירט דידאָזיקע שטענדיקע טייוולאָנישע פֿאַרמישלונג פֿון די באַאַמטע צווישן דער מאַכט און דעם איינוווינער. יעדע שטאָט האָט געהאַט איר מוניציפּאַלע אויטאָנאָמיע, און דער בורגמיסטער,

געווײלט דורך די אײנוווינער, האָט באַשטימט שטײערן. די רומענישע אָקופּאַציע האָט אַלץ געענדערט. אויפצומאָרגנס, תּיכּף נאָך דער אַנעקסיע, זענען די מוניציפּיעלע אָרגאַניזמען געוואָרן אָפּהענגיק דירעקט פון די מיניסטאָרן. וועגן אַלץ האָט דער בורגמײסטער געדאַרפט זיך מײַשב זײַן מיט דער העכערער מאַכט. דער ה׳ סטערע, אַן אָנגעזעענער בעסאַראַבי־שער דעפּוטאַט, וועמען איך האָב שוין פריער געבראַכט פאַר אַן עדות, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק צו מיר אַזוי געזאָגט: אין בעסאַראַביע קאָן די רעגירונג אָדער אירע פאָרשטײער אַלץ טאָן, ווײַל זײ זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך. למשל, דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד, וואָס דאַרף אָנגענומען ווערן דורך אַ געזעץ, באַשטימט אַ פּשוטער פּרעפעקט. ס׳איז גענוג, ער זאָל עס טאָן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער שוץ. אַ מיניסטאָרישער אוקאַז קען פון הײַנט אויף מאָרגן ענדערן דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין לאַנד. נישט דער כּבוד און נישט דאָס לעבן פון די בירגער איז געזיכערט. זײ זאָגן: מען דאַרף שטערן די אַגיטאַציע. אָט דאָס איז דער טראַגישער פאַרכישופטער קרײַז! די אומאָרדענונגען, וואָס די הערשנדיקע מאַכט איז גורם, רופן אַרויס די אַגיטאַציע, וואָס באַפעסטיקט די אומאָרדענונג".

וואָס זאָל טאָן דער אײנוווינער? די וואַלן קומען פאָר, ווי מיר האָבן געזען, נישט נאָר אונטערן אומפאַרשעמטן דרוק פון דער אָפיציעלער מאַכט, נאָר ס׳ווערן געפאַטשקעט די וואַל־צעטלען, געפעלשט די ליסטעס פון די ווײלער און פון די רע־זולטאַטן. ה׳ גרעשעם, דער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „טײמס" האָט, נישט געקוקט אויף זײַנע טענדענצן, געשריבן דידאָזיקע פראַזע: „אין רומעניע ווערן די דעפּוטאַטן באַשטימט דורך דער רעגירונג".

ה׳ לאַהאָוואַרי, דאָ נישט לאַנג אַ פאָרשטײער פון רומעניע אין פאַריז, האָט גענומען פאַר אַן עדות די גרויסע אײראָפּײאישע פרעסע, אַז שלום און ברכה הערשט אין בעסאַראַביע. די גרויסע פרעסע האָט ס׳רוב זיך אונטערגענומען צו פאַרשפרײטן די פאַלשע ידיעות פון דער פּאַנאָראַמע פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין

רומעניע. ליידער די באַווייזן פון די גרויסע זשורנאַלן, וועלכע זענען הויפּטזעכלעך ריזיקע אינסטרומענטן פון מסחר און געלט, האָבן קיין שום ווערט נישט ביי דער איצטיקער צייט, ווייל קיינער גלויבט זיי נישט, אפילו בעת זיי ברענגען אמתע פאַקטן און בעת זיי פאַרטיידיקן די סודות פון גערעכטיקייט. אָבער אַפילו אין דעם פאַל איז דאָ חלוקי-דעות. דער זעלבער גרעשעם, דער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס", וועגן וועלכן איך האָב שוין גע-רעדט, האָט באַזוכט און שטודירט בעסאַראַביע. אַהין האָט אים געשיקט זיין צייטונג, כדי ער זאָל פון רומעניע מאַכן אַ גאַנצן פּאַנעגיריק און ס'זאָל צוקומען נאָך אַ שטים צום קאָנצערט פון לויב-געזאַנגען. אָבער זיין געוויסן פון אַ מענטש האָט זיך צע-בונטעוועט. און ער פאַשפּרייט דאָס, וואָס ער האָט געזען אויף אַזאַ אופן: „אַן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און גרויס אויפרעגונג צווישן די רומענישע איינוווינער גופא". לויט די ידיעות, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אויפן אָרט, קומט ער צום באַשלוס: „אַז בעת בעסאַראַביע איז געווען אַ טייל פון רוסלאַנד, איז דאָס לעבן געווען אַ סך לייכטער ווי היינט; אַז די רומענישע רעגירונג איז אומפעיק אָנצופירן מיט דערדאָזיקער פּראָווינץ; אַז די אַדמיניסטראַציע איז דאָרט ברוטאַל און איבערגעפּירט; אַז אינם עקאָנאָמישן לעבן הערשט אַ פולשטענדיקע דעזאָרגאַניזאַציע און אַז רומעניע איז אפילו נישט געווען ביכולת צו פאַרריכטן די בריקן, צע-שטערטע בעת דער מלחמה".

נישט קיין רעפאָרם, נאָר אַ טעאַטראַלע קאָמעדיע

די באַרימטע אַגראַרע רעפאָרם, אַרום וועלכער ס'האָט זיך אַזויפיל געטומלט, האָט נישט נאָר נישט פאַרבעסערט די טרויעריקע סיטואַציע פון בעסאַראַבישן פויער, נאָר אדרבה, פאַרערגערט זיין לאַגע צוליב דער דעמאָקראַטישער קאָמעדיע, וואָס ס'איז דאָ געוואָרן אָפּגעשפּילט. די אַגראַרע רעפאָרם איז

באַשטאַנען דעריק, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן די פּריצים דעם באָדן, וועלכן די פּויערים האָבן זיך פאַראייגנט בעתן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד און מען האָט די פּריצים באַצאָלט אַנטשעדיקונג. די גרויס פון דער אַנטשעדיקונג האָבן זיי זיך אַליין באַשטימט און דאָס איז געגאַנגען אויפן פּויערס חשבון, וואָס מען האָט ביי אים אויפגעמאָנט דורך פאַרשידענע שטייערן. די צעשטערטע בנינים פון די גרויסע גוט-באַזיצער האָט מען צוריק אויפגעבויט מיטן שווייס פון די פּויערים, וועלכע זשאַנדאַרמען האָבן געצוווּנגען צו אַרבעטן מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט.

לויט דער אַגראַרער רעפאָרם, האָבן די גרויסע נחלות געדאַרפט ווערן רעקווידירט דורך דער מלוכה און צעטיילט צווישן די פּויערים, וואָס באַזיצן נישט קיין ערד. אָבער די דאָזיקע צעטיילונג איז געמאַכט געוואָרן בלויז אין פּאָליטישן גייסט. ערד האָבן ס'רוב באַקומען אָפיצירן, זשאַנדאַרמען, באַאַמטע. אַ גרויסע אומגערעכטיקייט איז אָפּגעטאָן געוואָרן די, וואָס האָבן רעכט צו דער ערד, ווייל זיי באַאַרבעטן זי. אַ בעסאַראַבישער דעפּוטאַט, ה' מאַקאָבעסקו, האָט בעת זיינער אַ רעדע אין פּאַרלאַמענט דעם 26 מאַי 1925, אַזוי געזאָגט: בלויז אין די סביבות פון אַקערמאַן האָבן 52 רומענישע אָפיצירן באַקומען ערד.

די פּויערים, וועלכע האָבן זוכה געווען צו באַקומען ערד, האָבן זיי פאַר איר געמוזט באַצאָלן טייערגעלט. די בעסאַראַבישע פּויערים פאַרלאַנגען פון דער מלוכה 2000 לעי פאַר אַ העקטאַר אַרענדע-געלט און די מלוכה וויל מער נישט צאָלן ווי 150 לעי. די הלוואות, וועלכע מען האָט געדאַרפט פאַנאַנדערלייגן אויף פערציק יאָר, האָט מען געהייסן באַצאָלן אין אַ משך פון עטלעכע חדשים. די מלוכה האָט רעקווירירט וועלדער. אויף צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו האַקן וועלדער, האָט מען געדאַרפט צאָלן. אַזאַ מין פירונג האָט גורם געווען פאַרשידענע מיסברויכן.

בלויז די דייטשע קאָלאָניסטן אין בעסאַראַביע זענען

די העפטקער 13*

פריווילעגירט. די רומענישע רעגירונג האָט געוואָלט נושא חן זיין אין גענעראַל מאַקענזענס אויגן, האָט מען אויף זיי נישט אָנגעווענדעט דאָס געזעץ פון דער אַגראַרער עקספּראָפּריאַציע, און זיי זענען פאַרבליבן ביי זייער ערד. דעריבער זענען זיי מיט לייב און זעל איבערגעגעבן דער צענטראַלער מאַכט און האָבן גערן אַרויסגעטראָטן קעגן די בעסאַראַבישע פויערים בעת די רעפּרעסיעס. מיט איין וואָרט, פונקט ווי אין טראַנסילוואַניע, אַזוי אויך אין בעסאַראַביע, גייען די גרויסע נחלות איבער אין די הענט פון די פריצים. די פויערישע פּאַרטיי האָט דידאָזיקע אַגראַרע רעפאָרם געמוזט אַריינגעמען צוריק איז די ראַמען פון איר פּראָגראַם.

* * *

ס׳איז גאָר קיין וווּנדער נישט, אַז אַזאַ מין פירונג האָט אַרויסגערופן טיילווייזע אויפשטאַנדן. אדרבה, ס׳איז אַ וווּנדער, וואָס ס׳זענען נישט פאָרגעקומען קיין גרעסערע בונטן, — האָט צו מיר געזאָגט ה׳ סטערע, וועלכער האָט מיר באַשריבן די ווילדע שנאה פון די רעסעשעס, פון דידאָזיקע אָנגעזעענע „תמיד פרייע״ פויערים, וועלכע מען האָט געשלאָגן מיט רי־מענס, מיט שטעקנס און וועלכע האָבן תמיד אַרום זיך געזען די תליה. דערפירט צו דער העכסטער מדרגה פון פאַרצווייפ־לונג, פלעגן זיי זאָגן: „איך מוז ווערן אַ שעף פון אַ באַנדע!״ אין יאַנואַר 1919, אין צוויי חדשים נאָך דער אָקופּאַציע פון כאָטין, בעת די געגנט האָט געליטן הונגער, און די רעגירונג האָט נישט אָנגענומען קיין מיטלען, — דעמאָלט איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד. דערדאָזיקער אויפשטאַנד איז דער־שטיקט געוואָרן אויף אַ בלוטיקן אופן. אין דאָרף ניעדאָבוטצי זענען פון 600 הייזער פאַרבליבן בלויז 50. דרייהונדערט היי־זער זענען פאַרברענט געוואָרן אין רושקין. אין כאָטין האָט דער שטאָט־קאָמענדאַנט אויפגעזאַמלט די גאַנצע באַפעלקערונג אויף איין אָרט, און דער גאַנצער עולם, אין אַ מספר פון 500

־אַן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ באַטאַליאָן זעלנער, וועלכע האָבן זיי פאַרטיליקט מיט קוילנוואַרפער. אין אַ דאָרף שעאָרוסטי, וואָס ליגט אין וואַלד, האָבן זיך 60 פרויען און קינדער פאַרבאַהאַלטן אין אַ כאַטקע. נאָכדעם ווי די אָפיצירן האָבן פאַרגוואַלדיקט די פרויען, האָט מען דאָס הויז פאַרברענט. די דערפער: באָקשינאַ, ניעדאָבוטצי, סאַנטשינאַ, נאַליניאַני, קאַפּלעווקאַ און אַ סך אַנדערע, זענען טיילווייז, אָדער פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט וועגן די געשעענישן פון כאָטינער געגנט, האָט מיטגעטיילט אַזוי: „די באַוועגונג איז איינגעשטילט געוואָרן. זיבן דערפער זענען פולשטענדיק צעשטערט. ס׳זענען דאָ 500 געהרגעטע״. דערדאָזיקער קאָמוניקאַט ענדיקט זיך מיט דער פאָלגנדיקער מעלדונג: „די נקמה פון אונדזער מיליטער איז אין גאַנג״. די צאָל פון די דערהרגעטע פויערים צוליבן אויפשטאַנד אין כאָטין דערגרייכט אַריבער 11.000.

מיר באַזיצן אַ דאָקומענט, וועלכער איז פובליקירט און אָפט ציטירט געוואָרן און וועלכער וואַרפט אַ ליכט אויף די הויפט-סיבות פון כאָטינער אויפשטאַנד. דאָס איז אַ ראַפּאָרט פון א מיטגליד פון דער ענגלישער מיסיע, פונם שיפס-לייטענאַנט מאַק לאַרען.

דער ראַפּאָרט פון מאַק לאַרען באַציט זיך אויף עטלעכע דערפער, הויפטזעכלעך אויף ניעדאָבוטצי, וווהין אַ רומענישע מיליטערישע אָפּטיילונג איז אָנגעקומען דעם 10 יאַנואַר 1919.

צוערשט האָבן די רומענישע זעלנער אונטערגעצונדן אַכט הייזער, אין פאַרשידענע פונקטן פון דער שטאָט. מען האָט פאַרווערט די איינוווינער צו געבן הילף די אומגליקלעכע.

אין דערזעלבער צייט האָבן די זעלנער אָנגעהייבן ראַבעווען געלט, קליידער און אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי האָבן אויפן אָרט דערשאָסן 53 פויערים, וועמענס ליסטע עס ליגט אין פּראָטאָקאָל. צווישן זיי געפינען זיך דריי פרויען און אַ יינגל פון 12 יאָר. חוצדעם האָט מען עטלעכע פויערים

און צוויי פרויען פאַרווונדעט. די מיליטער-לייט האָבן געלאָזט אין גאַנג הייס און קאַלט געווער. אין די דערפער סטאַווטשאַני, נאַליניאַני, שעאָרוטצי א. אז. וו. זענען פאָרגעקומען מאַסן-הריגות און שריפות.

אין פּראָטאָקאָל זענען פאַרצייכנט עטלעכע ווילדע מעשים, וועלכע זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין ניעדאָבוטצי. ביי דער פאַמיליע באַטאַמאַניוק האָט מען געהרגעט אַ מוטער, אַ יונג מיידל פון 20 יאָר, אַ יינגל פון 12 יאָר און אַ מיידל פון 15 יאָר האָט מען פאַרווונדעט. אַ יינגל מיטן נאָמען ניקאָלאַס באַטאַמאַניוק האָט מען אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף און דאָרט דערשאָסן. איליאַ באַטאַמאַניוק, וועלכער האָט געגעבן די זעלנער 50 רובל און דערמיט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן, איז אויפצומאָרגנס אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויפן הויף און מען האָט אים אַזוי צעהאַקט מיט די שווערדן, אַז מען האָט געמוזט אין אַ זאַק אויפקלייבן זיינע אַלע גלידער, כדי אים צו קענען באַגראָבן. טערענטין סטאַרטשוק, 54 יאָר אַלט, האָט באַקומען אַ קויל אין בויך אַריין, בעת ער האָט אויפגעעפנט די טיר פאַר די זעלנער, וועלכע האָבן פון הויף געשאָסן אין זיין כאַטע. וואַסילי סאָלפראָניאַק, 56 יאָר אַלט, איז דערשטאָכן געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן די זעלנער זיינע 40 רובל, וואָס זיי האָבן פון אים געפאָדערט. ניקיטאַ זאַנקאָווסקי איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויף דער גאַס און דאָרט אונטער אַ בוים האָט מען אים דערשטאָכן מיט אַ באַגנעט אין דער קעגנוואַרט פון זיין פרוי, נישט געקוקט אויף אירע בקשות און אויף די געוויינען פון זיינע קינדער.

צו די צרות אַ צושפּיל

די בעסאַראַבישע סטודענטן אין ווין האָבן אָנגעשריבן אַ מעמאָראַנדום בנוגע די געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום אויפשטאַנד אין די סביבות פון כאָטין. אָט זענען עטלעכע שטעלן פון דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום:

„די דריטע קאָמפּאַניע פונם רומענישן 8-טן אינפאַנטעריע-רעגימענט האָט דעם 25 יאַנואַר 1919 איינגעאָרדנט אַ טאַנץ-אָוונט אין אַ קליין שטעטעלע בריטשאַני. דער אָרטיקער קאָמענדאַנט, דער מאַיאָר קאָנסטאַנטינעסקו, דערווּסנדיק זיך, אַז די באַפעלקערונג וויל נישט נעמען קיין אָנטייל אויף דעמדאָזיקן באַל, האָט באַפוילן — מען זאָל מיט געוואַלד ברענגען פרויען און יונגע מיידלעך פון שטאָט. אויפן טאַנץ-אָוונט האָט ער זיי געצוווּנגען צו טאַנצן מיט זעלנער און מיט פּאָליציי־אַגענטן, דראָענדיק זיי מיט אַ קאַנטשיק און מיט אַ רעוואָלווער. די עלטערן זענען געקומען צולויפן און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך געבעטן, מען זאָל אָפּלאָזן זייערע קינדער. אָבער די יונגע מיידלעך האָט מען אַוועקגעפירט אין די אַפּאַרטאַמענטן פון קאַפּיטאַן דימיטרעסקו, אויף סטעפען-טשעלמאַלער גאַס און דאָרט האָבן זיי שיכּורע אונטער-אָפיצירן פאַרגוואַלדיקט. אַ מיידעלע פון 14 יאָר, רייזין, איז אויפצומאָרגנס געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון בלוט-פאַרלוסט; אַ יונג מיידל, אַנאַ קיריליוק, אַכצן יאָר אַלט, ווערנדיק אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישע קרענק, האָט זיך אין אַ וואָך אַרום גענומען דאָס לעבן. דריי איינוווינער פון בריטשאַני זענען אַוועק מיט אַ דעלעגאַציע צום רומענישן קאָמענדאַנט אין כאָטין, כּדי זיך אויף עפּעס פאַר אים באַקלאָגן. מען האָט זיי אַרעסטירט, פאַרפירט קעגן זיי אַ פּראָצעס פאַר איבערטרעטן דאָס געזעץ פון מלוכה-זיכערקייט און מען האָט זיי פאַרמשפּט פון דריי ביז פינף יאָר תּפיסה.

„דעם 28 יאַנואַר האָט מען געפּויקט אין כאָטין, די איינוווינער זאָלן זיך צונויפזאַמלען אין שטאָט-גאָרטן. דאָרט האָט זיך פאַר זייערע אויגן פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד: אַ געוויסער שוסטער, וואַסילי פּילקאָ איז געווען צוגעבונדן צו אַ בוים, דאָס לייב באַגאָסן מיט בלוט, די מלבושים צעפליקט אויף שטיקער. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט גענעראַלן און אָפיצירן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער הויפּט-אָנפירער פון דער אָקופּאַציע-אַרמיי, דער גענעראַל בראָשטיאַנו, דערזעלבער, וועלכער האָט זיך באַרימט, אַז ביים פאַרנעמען

בעסאַראַביע, האָט ער דערטערונקען אַכט טויזנט „באָלשעוויקעס" אין די געגנטן פון סאָראָקי. דאָרט איז אויך געווען דער אָנ-פירער פון דער 4-טער דיוויזיע, דער גענעראַל פּאָפּעסקו. דער לעצטער, האָט מיט דער הילף פון אָפיצירן זיך הויפט-זעכלעך אָנגעזעצט אויפן אומגליקלעכן אַרבעטער, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט מוראדיקע געוואַלדן. מען האָט דעם עולם, וועל-כער איז געווען אויפגערעגט פון דערדאָזיקער אכזריות גע-מאָלדן, אַז פּילקא איז פאַרמשפּט צום טויט פאַר באָלשעוויזם און דער אורטייל דאַרף ווערן אויסגעפירט פאַר די אויגן פון אַלע איינוווינער.

„אינדערמתן איז זיין שולד געווען אַ גאַנץ אַנדערע. מיט צוויי שעה צוריק האָט דער אומגליקלעכער געהאַט די העזה צו זאָגן די זעלנער, אַז זיי האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט צוצונעמען סחורה און נישט באַצאָלן. ווען די אָפיצירן האָבן דערזען, אַז פּילקאָ גייט אויס אונטער זייערע קלעפּ, האָבן זיי אויפגעעפנט אַ פייער אויפן לעבעדיקן ציל-פונקט. יעדער געלונגענער שאָס האָט אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביי די אָפיצירן. דעם אומגליקלעכן האָט מען געפטרט אויפן פינפטן שאָס, וואָס האָט אים געטראָפן אין שטערן. זיין ווייב און זיינע קינדער האָבן זיך צוגעקוקט צו דידאָזיקע שרעק-לעכע עגוים. פּילקאָס קערפּער איז דריי טעג נאָכאַנאַנד גע-בליבן צוגעבונדן צום בוים, כדי ער זאָל דינען אַלס ביי-שפּיל".

דער אויפשטאַנד אין טאַטאַר-בונאַר

נאָכדעם איז געקומען די מעשה טאַטאַר-בונאַר, פון וועלכער עס קומט היינט פאַר דער געריכטלעכער עפּילאָג אין דידאָזיקע באַראַקן.

עם 15-טן און דעם 16-טן סעפּטעמבער 1924 האָבן די פויערים פון אַקערמאַנער און איזמאַילאָווער געגנטן זיך צע-בונטעוועט. דער אויפשטאַנד האָט פאַרכאַפּט אויך טאַטאַר-בונאַר,

די פויערים זײַנען אַרויס מיט רויטע פענער. די זשאַנדאַרמען האָט מען אַנטוואָפּנט און געהרגעט; פּונקט אַזוי איז מען זיך באַגאַנגען מיט דעם דאָרפישן סטאַראָסטע. די איינוווינער פון טאַטאַר-בונאַר מיט די פויערים פון די דערפער עשאַטשינאַ און נערושאַני האָבן פאַרכאַפּט אַן אויטאָ און אַ לאַסט-אויטאָ, וועלכע האָבן געהערט צו איינעם אַ רייכן פאַבריקאַנט. די מאַכט באַשטעטיקט, אַז זיי האָבן געהאַט קוילן-וואַרפער. דער אויפשטאַנד האָט איך פאַרכאַפּט די דערפער ניקאָלאַעוווקאַ, טרובאַיעווקאַ, וווּנקאַנינאָ און שעקפּני. דער אויפשטאַנד האָט געדויערט דריי טעג. אָבער אין ערגעץ האָט מען נישט גע-געבן קיין ווידערשטאַנד דעם רומעניש מיליטער. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהייבן שרעקלעכע רעפּרעסיעס. אין טאַטאַר-בונאַר האָט מען פאַרברענט 69 הייזער, 89 פויערים האָט מען דערהרגעט אויפן קלויסטער-הויף און 200 האָט מען דערשאָסן אויף די גאַסן. אין די אַרומיקע סביבות האָט מען 2000 פויערים אויס-געהרגעט, 1000 האָט מען אַרעסטירט, צענדליקער דערפער האָט מען חרוב געמאַכט. דער זשורנאַל „לופּטאַ" שרייבט דעם 23-טן אָקטאָבער 1924 : „אין פּיראָונצוואַנציק שעה האָט מען אַ תל געמאַכט פון טאַטאַר-בונאַר. מען האָט געדאַרפט געבן אַ ביי-שפּיל און מען האָט אים געגעבן".

פון דער אינטערפּעליאַציע פון בעסאַראַבישן פויערים-דעפּוטאַט סאָטאָקלאַ דערוויסן מיר זיך וועגן די פאַרברעכנס פון דער „סיגוראַנצאַ" און פון דער בעסאַראַבישער פּאָליציי. מען האָט אַרעסטירט און געפּייניקט גאַנצע מחנות פויערים, וועלכע מען האָט נאָכדעם דערשאָסן, פּונקט ווי ס'האָט זיך אין אַ דאָרף באַגאַנגען דער עקס-אָפיציר פון ווראַנגעלס אַרמיי, גוטזוליאַק. אַ סך טויטע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין דניעס-טער, וועלכער האָט זיי נאָכדעם אַרויסגעוואָרפן אויף די ברעגעס, וווּ מען האָט זיי געלאָזן ליגן, זיי זאָלן דינען אַלס ביישפּיל".

אַ בעסאַראַבישער דעפּוטאַט, דער פּאָפּ דומבראַוואַ, האָט אין רומענישן פּאַרלאַמענט גערעדט אין דעצעמבער 1925 וועגן

די רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד אין טאַטאַר-בונאַר. זיינע רעוועליאַציעס זענען טיילוויז פּובלי-קירט געוואָרן אין די צייטונגען „אוראַרא“ און „לופּטאַ“. ער ברענגט אַ פאַקט, ווען מען האָט אָן שום געריכט, „צוליב פערזענלעכע טעמים“ דערהרגעט 20 פויערים אין טציסמאַא-רוסאַ. ער ברענגט די נעמען פונם קאָמענדאַנט, פונם שטייער-באַאַמטן און פונם זשאַנדאַרם-שעף, וועלכע האָבן אויסגעפירט דעמדאָזיקן פאַרברעכן, נאָכדעם ווי ס׳האָט שוין געהערשט אָר-דענונג. ער רעכנט אויס די געוואַלדיקע געלט-שטראָפן, וואָס די באַפעלקערונג האָט געמוזט באַצאָלן אין אַ משך פון פיר-אונצוואַנציק שעה.

איינער פון די באַשולדיקטע אין דעמדאָזיקן פּראָצעס איז געווען צווישן צוואַנציק פאַרמשפּטע צום טויט. מיר האָבן אים געזען אין זאַל. ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן. דערפאַר, ווייל על-פּי-נס האָט דער זשאַנדאַרם אין יענעם טאָג שוין גע-נוג מענטשן געהרגעט.

אַן אַנדער באַשולדיקטער פון טאַטאַר-בונאַר, גוואַזדיעוו, האָט דערציילט, אַז בעת דעם אויפשטאַנד איז ער מיט נאָך פויערים אויף אַ וואָגן אַנטלאָפן געוואָרן אין דאָרף אַריין. אין וואַלצאָוו האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן אַ מיליטערישן אָנפירער, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט און וועלכער האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט זיי קיין שום שלעכטס נישט טאָן. דידאָזיקע אומ-באַוואָפנטע מענטשן מיט נאָך אַ סך אַנדערע, האָט מען אַרויפ-געזעצט אויף אַ פּאַראָם, און די זעלנער האָבן אויף זיי גע-שאָסן. בערך הונדערט מאַן האָבן זיך געפונען אויפן פּאַראָם, אַ סך זענען אַריינגעפאַלן אין וואַסער, אַ סך זענען געפאַלן פון די קוילן און אַנדערע פון די קאָלבע-קלעפּ, וואָס זיי האָבן געכאַפּט איבער די קעפּ. בלויז 49 זענען געבליבן לעבן. פון דידאָזיקע 49 האָט מען אַרויסגענומען נאָך 27 און מען האָט זיי דערהרגעט.

מען פֿאַרהערלעכט די פֿאַרוועניש

דער לעצטער פּראָצעס פֿון לייטענאַנט מאַראַרעסקו האָט געוואָרפֿן אַ טרויעריק ליכט אויף די רעפּרעסיעס, פֿון וועלכע בעסאַראַביע איז געוואָרן אַן אָרענע נאָך די אויפֿשטאַנדן פֿון פּויערים. דערדאָזיקער פֿאַרשוין, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז געוואָרן באַשולדיקט אין דערהרגענען 33 מענטשן. אָבער דידאָזיקע ציפֿער איז גאָרנישט אין פֿאַרגלייך מיט די קרבנות, וואָס מאַראַרעסקו האָט אין דער ווירקלעכקייט געהרגעט. כּדי זיך צו פֿאַרטיידיקן, האָט ער אויפֿן פּראָצעס אַזוי געטענהט: „איך האָב געטאָן לויט אַ באַפֿעל". און מען האָט אים באַפֿרייט מיט באַגריסונגען.

לויט די עטלעכע פֿאַקטן זעט מען, וואָס די רעפּרעסיעס האָבן אָנגעמאַכט צוליב דעמדאָזיקן אויפֿשטאַנד, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטח פֿון 60 קוואַדראַט-קילאָמעטער און בעת וועלכן ס'זענען דערהרגעט געוואָרן אַ צענדליק רומענישע זעלנער — אַ ציפֿער, וואָס דער גענעראַל רודענאַו אַליין האָט מיר אָנגערופֿן. צי האָט דער גענעראַל אַמאָל נישט איבערגע־טריבן? ווייל דער באַשולדיקונגס-אַקט דערמאָנט נישט פֿון קיין שום זעלנער, וואָס זאָלן האָבן געהרגעט געוואָרן.

אָנהייבנדיק פֿון יענער צייט קומען פֿאָר כּסדר פּראָ־צעסן. טאָג-טעגלעך זענען טעטיק דריי אָדער פֿיר קריגס-גע־ריכטן אין קישיניעוו, וועלכע געפֿינט זיך נאָך אין באַלאַגע־רונגס-צושטאַנד.

וואָס שייך די לאַגע, צו וועלכער דידאָזיקע געשעענישן האָבן דערפֿירט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, האָט אונדז די צײַ־טונג „לופּטאַ" פֿון בוקאַרעשט געגעבן אַ געוויסן באַגריף אין איר קאָרעספּאָנדענץ פֿון 28 דעצעמבער 1924, וואָס טראָגט דעם טיטל: „די געפֿאַלענע שטימונג פֿון די בעסאַראַבישע פּויערים", „דער טרויעריקער מצב פֿון די דערפֿער", „די אַנט־וויקלונג פֿון אויסגעלאַסנקייט און שיכּרות". און אָט וואָס דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „לופּטאַ", אַן אָנגעזעענע בעסאַראַבישע

פערזענלעכקייט שרייבט אונדז: „מיר האָבן באַקומען פון דאָרף אַלאַרמירנדיקע ידיעות. אונדזערע דערפער זענען חרוב און דעמאָראַליזירט ביז צו דער העכסטער מדרגה. קיינמאָל האָבן אונדזערע שטילע מאָלדאַוואַנער נישט באַנוצט אַזויפיל בראָנפן. אַלע טרינקען: יונג און אַלט, מיידלעך און ווייבער און אפילו קינדער. ס׳זענען דאָ דערפער, ווו אין יום־טובים־טעג ווער מען נישט געפינען קיין איין ניכטערן. מיט איין וואָרט, דער פויער ווערט אָרעמער און חוצדעם פטרט ער זיינע פּאָר גראָשן אין שענקען. אויף אַזאַ אופן ווערט געשאַפן אַ פויערישער פּראָלע־טאַריאַט, אָן ערד און אָן מיטלען. דאָס הייסט, אַז ס׳ווערט געשאַפן אַ קלאַס, וועלכער ס׳וועט זיין אַ קוואַל פון דאגות און שוועריקייטן פאַר וועלכער ס׳איז רעגירונג. דערדאָזיקער קלאַס פאַרגרעסערט די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט, און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד איז אין סכנה. די ערד גייט ביסלעכוויז איבער אין די הענט פון די שפּעקוליאַנטן, וועלכע ווערן, צוליב זייער רייכקייט, די אמתע באַלעבאַטים פון דאָרף".

אין דערזעלבער צייט ברענגט די צייטונג אַן אַנדער בילד: „די גרוילן אין קישיניעווער תפיסה".

„די רעוועליאַציעס, וואָס אונדזער קאָרעספּאָנדענט פון קישיניעוו האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געמאַכט איבער די גרוילן פון דער מיליטערישער תפיסה, רופן אַרויס אַן אַלגע־מיינע אויפרעגונג און גלייכצייטיק באַאומרויקונג. אויפרעגונג: ווייל דאָס מענטשלעכע געוויסן פון 20־טן יאָרהונדערט קען נישט טאָלערירן אַזעלכע ווילדע מעשים. באַאומרויקונג — ווייל אַכזריות רופט אַרויס אַכזריות. די אומגליקלעכע, הייגט אכזריות־דיק באַהאַנדלט, וועלן מאָרגן ווערן די שטערבלעכסטע שונאים פון אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט טאָלערירט אַזעלכע גרוילן.

„צוויי אָפיצירן, אַ לייטענאַנט און אַ קאַפּיטאַן, זענען משוגע געוואָרן פון די שרעקלעכע יסורים, וואָס מען האָט זיי פאַרשאַפן. אַן אַנדערן אַרעסטירטן האָט מען געשלאָגן מכות־רצח

דערפאַר, ווייל ער האָט געמאָלדן אַ הונגער-שטרייק. אַ פּרווּ האָט געמפּילט אין תּפיסה פון זייער שלעכטער באַהאַנדלונג.

און אָט האָט זיך פאַרשפּרייט דער הונגער צווישן דער באַפעלקערונג. דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער דעפיציט" אין בעסאַראַביע אין 1925 דערגרייכט ביז 1 מיליאַרד 250 מיליאָן לעי. די רעגירונג האָט באַשטימט אַ שטיצע פון 100 מיליאָן, אָבער דידאָזיקע סומע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון רומענישע אַגענטן, וועלכע צעטיילן עס לויט זייער אייגנזען.

„אַדעווערול" שרייבט אין פעברואַר 1926: „די רעגירונג איז אַליאַרמירט געוואָרן, אָבער ביז איצט האָט זי גאָרנישט אויפגעטאָן, כּדי צו פאַרבעסערן די לאַגע... די רעגירונג איז פאַרנומען מיט צעקלאַפּן די אָפּאָזיציע און לייגט נישט קיין שום אַכט אויפן הונגער אין בעסאַראַביע. ווען דאָסזעלבע זאָל פּאַרקומען אין אַן אַנדער טייל פון דער מלוכה און נישט אין בעסאַראַביע, וואָלט מען באַשטימט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כּדי צו פאַרבעסערן די לאַגע".

דער הונגער איז נישט בלויז אַ פּועל-יוצא פון דער טרוקנקייט, ווייל ס'זענען פאַראַן געגנטן ווי סאָראָקי, כאָטין, אָרזשעיקאָ, וועלכע האָבן גאָרנישט געליטן פון טרוקנקייט און דאָך ליידן זיי פון הונגער.

צי די סיבה איז אַזאַ אָדער אַן אַנדערע, אָבער די רעזולטאַטן זענען שרעקלעכע. דער רב פון קישיניעוו האָט געהאַלטן אַ רירנדיקע דרשה פאַר די יידן: „דער הונגער און זיין שטענדיקער חבר — די עפּידעמיע — מאַכט אַ תּל פון גאַנץ בעסאַראַביע... דערמאָנט אייך, ברידער, אַז הונדערטער האַלב-אויסגעלאָשענע אויגן, לעבעדיקע סקעלעטן, קוקן אייך אָן און וואַרטן אויף אייך!"

מיר לייענען אין „אוראָרא" רירנדיקע פּרטים וועגן דעם

„האַנדל" מיט די קינדער פון די עלטערן, וועלכע מוזן צוליב נויט אויסוואַנדערן פון בעסאַראַביע קיין דרום-אַמעריקע. אין קוליפּציע האָט מען פאַרקויפט צו טויזנט פראַנק אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.

עטלעכע אָפּנייגונגען פונם געזעץ

דער קישיניעווער פּראָצעס דאַרף ליקווידירן דעם אויפשטאַנד, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר צוריק.

נישט ווי יוריסטן האָבן מיר שטודירט און געקומען אַהער, אין דידאַקטיקע באַראַקן, וווּ פינף אָפּיצירן משפּטן פאַראַמאָל 283 מענטשן. דאָך דאַרפן מיר באַצייכענען עטלעכע פונקטן, וואָס זענען באַלויכטן געוואָרן און וועגן וועלכע די אַדוואָקאַטן פון דער פאַרטיידיקונג, די ה"ה קרוסעאַנו, פּאַראַשיוועסקו, יאָאַניטעסקו, דימיטרעסקו, האָבן אונדז געגעבן די גענויסטע דערקלערונגען. צוערשט די פראַגע וועגן דער קאָמפּעטענץ פונם קריגס-ראַט.

בעת דער אַדוואָקאַט קאַלאָגנאָם האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, האָט דער פאָרזיצער איבערגעריסן די זיצונג. בעת דערדאָזיקער הפסקה האָט דער פאָרזיצער פונם קריגס-געריכט, דער פּולקאָווניק מאַקסים, זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר און גערעדט מיט מיר וועגן דעם פּראָצעס. ס'איז אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, אַ דיקער, רעדט געלאַסן, און קוקנדיק אויף זיין רונדיקן פּנים מיט די שוואַרצע וואָנסעס, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ געזונטן געזעצטן מענטשן. ווי נאָר ער האָט מיט מיר אָנגעהייבן צו ריידן, האָט ער תּיכּף באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער קאָמפּעטענץ: „מען האָט געוואָלט — האָט ער צו מיר געזאָגט — אַוועקנעמען פון קריגס-געריכט די רעכט צו באַהאַנדלען דעמדאָזיקן פּראָצעס, אָבער מיר האָבן זיך אַרויסגעשטעלט און געטענהט, אַז מיר זענען קאָמפּעטענט". איך האָב פאַרצייכנט דידאָזיקע מעלדונג; אָבער ס'איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז מיט דער מעלדונג האָט דער קריגס-געריכט עובר

געווען זיינע רעכט און פאַרגוואַלדיקט דעם יורידישן עצם-פּרינציפּ.

צווישן די באַשולדיקטע — כמעט אַלע ציווילע (אַ פּראָפעסאָר, עטלעכע לערער, די איבעריקע פּויערים, קליינבירגער, דער „אויסוואַל" פון די דערפער), האָבן געוווינט אויף ערטער, וועלכע זענען אין 1924 נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער באַלאַגערונגס-צושטאַנד, דאָס הייסט, אין דער רגע ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן. דידאָזיקע באַשולדיקטע האָבן נישט געדאַרפט געשטעלט ווערן פאַר אַ קריגס-געריכט, נאָר פאַר אַ געוויינלעכן טריבונאַל. נאָכמער, צוליב די נאָענטע פאַרבינדונגען, וועלכע האָבן, לויטן באַשולדיקונגס-אַקט, פאַרייניקט אַלע באַשולדיקטע און צוליב וועלכע מען האָט זיי אַלע געדאַרפט משפטן סאָלידאַריש, האָט מען געוויס געדאַרפט אַריבערשיקן דעם גאַנצן פּראָצעס אין אַ געוויינלעכן געריכט. די אַלגעמיינע רעכט און די רומענישע רעכט, וועמענס שטראָף-קאָדעקס און דער קאָדעקס פון קרימינעלער אויספאָרשונג זענען כמעט ענלעך צו אונדזערע, זאָגן גאַנץ דייטלעך: אויב עטלעכע באַשולדיקטע זענען פאַרמישט אין איין פּראָצעס, און אויב געוויסע פון זיי דאַרפן געשטעלט ווערן פאַר אַ געוויינלעכן געריכט און אַנדערע פאַר אַן אויסנאַם-געריכט, דעמאָלט גיט מען אַ פאָרצוג די געוויינלעכע רעכט, דאָס הייסט, — דער כלל באַזיגט דעם אויסנאַם. וועגן דידאָזיקע פּרינציפּיעלע רעכט, וועגן דעם קישיניעווער פּראָצעס, האָבן די אַדוואָקאַטן וויליאַר און טאָרעס אָנגעגעבן אַ מעמאָריאַל דער רומענישער לעגאַציע אין פּאַריז.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די יורידישע אָרדענונג ווערט נישט שטרענג אויסגעהאַלטן, קאָן מען דאָ נאָך ריידן פון אַנדערע יורידישע אַנאָמאַליעס, קעגן וועלכע דער פּשוטער שכל פּראָטעסטירט. ס'איז אוממעגלעך צוזאַמען צו משפטן 283 באַשולדיקטע, בעת זיי זענען פון פאַרשידענער אָפּשטאַמונג, ריידן אויף פאַרשידענע שפּראַכן: רוסיש, רומעניש, בולגאַריש, אַלבאַניש, זשאַרגאָן און בעת מען דאַרף האָבן איבערזעצער.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פאָלקס-מיניסטער האָט עט־לעכע מאָל פאַרטוישט די נעמען פון די באַשולדיקטע.

ענדלעך, נאָך אַ שרייענדיקער פאַל: דער פאָרזיצער פונם קריגס-געריכט, דער פולקאָווניק מאַקסים, איז דער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירם מיט די מיליטערישע רעפרעסיעס. ער איז אַזוי אַרום סיי ריכטער, סיי פאַראינטערעסירטער צד. די דאָזיקע פראַגע וועגן זיין דאָפלטע ראָל איז עטלעכע מאָל באַלויכטן געוואָרן, בעת די דעבאַטן, דורך דעם אַדוואָקאַט פאַראַשיוועסקו, וועלכער האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג געלייענט אַן אָפיציעלן קאָ־מוניקאַט פונם קאָמענדאַנט מאַקסים, דעמאָלט מיליטער-שעף. דאָס איז געווען אַ קאָמוניקאַט, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט תיכף נאָך די רעפרעסיעס און ווו ס׳איז געשטאַנען געשריבן, אַז דער אַזויגערופענער אויפשטאַנד איז בלויז געווען אַ ניש־טיקער אינצידענט.

מען דאַרף צוגעבן, אַז די באַשולדיקטע האָבן אויף אַזאַ אופן נישם געהאַט די נאָרמאַלע גאַראַנטיעס, וועלכע ס׳פאָדערן זיך פאַר זייער פאַרטיידיקונג. דער פאַרטיידיקונג האָט מען געגעבן בלויז צוויי טעג צייט, אויף דורכצושטודירן גאַנצע פעק פאַפירן. און נאָך אַ מערקווירדיקע זאַך: די צוגעשיקטע פראָטאָקאָלן זענען דיזעלבע פאַר כמעט 300 באַשולדיקטע. צי קענען דען אַזעלכע קלישע-אַקטן שטימען מיט דערווירקלעכ־קייט? איינער פון די מלוכה-קאָמיסאַרן האָט געמוזט אָנערקענען, אַז מען וועט זיך נישט רעכענען מיט די דאָזיקע פראָטאָקאָלן.

די אַדוואָקאַטן פון די באַשולדיקטע פאָדערן נישט קיין מילדערע שטראָף, נאָר פריישפרעכונג צוליבן מאַנגל אין באַווייזן.

איינער פון די פאַרטיידיקונגס-אַדוואָקאַטן, ה׳ קאַלאָגנאָם, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, האָט אָנגענומען אַן צווייזדייטיקע שטעלונג. אויפן פראָצעס איז אויסגעבראָכן אַן אינצידענט צווישן אים און זיינעם אַ קליענט, וועלכן ער האָט אויפגערעגט, און יענער האָט געמאָלדן, אַז ער וועט פאַרווערן אים צו פאַרטיידיקן. פאַרשטייט זיך, אַז די טעזע, וואָס

קאַלאָגנאָם האָט אַנטוויקלט בעת זיין פאַרטיידיקונג, איז אין עצם געווען איינשטימיק מיט דער טעזע פונם פאָלקס-מיניסטער, און נאָך אַ זאַך האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז ער פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן די פּאָליצייאישע קרייזן.

דער סוד פונם טעראָר

און איצט קומען מיר צו צום וויכטיקסטן פונקט פונם פּראָצעס: דאָס איז די פראַגע וועגן דעם אָנטייל פון סאָוועט-רוסלאַנד אינם אויפשטאַנד פון טאַטאַר-בונאַר.

דערויף שטיצט זיך דער גאַנצער פּראָצעס. די שטעלונג פון די ריכטער שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל, ווייל זייער מיינונג וועט נישט בלויז אַנטשיידן דעם גורל פון די באַשולדיקטע, נאָר די גאַנצע מעשה קישיניעוו וועט אויפגעדעקט ווערן.

דער פּולקאָווניק מאַקסים האָט צו מיר געזאָגט אין אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט.

„ס'זענען דאָ צוויי טעזן: די טעזע, וואָס איר האָט געהערט פונם אַדוואָקאַט קאַלאָגנאָם, אַז דער אויפשטאַנד אין טאַטאַר-בונאַר איז פאַבריצירט געוואָרן דורך רוסלאַנד, און די צווייטע טעזע, אַז ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פּלוצלונגן אויפשטאַנד פון די פּויערים".

שפּעטער האָט מיר דער פּולקאָווניק מאַקסים אָנגעוויזן אויף די כּלי-זין, וועלכע זענען געווען אָנגעלייגט פאַר אונדז, און האָט צו מיר געזאָגט: „קוקט אָן די זאַכלעכע באַווייזן". ער האָט מיר באַוויזן, אַז צווישן אַ באַרג אַלטע ביקסן און אַלטע שווערדן האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קליינע קוילן-וואַרפער.

אַלזאָ איצט, צי האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ געוויינלעכן אויפשטאַנד, אָדער מיט אַ נאַציאָנאַלן פאַרראַט, געשטיצט אויף אַ באַוואָפנטן אָנטייל פון אויסלאַנד?

לויט דער אָפיציעלער טעזע איז עס אָפּגעטאָן געוואָרן

אין פאַרשטענדיקונג מיט רוסלאַנד. ה׳ טאַטאַרעסקו האָט מיר אויספירלעך אויסגעדריקט זיין מיינונג בנוגע דערדאָזיקער פראַגע — דיזעלבע דרשה, וועלכע ער האָט עטלעכע מאָל געהאַלטן אין פּאַרלאַמענט. דער אויסערן-מיניסטער האָט פאַר מיר אויך אַנטוויקלט דעמזעלבן געדאַנק.

הגם די מיניסטאָרן דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ס׳האָבן געקענט פּאָרקומען עקסצעסן, וועלכע ס׳איז געווען שווער אויסצומיידן ביי דער געשאַפענער לאַגע, דאָך האָבן זיי געהאַלטן אין איין שרייען: באָלשעוויסטישע סכנה. לויט זייער מיינונג איז רומעניע אַ שומר, וואָס פאַרהיט די ציוויליזאַציע* קעגן דער באַרבאַרישער רוסלאַנד און לויט איר געאָגראַפישער לאַגע קומט איר אויס צו זיין אַ פּאַרטיידיקער אויף די גרענעצן פון אייראָפּע. אָט אַזאַ מין ראָל, האַלטן זיי, איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון רומעניע.

אויס העפלעכקייט צו מיר, האָט ה׳ טאַטאַרעסקו אָנערקענט, אַז טעאָרעטיש לאָזט זיך נאָך ריידן וועגן קאָמוניזם, אָבער גלייכצייטיק האָט ער מיט אַ מין דיפּלאָמאַטישער פאַרזיכטיקייט געשילדערט די באָלשעוויקעס ווי אַ באַנדע טעראָריסטן און גזלנים, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג שטיצט. לויט זיין מיינונג גייען אַריבער די „רוסישע טעראָריסטן״ אָן אויפהער דעם דניעסטער, — איינציקווייז אָדער מחנותווייז, — הרגענען זשאַנדאַרמען, וואַרפן באָמבעס, פירן קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן פויערים.

...איך האָב אָקאָרשט אַ קוק געטאָן אויף די אויפגעפרעסטע מחנה באַשולדיקטע. איך האָב באַטראַכט זייערע גוטמוטיקע, רויקע פיזיאָנאָמיעס, זייער נאַיוון אומגליקלעכן אויסזען. איינער אין ברילן האָט געמוזט זיין אַ לערער. די איבעריקע זענען פאַרמעגלעכע דאָרפס-לייט, נידערגעשלאָגן און איבערגעשראָקן, און לויט זייערע באַוועגונגען און דעם אויסזען, מאַכן זיי בשום אופן נישט דעם איינדרוק פון קאָנספיראַטאָרן.

מען האָט מיר אין די הויכע מקומות פאַרשפּראָכן, אַז איך וועל קענען כאַפּן אַ שמועס מיט עטלעכע פון די באַשולדיקטע. אָבער דידאָזיקע טעאָרעטישע אויטאָריזאַציע האָט נישט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן, נישט געקוקט אויף די העפלעכסטע הבטחות, וואָס מען האָט מיר געגעבן, כדי איך זאָל קענען פאַרלייכטערן מיין „אַנקעטע".

איך האָב געפרעגט דעם ה' טאַטאַרעסקו צי ס'זענען דאָ באַווייזן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַ האַנט אין דער דאָזיקער בעסאַראַבישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס'זענען דאָ דאָקומענטן און אַז דידאָזיקע דאָקומענטן זענען גרייט צו מיין דיספּאָזיציע. בעת איך האָב אים אַ צווייטן מאָל באַגעגנט, האָב איך אים דערמאָנט וועגן די דאָקומענטן וואָס ער האָט מיר פאַרשפּראָכן און ער האָט זיי מיר ווידעראַמאָל פאַרשפּראָכן. אָבער ער האָט מיר קיינמאָל אַזעלכע דאָקומענטן נישט באַוויזן.

די אָפיציעלע טעזע שטימט מיט דער באַשולדיקונג. וועגן דיזעלבע דאָקומענטן, וואָס ה' טאַטאַרעסקו, האָט מיר צוגעזאָגט צו באַווייזן און האָט מיר נישט באַוויזן, האָב איך געפונען דערמאָנט אינם באַשולדיקונגס-אַקט, וועלכן איך האָב זיך לאַנג געמאַטערט איבערצוזעצן אויף פראַנצויזיש.

די 283 באַשולדיקטע, וועלכע זענען געשטאַנען פאַרן קריגס-געריכט, זענען באַשולדיקט אין פאַרשווערונג קעגן דער אויסערלעכער זיכערקייט פון דער מלוכה. דער באַשולדיקונגס-אַקט זאָגט קלאָר: מיטן צוועק אָפּצונעמען בעסאַראַביע, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָרגאַניזירט אָנפאַלן פון טעראָריסטן, זיי זאָלן אַרויסרופן אויפשטאַנדן, כדי שפּעטער באַרעכטיקן די רוסישע מיליטערישע איינמישונג".

דער באַשולדיקונגס-אַקט, אַ גרויסער שטויס פּאַפּירן, באַשרייבט אויספירלעך, וויאַזוי דידאָזיקע קאָמיסאַרן-טעראָריסטן

האָבן געשאַפֿן אין די בעסאַראַבישע דערפֿער קעמערלעך און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס.

אויף דער סצענע ווערן אַרויסגעפֿירט עטלעכע פּערזאָנען, צווישן זיי איינער אַנדריי גלוסינאָוו, מיטן צונאָמען נעגין, וועלכער האָט כּלומרשט געזאָלט זיין דער הויפּט-אַגענט פֿון מאָסקווע. ער האָט געשאַפֿן, — האָט געזאָגט דער פֿאָלקס מיניסטער, — רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן אין אַ סך דערפֿער, האָט איינגערעדט די פּויערים, אַז די רוסישע אַרמיי גרייט זיך צו פֿאַרנעמען בעסאַראַביע און אַז צוויי באָלשעוויסטישע אַעראָפּלאַנען וועלן מעלדן וועגן דעם אָנקום פֿון דער רויטער אַרמיי און וועגן דער שעה פֿון דער רעוואָלוציע. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אינגיכן וועט פֿאָרקומען אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, אין בולגאַריע א. אז. וו.

די רוסישע אַגענטן פֿלעגן אַריבערגיין דעם דניעסטער — לויטן באַשולדיקונגס-אַקט — און פֿאַרשפּרייטן בראָשורן, וועלכע זענען געלייענט געוואָרן אין די פֿאַריינען. זיי האָבן געשאַפֿן קרייזן, אונטער-קרייזן, פֿאַרבונדן צווישן זיך דורך אַ קאָמיטעט פֿון פֿינף מענטשן. די קאָמיטעטן האָבן געהאַט דריי הויפּט-צילן: 1) באַוואָפֿנונג, 2) פֿאַרבינדונג, 3) שפּיאָנאַזש, קאָנטער-שפּיאָנאַזש און אינפֿאָרמאַציע. דידאָזיקע קאָמיטעטן זענען געווען צענטראַליזירט, אָבער די צענטראַליזאַציע איז געווען אַ געהיימע. אין אויגוסט 1924 האָט די רוסישע רעגירונג דעלעגירט דעם אַגענט אָסיפּ פּאַלעאַקאָוו. אָדער פּלאַטאָוו, וועלכער האָט געהאַט די פֿונקציע פֿון אַ מיליטערישן אָנפֿירער איבער דרום-בעסאַראַביע. פּלאַטאָוו האָט אין יעדער קאָמונע אָרגאַניזירט אָנגריף-אָפּטיילונגען פֿון 30 רויטע זעלנער, וועמבירט פֿון צווישן דער יוגנט. ער האָט באַוואָפֿנט די פּויערים און האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן מספּר כּלי-זין דורך שיפֿן און וואָגנס. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער אַריינגעפֿירט 300 באָמבעס בלויז פֿאַר דריי אונטער-קרייזן. אַ טייל געווער איז פֿאַרבאַהאַלטן געוואָרן אין אָזיערעס, און ווען דער אויפֿשטאַנד איז אויסגעבראָכן האָט מען עס פֿאַנאַנדערגעטיילט. אין מאַי 1924 האָט מען אַ טויזנט

ביקסן פאַנאַנדערגעטיילט פּויערים אין אַ פעלד, לעבן אַ גע־
וויסן דאָרף. דעם 2-טן סעפּטעמבער 1924 האָבן אַ באַנדע פון
20 פאַרמאַסקירטע מענטשן צעראַבעוועט דעם מאַרק אין ניקאָ־
לאַיעווע, כדי דורך גנבה שטיצן די רומענישע דעזערטירן.
פּרטים וועגן דידאָזיקע פאַרמאַסקירטע פעלן אין באַשולדיקונגס־
אַקט. דאַקעגן זענען דאָ אין דעמזעלבן באַשולדיקונגס-אַקט
פּרטים וועגן אַן אומגעהויערן סיסטעם פון אָרגאַניזאַציע און
פּראָפּאַגאַנדע, ענג פאַרבונדן מיטן אויפשטאַנד אין טאַטאַר־
בונאַר: „נעבין האָט צוגעגרייט אַ פּלאַן, לויט וועלכן די רע־
וואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין אַלע ווינקלען פון בעסאַ־
ראַביע".

אַ סצענאַר צו גוט צונויפגעשטעלט

דידאָזיקע רעוועליאַציעס, וואָס דער באַשולדיקונגס-אַקט
ליפערט מיט די קלענסטע פּרטים, שטיצן זיך נישט אויף קיין
שום פעסטע באַווייזן. ס'איז שווער צו דערלאָזן דעם געדאַנק,
אַז אַזאַ קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציע האָט געקאָנט געשאַפן
ווערן צווישן פּויערים, וועלכע זענען אינגאַנצן נישט מסוגל
צו געהיימער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. און ווו? אין אַ לאַנד,
ווו ס'ווימלען אַרום אָפיצירן, זעלנער, פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַר־
מען, שפּיאָנען און רעגירונגס-אַגענטן. צי דען-זשע וואָלט די־
דאָזיקע מאַכינאַציע באַלד נישט אויפגעדעקט געוואָרן? נאָכמער,
מען האָט אַזוי איגנאָרירט די רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג,
אַז אַ קאָמפּאַניע זעלנער, וועלכע האָבן אָפּגעהיט טאַטאַר-בונאַר
זענען ערב דעם אויפשטאַנד פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען! אָט
דער איינציקער פאַקט, וואַרפט שוין אַ ליכט אויפן גאַנצן
ענין. מען האָט אַזויפיל גערעדט וועגן בראָשורן, פּראָקלאַמאַ־
ציעס, וואָס מען האָט לרוב געטיילט אויף פאַרזאַמלונגען,
וועלכע ס'האָבן באַזוכט די חשובסטע לייט פון שטעט און
דערפער! האָט מען דען נישט געקענט באַקומען קיין איין
בראָשור? אינם דיקן באַשולדיקונגס-אַקט געפינט זיך נישט קיין

סאָוועט-רוסלאַנד האָט אָרגאַניזירט דידאָזיקע באַוועגונג און אַז זי סאָלידאַריזירט זיך דווקא מיט די אויפרופן, וואָס שטאַמען אַרויס פון פאַרדעכטיקע נפשות, וועלכע עקזיסטירן אפשר גאָרנישט און וועלכע זענען אַלנפאַלס פאַרשווונדן געוואָרן, נישט איבער־לאָזנדיק נאָך זיך קיין שום שפורן. דידאָזיקע אַגענטן זענען מסתּם געווען רויבער, וועלכע זענען אויסן געווען גנבה און גזילה, אָדער פשוטע פּראָוואָקאַטאָרן. אין דער מאָדערנער גע־שיכטע פון די באַלקאַנישע לענדער געפינען מיר לײדער צו פיל ביישפּילן פון געשעענישן, וואָס די פּאָליציי האָט אַרויס־גערופן, כּדי צו באַרעכטיקן די רעפּרעסיעס און באַפעסטיקן די פּאָליטישע טעזן.

מען האָט מיר דערציילט אַ געשיכטע מיט אַלע פּרטים פון איינעם אַ געפאַנגענעם קאַנער, אויף וועלכן ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די האַנט פון דער גערעכטיקייט דערפאַר, ווייל דער פּראָוואָקאַטאָר בודא האָט אים געצוווּנ־גען צו גיין נאָך אַ האַרמאַטן-קויל אין אַ וואָפן-לאַגער. דער אומגליקלעכער איז נאָכדעם באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרשפּרייטן געווער, אויפרייס-שטאָפן און אין פאַר־שווערונגען.

צי האָט זיך די רוסישע אַרמיי באמת קאָנצענטרירט אויף דער גרענעץ און דער אויפשטאַנד, וואָס איז גלייכצייטיק אויס־געבראָכן אין גאַנץ בעסאַראַביע, צי איז ער באמת געווען אַן אָרגאַניזירטער? ניין!

ס'איז אמת, אַז די פויערים פון ניקאָלאַיעוו און פון טאַטאַר-בונאַר האָבן פּראָקלאַמירט אַ סאָוועטן-מאַכט און אַרויס־געהאָנגען די רויטע פאָן.

לויט אַלעמענס מיינונג זענען די בעסאַראַבישע אומרוען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אויפגערעגטער אויסגעהונגערטער באַפעלקערונג, וועלכער מען באַליידיקט און מען הרגעט. ס'איז אויך מעגלעך, אַז דידאָזיקע מורדים האָבן זיך פאַרקוקט

איין עקזעמפליאַר. איז עס דען מעגלעך? וואָס שייך דער פאַרטיילונג פונם געווער, וואָס ווערט אינם באַשולדיקונגס־אַקט באַשריבן אין אַ מעלאָדראַמישער פאָרם, איז עס אויסגעזויגן פון פינגער. טראַנספּאָרטירן אין געהיים אַזויפיל ביקסן, קוילן, באָמבעס און קוילנוואַרפער, איז נישט פון די לייכטע זאַכן! אָבער פון דער צווייטער זייט ווייסט מען גאַנץ גוט, אַז אין בעסאַראַביע האָבן זיך געפונען אַ סך אַמוניציע־מאַגאַזינען פון די רוסישע צייטן, נאָך פאַר דער אָקופּאַציע פון די דייטשן און רומענער. אָט פונדאַנען, וואַרשיינלעך, שטאַמט אַרויס דאָס פאַרזשאַווערטע געווער, וואָס טויג אויף כּפּרות און וואָס מען האָט געבראַכט צושלעפּן אין זאַל פונם קריגס־געריכט, צוערשט אין אַ קליינער צאָל, נאָכדעם אַלץ מער און מער. די צוויי קוילנוואַרפער, וואָס איך האָב געזען, האָט זיי אַגרי טאָרעס נישט געקענט זען. זיי זענען אָנגעקומען קיין קישינעוו צווישן זיין וויזיט און מיינעם. אָבער זיי זענען געווען דער־מאָנט אין באַשולדיקונגס־אַקט. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין די פּאַפּירן פון די מלוכה־קאָמיסאַרן האָט זיך נישט גערעדט פון קיין שום וואָפן.

די צוקונפטיקע היסטאָריקער, וואָס וועלן זיך פאַראינ־טערעסירן מיט דערדאָזיקער פאַרשווערונג, וועלן די פאָרמעלע שפּורן געפינען בלויז אינם באַשולדיקונגס־אַקט. אָבער דער, וואָס וויל איצט באַקומען אַ ריכטיקן באַגריף איבער דער פאַר־שווערונג, וועט תּיכּף באַגרייפן, אַז די גאַנצע חמורים באַווייזן זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן, כּדי צו שטיצן אַ השערה, און אַז די אויבן־דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איז מער אָדער ווייניקער אַ פיקטיווע מעשה.

אָבער ווען אפילו געוויסע אַוואַנטוריסטן איז געלונגען איבערצוצייגן די פּויערים, אַז די רוסישע אַרמיי איז גרייט זיי צו קומען צו הילף, נאָכמער, ווען זיי וואָלטן זיי אפילו געצווונגען צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, איז נאָך אויך נישט קיין באַוויז, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען אַ געפּלאַנעוועטער, און וואָס מען באַשולדיקט זיי. דאָס באַווייזט נאָך נישט, אַז

אויף דער אומאָפּהענגיקער סאָוועטיש-מאָלדאַווישער רעפּובליק און אויף רוסלאַנד אַליין, וועלכע האָבן זיי געגעבן אַ ביישפּיל. ס'האָט געוויס אויף זיי געהאַט אַ ווירקונג די רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים, דאָס הייסט, אַ מלוכה פון אַרבעטער, באַפרייטע פון זייערע עקספּלואַטאַטאָרן. ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, — חזר איך איבער נאָכאַמאָל, — נישט ציענדיק דערפון קיין שום ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן, אַז זיי האָבן געהאַט עטלעכע „אָנפירער". מיט איין וואָרט, דער גאַנצער בנין באַשלוסן פונם באַשולדיקונגס-אַקט זענען אומגלויבלעך און ס'פּאָדערן זיך באַווייזן.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער באַשולדיקונגס-אַקט? אויף וועלכע דאָקומענטן שטיצט מען זיך אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל קענען פאַרבינדן דעם אויפשטאַנד מיט רוסלאַנד אָדער מיט אַ קאָמוניסטישע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע?

די דאָקומענטן, וואָס ה' טאַטאַרעסקו האָט מיר צוגעזאָגט צו באַווייזן, קען איך. זיי זענען אַלע אויסגערעכנט און אַנאַליזירט אינם באַשולדיקונגס-אַקט. דידאָזיקע דאָקומענטן און אַנדערע זאַכלעכע באַווייזן פון דער באַשולדיקונג האָט מען פאָרגעשטעלט פאַרן טריבונאַל, און מען האָט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די טאַטאַר-בונאַרער דראַמע אין אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס קעגן קאָמוניזם. דערמיט האָט רומעניע אויך געוואָלט אַרויסווייזן דער וועלט, אַז מען באַשולדיקט איר אומזיסט אין אָנמעכטיקייט, אַז זי איז נאָך פעיק אָנצופירן מיט בעסאַראַביע. אָט דערצו וויל מען אויסנוצן די דאָקומענטן.

די פאַררעטערישע דאָקומענטן

דאָס זענען די בריוו פון פּלאַטאָוון צו נעגינען. דאָס זענען די בריוו, וואָס די פּאָליציי זאָל האָבן געפונען אויף אַ טויטן. די פערזענלעכקייט פונם מת איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף אַ לעגאַלן אופן. ס'איז וועגן אים נישט צונויפגעשטעלט געוואָרן קיין ספּעציעלער פּראָטאָקאָל. די פּאָליציי

איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז דער קערפּער פונם באַרימטן נענין, — אַ סודותפולן פאַרשוין. חוצדעם, אויפן קערפּער, ווו מען האָט געפונען 20 וויכטיקע בריוו, האָט מען אויך געפונען אַ דאָקומענט אויפן נאָמען אַזאַש. אָבער די פּאָליציי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז נענין.

דער גאַנצער באָלשעוויסטישער סצענאַר, אין וועלכן די קייזערלעכע קאָמיסאַרן האָבן אַריינגעפּלאָנטן פאַרשידענע עפּיזאָדן פונם פויערים-אויפשטאַנד, ווערט געשטיצט אויף די בגדים פונם מת, ווו חוץ בריוו האָט מען אויך געפונען צירקוליאַרן און פּלענער.

דידאָזיקע בריוו, וואָס דער קריגס-געריכט אין קישיניעוו האָט באַקומען פון דער „סיגוראַנצאַ", באַשטעטיקן וועגן אַן ענגער פאַרבינדונג פון די פאַרשוווּנדענע, וועלכע האָבן געצאַרבעט אין בעסאַראַביע, מיטן מאָסקווער צענטער.

אָט איז דער ערשטער פון דידאָזיקע בריוו:

חבר נענין,

„אונדזער חוב איז צו טאָן, ווי לענין האָט געהייסן. איר דאַרפט געדענקען וועגן די ווערטער פון אונדזער לערער קאַרל מאַרקס: דער אַרבעטער קען בלויז פאַרלירן זיינע קייטן און געווינען קען ער אַלץ.

„זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָל לעבן דער בירגער-קריג! זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניזם! זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע מאָלדאַווישע סאָוועטישע רעפּובליק, זייט ביי זייט מיט או. ר. ס. ס.

חברים, זייט גרייט אויפן ערשטן סיגנאַל און איר וועט גיין אויפן וועג פון נצחון".

אונטערגעשריבן: דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דרום-בעסאַראַביע

פּלאַטאָוו.

צי דאַרף מען נאָך גיין אויפווייזן, וואָסער ווערט ס׳האָט אַזאַ מין דאָקומענט? וואָסער פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש וועט פונקט אין אַ וויכטיקן בריוו צו זיינעם אַ פּאָליטישן חבר אויסרעכענען די קאָמוניסטישע פּרינציפּן, וועלנדיק אים איינ־ריידן מיט לעונינען און מאַרקסן? מען זעט באַלד, אַז ס׳איז אַן אומגעלונגענע אַרבעט פון דער פּאָליציי. ווער ס׳וויל צו פיל באַווייזן, באַווייזט גאָרנישט. פון דער צווייטער זייט לייגט עס זיך נישט בשום אופן אויפן רעיון, אַז אַ קאָמוניסט, וואָס גייט אונטערנעמען אַן אומגעהויערע געהיימע אַרבעט, זאָל זיין אַזוי אומפאָרזיכטיק און האַלטן ביי זיך אין קעשענע אַזויפיל שמאַטע־דאָקומענטן? ווי ס׳ווערט דערמאָנט אינם באַשולדיקונגס־אַקט, האָט מען נעגינען אַ לאַנגע צייט אַרומגעזוכט, איידער מען האָט אים געכאַפּט און געהרגעט, הייסט עס, אַז ער האָט געהאַט גענוג צייט פּטור צו ווערן פון די אומלעגאַלע פּאַ־פּירן, מיט וועלכע זיינע קעשענעס זענען געווען אָנגעפּאַקט.

דיזעלבע אָפנהערציקע גוזמא, — אויב מען קאָן פאַר־ווענדן דאָסדאָזיקע וואָרט אין אַן אינטריגע, וואָס האָט אַרויס־געגרופן אַזאַ בלוטבאָד, — געפינען מיר אין אַן אַנדער בריוו:

„חבר נעגין! איך דערמאָן אייך נאָכאַמאָל, איר זאָלט מיר איבערשרייבן אַ קאָפּיע פון די ערטער, ווו ס׳געפינען זיך די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, כדי איך זאָל קענען צו־גרייטן אַ פּלאַן פון מיליטערישע אָפּעראַציעס״. און דערדאָזי־קער גענעראַל־באַפעל פון אַ קאָמישער אָפּערע איז אָנגעשריבן געוואָרן — זאָגט אונדז די באַשולדיקונג — אין סעפּטעמבער, צוויי אָדער דריי טעג פאַר דעם, ווי ס׳האָט געדאַרפט פאָר־קומען דער אויפשטאַנד אין גאַנץ בעסאַראַביע!

די צו פיינע קאָלעקציע

לאָמיר ווייטער לייענען, וואָס ס׳שטייט געשריבן אין די קאָמפּראָמיטירנדיקע בריוו. לאָמיר פאַרבייגיין די אָפנהער־ציקע שטעלן, ווו פּלאַטאָוו שרייבט צו נעגינען: „אין די

בעסאַראַבישע סאָוועטן דאַרף מען מאַכן אַן אָנגריף קעגן דער מאַכט", אָדער „קומט זיך זען מיט מיר, אויב איר קענט, ברענגט מיר אינפאָרמאַציעס". ס'איז אויך דאָ אַ בריוו, וואָס באַציט זיך צו די געשעענישן אַ סך פריער פאַרן אויפשטאַנד; פרעגט זיך אַ קשיא, צי איז דען מעגלעך, אַז נעגין זאָל זיין אַזאַ אידיאָט און האַלטן ביי זיך פעק מיט קאָמפּראָמעטירנדיקע פּאַפּירן, אָנגעטאָן אַוועקצושיקן זיי אין דער אָרגאַניזאַציע, ווו זיי האָבן זיך געדאַרפט געפינען. אין אַ צווייטן שטעל באַפעלט פלאַטאָוו די אָנפירער אין די דערפער, זיי זאָלן אויסרעכענען: „וויפל קאַוואַלעריע-אַמוניציע און וויפל אַרטילעריע-אַמוניציע ס'געפינט זיך אויף די רעוואָלוציאָנערע פונקטן". ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן עקזיסטירט נישט בלויז אויפן פּאַפּיר און נישט בלויז אין דער פאַנטאַזיע, וואָלטן זיי נישט געקענט האָבן אין זייער באַזיץ קיין קאַוואַלעריע און אַרטילעריע-אַמוניציע. דאָס איז אַלזאָ אַ פשוטע פאָרמולע פון אַ מיליטערישן ראַפּאָרט, וואָס עפּעס אַ מיליטערישער שרייבערל האָט אָנגעשריבן, האָבנדיק דערביי אַ גאַנץ גוטן ווילן. דאָסזעלבע איז מיט פלאַטאָווס טראַסקעדיקן אונטערשריפט: „מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דרום-בעסאַראַביע". אַזאַ מין טיטל האָט אַ שייכות צו דער רומענישער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע און נישט צו דער סאָוועטיש-רוסישער.

מען קאָן בשום אופן נישט פעסטשטעלן, ווער ס'איז געווען דער אַזוי-גערופענער פלאַטאָוו, פונקט ווי מען קען נישט פעסטשטעלן די פּערזענלעכקייט פונם אַזוי־גערופענעם נעגין. לויט די השערות האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פשוטן אומגעבילדעטן פישער, וועלכן מען האָט איינגעהילט אין שוואַרצע ערנסטע בגדים און אים פאַרטיילט די ראָל פון אַן אַפּאַראַט, בעת ער איז געווען אַ קרבן צווישן טויזנטער אַנדערע קרבנות און האָט זיי שוין מער דאָ נישט געקענט שטיין אויפן וועג.

אַנדערע בריוו באַווייזן אונדז גאָר, אַז דערדאָזיקער קאָמענדאַנט האָט אַליין דורך בלאָטעס אַריבערגעפירט כלי־זין, טיילמאָל אין אַ שכורן צושטאַנד. (ער האָט זיך אַליין מודה

געוועז, אַז איינמאָל, בעת ער האָט זיך אָנגעשפּורט, האָט ער שיער נישט „גערעדט" קיין איבעריקע זאַכן). און ער, דערדאָ־זיקער אַגענט פון מאָסקווע, פונוואַנען ער באַקומט געלט אויף צו שטיצן די בעסאַראַבּישע רעוואָלוציע, ער, וועלכער האָט פּאַנאַנדערגעשפּרייט אַ גרויסע נעץ פון סובּווערסיווע אָרגאַניזאַציעס, כּדי אָפּצונעמען די גאַנצע פּראָווינץ — אָט ער צווינגט די פּויערים, זיי זאָלן זיך שאַפן געלט דורך גנבה און גזילה.

וואָסער מוסר־השׂכּל זאָלן מיר אַרויסטראָגן פון דערדאָזיקער געריכטלעכער פּראָצעדור? אַז אויב ס׳זענען געווען און ס׳זענען דאָ אין בעסאַראַביע, פּונקט ווי אומעטום, רעוואָלוציאָנערע טרוימען און שטראָמען און אַן אומגעהויערער באַוווסטזיין פאַר דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע; — אַז אויב די בעסאַראַבּישע פּויערים ווענדן אָן זייערע בליקן אויף מזרח, מיט וועלכן זיי זענען דאָ נישט לאַנג געווען עקאָנאָמיש פאַרבונדן און ווו ס׳וווינען מענטשן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון זייערע קייטן — האָט דערדאָזיקער אידעאַל, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, נישט גורם געווען קיין שום אַקציע, געשטיצט דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג. אויב ס׳זענען דאָרט געווען קאָאָפּעראַטיווע אָדער אַנדערע געזעלשאַפטן — זאָל זיין אפילו רעליגיעזע געזעלשאַפטן — זענען אָבער אויף אַ הונדערט קילאָמעטער פון רוסישן פראָנט נישט געווען קיין שום קעמערלעך און קיין שום רעוואָלוציאָנערע פאַרצווייגונגען, ווי מען וויל אונדז איינרעדן מיט די אַרגומענטן און מיט די פּעליצאַן־ראָמאַנען, פאַרגלייכנדיק די קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערן צו באַנדיטן אָדער קאָנטראַבּאַנדיסטן, וואָס „שמוגלען זיך" איבערן דניעסטער. ס׳איז קלאָר, אַז די באַשולדיקטע פּויערים ווייסן נישט, וואָס ס׳איז אַזוינס קאָמוניזם, רוסישע קאָנסטיטוציע און נאָך ווייניקער — פון אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אויב ס׳זענען געווען אָנפירער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם העכסטן אויפברויז און אויסגענוצט די באַוועגונג דורך אַנדערע מיטלען, זענען זיי נישט געווען די סיבות פונם אויפשטאַנד, נאָר דער אויפשטאַנד האָט זיי אַרויסגערוקט.

געשרייען פון אמת

אָבער צוליב וועלכער סיבה איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד? די באַשולדיקונג, די עכאָ פון דער אָפיציעלער שטים, זעט אויס עטוואָס אַ מענטש מיט אַ מעסער צווישן די ציין, כדי פאַר אַ דעספּאָטישער רעגירונג צו ליפערן דעמאַגאָגישע אַרגומענטן און געבן איר דערמיט די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוגלישטן פון איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער די אמתע סיבה איז אויסגעדריקט געוואָרן דורך פיר אָדער פינף דרייסטע באַשולדיקטע פויערים, וועלכע האָבן געהאַט די העזה אַ געשריי צו טאָן די ריכטער אין פנים אַריין: „מיר האָבן שוין געהאַט גענוג, האָבן מיר זיך צעבונטעוועט!״ און דאָס איבעריקע איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך פּראָוואָקאַטאָרן און רויבער.

אַן אַנדער באַשולדיקטער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נישט געהאַט קיין מוט צו ריידן, האָט מיטאַמאָל אויפגעעפנט דאָס מויל און אויסגערופן: „דידאָזיקע אַלע מענטשן, זינט איך קען זיי, ווייס איך, אַז זיי זענען נישט שולדיק אין דעם, אין וואָס מען באַשולדיקט זיי!... מיר זענען אָרעמע פויערים, וועלכע זענען דערפירט צו פאַרצווייפלונג.״

דידאָזיקע סיבה איז אויסגעדריקט געוואָרן נאָך אַ סך פריער ביי דיזעלבע פאַקטן און ביי דיזעלבע באַדינגונגען, דורכן דעפּוטאַט אַלעקסאַנדרי, אַ העכסט-אָרנטלעכער מענטש, פאַר וועמען אַלע אין רומעניע האָבן געהאַט גרויס דרך-ארץ. בעת ער האָט געהאַלטן אַ קלינגענדיקע רעדע אין קישיניעוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט די כאָטינער געשעענישן, האָט ער פאַרענדיקט מיט דידאָזיקע ווערטער: „שטייענדיק מיט איין פוס אויף יענער וועלט, האָב איך די העזה אייך אַרויסצוזאָגן דעם גאַנצן ביטערן אמת. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען, ווי איין צאַרישער זשאַנדאַרם האָט טעראָריזירט אַ גאַנצע גובערניע, כדי צו פאַרשטיין, וואָס פינף אָדער זעקס רומענישע פּאָליציי-לייט טוען אָן אין יעדן דאָרף. אויב מיר ווילן דערצו צוגעבן די 50.000 זעלנער, וואָס וווינען אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן אין בעסאַראַביע,

וועלכע ראַבעווען אַלץ, וואָס פאַלט זיי אַריין אין די הענט און פאַלן אָן אויף שטילע איינוווינער, וועט מען דעמאָלט פאַרשטיין דעם באַקאַנטן שפּריכוואָרט: זיין אַ רומענער, איז נישט קיין נאַציאָנאַלע זאַך נאָר אַ פּראָפעסיע. די רומענער באַגייען זיך מיט אונדז ווי פּריצים. בעת דער אַכצן־חדשימדיקער רומענישער אָקופּאַציע איז בעסאַראַביע מער „רוסיפיצירט" געוואָרן ווי אין אַ משך פון הונדערט אַכט יאָר רוסישער אָקופּאַציע".

דער עקס-פּרעמיער וואַידאַ וואָיוואָד האָט זיך אויסגעדריקט אין פּאַרלאַמענט: „אונטערן רוסישן קאַנטשיק איז געווען שלעכט, אָבער אין פאַרגלייך מיט דער רומענישער אכזריות, וואָס הערשט איצט אין רומעניע, איז דער קאַנטשיק געווען אַ שפּילעכל. איצט ווערט אין רומעניע געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע דורך קלעפּ און דורך דערשיסן אומשולדיקע. הגם מיר קוקן אויף די באָלשעוויקעס ווי אויף שונאים, דאָך ווי קומט זייער פּאָליטיק צו דער רומענישער פּאָליטיק אין בעסאַראַביע!"

דער אַלטער וואַסילי סטראָעסקו, דער אַפּאָסטאָל פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין בעסאַראַביע, האָט באַוויזן אויסצושרייען פאַר די רומענישע דעפּוטאַטן, איידער מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס וואָרט: „די לאָקאַלע בעסאַראַבישע מאַכט באַגייט זיך אכזריותדיק מיט דער באַפעלקערונג. גערעכטיקייט איז אַ זעלטענע דערשיינונג. מיסבראויכן ווערן טאָלערירט דורך די מיניסטאָרן אַליין. דער מיליטערישער רעזשים אונטערדריקט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע פרייהייט. צום באַדויערן מוז מען פעסטשטעלן, אַז אונטערן אַלטן רעזשים איז געווען אַ סך בעסער". ס'האָט זיך אויפגעהייבן אַ טומל און וואַסילי סטראָעסקו האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם זאַל. זיין רעדע איז קיינמאָל נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט.

אָבער דידאָזיקע ווערטער פאַרבלייבן. זיי דעקן אויף אמתע זאַכן: די לעבעדיקע שמערצלעכע וווּנד, די וווּנד פון דער אונטערדריקטער און טעראָריזירטער בעסאַראַביע". (אוראָראַ).

איבער דידאָזיקע אומגערעכטיקייטן זענען אַלע אָרנטלעכע

מענטשן איינשטימיק, נישט געקוקט צו וואָסער פּאַרטיי זיי געהערן.

דידאָזיקע שטימען זענען אַ געוויסע צייט געווען שטאַרקער פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אָבער, לײַדער, זענען זיי געווען זייער זעלטן. אָבער די שרעקלעכע באַשולדיקונגען, וועלכע זיי האָבן געלאָזט הערן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמת, וואָס האָט אַלעמען אויפגעמאַכט די אויגן.

און דערדאָזיקער אמת איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן מיט קנאַפּער דרייסטקייט און נישט אַזוי אָפן, אָבער גאַנץ דייטלעך, אין זשורנאַלן פון פאַרשידענע ריכטונגען. דער „אַדעוערול", נישט אָפּלייקענענדיק זיינע פּאָליטישע פּרינציפּן, וועלכע זענען אַנטיקאָמוניסטיש, האָט געמוזט פעסטשטעלן די אומצופרידנקייט, וואָס הערשט ביי דער באַפעלקערונג צוליב דער אַדמיניסטראַציע, „וואָס איז נישט שטענדיק אויף דער געהעריקער הויך". „די פאַרטיידיקונג פון בעסאַראַביע קעגן די קאָמוניסטישע אָנגריפן איז איין פראַגע, די פּאַציפיקאַציע פון דער פּראָווינץ דורך אַן אָרנטלעכע אַדמיניסטראַציע איז אַ צווייטע פראַגע". אַזוי שרייבט דער „אַדעווערול", וועלכער גיט נאָך אָט וואָס צו: „די מעטראָפּאָליע האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג קען מען געווינען דורך גערעכטיקייט, פרייהייט און דעמאָקראַטיע".

ה' קאָנסטאַנטין מיל, אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט, דער פּאָרזיצער פונם רומענישן זשורנאַליסטן-פאַריין, שרייבט:

„איך ווייס נישט וואָסער איינדרוק ה' באַרביס וועט אַוועקטראָגן פון טאַטאַר-בונאַרער פּראָצעס. אָבער איך פּערזענלעך האַלט, אַז די מאַכט, בעת זי האָט איינגעשטילט דעם אויפשטאַנד, האָט זי פאַרגעסן צו לאָזן אין גאַנג די מיטלען, וואָס מען באַנוצט אין ציוויליזירטע לענדער. ווען מיר וואָלטן עס געדענקט, וואָלטן מיר אויסגעמיטן דעם באַזוך פון ה' באַרביס און פון ה' טאָרעס, ווייל ס'איז נישטאָ קיין רויך דאָרט וווּ ס'איז נישטאָ קיין פייער; און דעמאָלט וואָלט אונדז

נישט אויסגעקומען זיך, צו פאַרענטפערן צו פאַרטיידיקן זיך, ווי עס טוט איצט די רעגירונג.

„דער דעפוטאַט סטערע, וועלכער איז פון בעסאַראַביע, נישט קיין סעפּאַראַטיסט, וועלכער איז, ווי איך האָב געזאָגט, שטאַרק פּאָפּולער אין בעסאַראַביע, האָט צו מיר געזאָגט: „איין זאַך דאַרף אונדז וווּנדערן, וואָס בלויז עטלעכע דערפער האָבן זיך צעבונטעוועט!"

נאָכאַמאָל, חזר איך איבער, די מאַכינאַציע מיט רוסלאַנד דאַרף מען נאָך באַווייזן, בעת די נאָרמאַלע סיבות פונם אויפשטאַנד זענען שוין אַלע באַוויזן געוואָרן.

דורך ענוים רייסט מען אַרויס דעם שקר

אָבער חוץ די אַלע באַווייזן פון הויכע און נידעריקע אַגענטן, זענען דאָך דאָ אַנדערע באַווייזן, כּדי צו באַשטעטיקן די פאַרשווערונג. טיילמאָל זענען זיך די באַשולדיקטע אַליין מודה און אויך עדות באַשטעטיקן עס.

דאָ דאַרף מען אויפעפענען אַ נײַ קאַפּיטל, פּונקט אַזוי ערנסט ווי דער גאַנצער שטודיום. מיט אונדזער גאַנצן געוויסן און מיטן פולן באַוווּסטזיין פון אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט קענען מיר דאָס קאַפּיטל אָנרופן: „דורך ענוים רייסט מען אַרויס דעם שקר פון באַשולדיקטע און עדות". באַשולדיקטע און עדות פאַרהערט מען, פּונקט ווי אין מיטלאַלטער, ביז מען באַקומט די תשובות, אין וועלכע מען נייטיקט זיך.

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַלע אויספאָרשונגס-אַמטן. די אויספאָרשונג איז אַ דרייפאַכיקע. צוערשט פאָרשט אויס די זשאַנדאַרמעריע, נאָכדעם דער פּאָליציי-קאָמיסאַר, שפּעטער דער ריכטער. בעת אַלע פאַזן פון דערדאָזיקער פּראָצעדור ווערן באַנוצט די געמיינסטע מיטלען, כּדי צו צווינגען דעם באַשולדיקטן, ער זאָל זיך מודה זיין אין פאַרשווערונג און אין זיינע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן

איינצלנע פּרוּוון פון עפּעס אַ פאַנאַטישן אַגענט, נאָר וועגן אַ גאַנצע סיסטעם, וועגן אַן אויסגעאַרבעטן מעטאָד. ס'האָט פּאַסירט, אַז געוויסע באַשולדיקטע האָבן צוריקגעצויגן זייערע באַווייזן, און דאָס האָט אויפגעשלייערט דעם גאַנצן העסלעכן מאַנעוור.

פריער פלעגן די געריכטן פאָרקומען אין תפיסה־הויף, וווּהין מען פלעגט קיין זייטיקע מענטשן נישט אַריינלאָזן. אַ געוויסע צייט האָט מען דערלויבט אַריינצוקומען בלויז די קרובים פון די באַשולדיקטע. צוליב געוויסע סיבות האָט מען שפּעטער געמוזט איבעררייסן דידאָזיקע געהיימע זיצונגען און, נישט געקוקט אויף דער קליינער צאָל זייטיקע מענטשן, וואָס מען האָט דאָרט אַריינגעלאָזט, האָט דאָך דער אמת געקענט אַרויסשפּראָצן.

די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די טאָרטורן, האָבן נאָכדעם אין קריגס־געריכט דערציילט דאָס, וואָס מען האָט זיי דורך קלעפּ געצוווּנגען צו זאָגן. ווען די באַשולדיקטע און די עדות האָבן זיך באַקלאָגט, האָט דער פּאָרזיצער ביי זיי צוגענומען דאָס וואָרט. אָבער שפּעטער האָט ער זיי געמוזט לאָזן ריידן.

— פאַרוואָס טרייסלסטו זיך? — פרעגט זיך דער פּאָרזיצער איינעם, וועלכן מען האָט געבראַכט אין געריכט.

— איך טרייסל זיך נישט.

— איך זע, אַז דיין גאַנצער גוף טרייסלט זיך.

דער מענטש האָט ענדלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַרויסגעזאָגט: איך האָב מורא, מען זאָל מיך נישט שלאָגן.

— דאָ שלאָגט מען נישט.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָ שלאָגט מען אויך.

נישט בלויז ריידן אַליין האָט מען זיי געמוזט לאָזן, נאָר מען האָט זיי געמוזט לאָזן באַווייזן די מכות און די וווּנדן, וועלכע זיי האָבן באַקומען, איידער זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס די אַגענטן האָבן געוואָלט. אַלס באַווייז האָט מען צוגעשטעלט מעדיצינישע באַשטעטיקונגען. אַ צווייטער באַווייז

איז דער, וואָס די מלוכה־קאָמיסאַרן האָבן געוויסע אַנטפּלעקונגען פון די באַשולדיקטע אָנערקענט פאַר „אויפריכטיקע“. דער שטאַרקסטער באַווייז איז דער, וואָס אַלע קרבנות זענען איינשטימיק אין דעמדאָזיקן הינזיכט.

איך האָב געלייענט אַלע צוריקגעצויגענע ווערטער פון די באַשולדיקטע. איך וועל דאָ ברענגען אַ גאַנצע סעריע דעפּאָזיציעס, כדי אויפצודעקן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג דעם אמתן פּרצוף פון דער גרויסער געריכטלעכער דראַמע אין קישיניעוו.

אַ וואָיט, וואָס האָט צוריקגעצויגן זיינע ערשטע באַשטעטיקונגען, וועלכע ער האָט געגעבן פאַר דער ערשטער אויספאָרשונג, האָט געזאָגט: „איך האָב זיך מודה געווען, ווייל איך האָב זיך איבערגעשראָקן, זעענדיק פאַר זיך אַ געהרגעטן מענטשן“.

דער באַשולדיקטער פּאַוועל קיריליענקאָ האָט געזאָגט: „מען האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב, מיך דאָרט אַריינגעלייגט און מיך פאַרגראָבן ביזן גאַרטל, דראָענדיק, אַז מען וועט מיך באַגראָבן אַ לעבעדיקן, אויב איך וועל נישט דערציילן דעם אמת: דאָס הייסט, אַז איך האָב געהאַט וואָפן און געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דער רומענישער אַרמיי. די דאָזיקע דערקלערונג האָט פון אים אַרויסגעקריגן הוסאַטענקאָ, אַ געוועזענער צאַריסטישער אָפיציר, איצט אויף דער דינסט ביי די רומענער.

מיראָן צאַצענקאָ פון דיוויזיע, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך אַגענטן פון דער מלוכה־שוץ; צוויי וואָכן האָבן אים זשאַנדאַרמען געהאַלטן אין אַ פינסטערן קעלער. מען האָט אים פון צייט צו צייט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט און געקלאַפּט אים מיט האַמערס איבער דער ברוסט. אַריבערגעפירט אין אַן אַן אַנדער שטאָט, האָבן אים ווידער זשאַנדאַרמען געשלאָגן, ביז ער פלעגט פאַלן אין חלשות. געבראַכט פאַר אַן אויספאָרשונגס־ריכטער, האָט ער דאָרט נישט געוואָלט באַשטעטיקן זיין ערשטע מעלדונג. דער אויספאָרשונגס־ריכטער, טודאָר מאַרין, האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין. ענדלעך האָט דער

טעראָריזירטער באַשולדיקטער אונטערגעשריבן אַלץ, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט.

דעם באַשולדיקטן מאַטיי טאַנגעוו האָט מען אַזוי שטאַרק געשלאָגן, אַז בלוט האָט זיך געגאָסן פון נאָז און פון מויל. מען האָט אים אַריבערגעפירט אין אַ שפיטאָל. צוויי אָפיצירן זענען דאָרט צו אים געקומען. אַזויווי ער האָט נישט געקענט ריידן, האָבן אים די אָפיצירן געמאָלדן, אַז ס׳איז גענוג זיין אונטערשריפט. ער האָט זיי אונטערגעשריבן, נישט וויסנדיק אפילו, וואָס אַזוינס ער האָט אונטערגעשריבן.

וואַסילי קאַרטילעאַנו, מיכאַיל טאַנגעו און איוואַן קארטי־לעאַנו זענען אַזוי שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. מען האָט פון זיי געפאָדערט, זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייער אָנגעהעריקייט צו דער רעוואָ־לוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון דאָרף דאָליקיאָי. מען האָט זיי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען זיי האָבן געגעבן אַ פאַלשע דערקלערונג. אין אויספאָרשונגס־אַמט האָט טודאָר מאַרין אַ וואָרף געטאָן אַ קרוציפיקס אין קאַרטילעאַנוס קאָפּ, היות ער האָט זיך געוואַקלט אונטערצושרייבן. אַלע האָבן זיך אונטער־געשריבן, נישט וויסנדיק דעם אינהאַלט פונם פאַפיר.

אַלעקסיי בוגאַיעווסקי האָט פיינט געהאַט דעם בורגמיס־טער פון זיין שטעטל, מיט וועלכן ער האָט געפירט אַ פראָ־צעס. נאָכן אויפשטאַנד אין טאַטאַר־בונאַר, האָט דער מאַגיסט־ראַט אויסגעטראַכט אויף אים, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער. ווען מען האָט געשילדערט די ברענענדיקע יסורים, וועלכע מען וועט אים פאַרשאַפן, האָט ער נאָכגעגעבן און אונטערגע־חתמעט אַלץ, וואָס מען האָט אים אָנגעשריבן וועגן דער באַ־רימטער אָרגאַניזאַציע.

סטעפאַן בעדאַ פון ווולקאַנעיסט, האָט דערציילט, ווי מען האָט אים אויף אַ שענדלעכן אופן פראָוואָצירט, באַשולדיקנדיק אים אַלס אָנטיילנעמער אין עפּעס אַ רעוואָלוציע. אַ סך עדות האָבן עס באַשטעטיקט.

דער גייסטלעכער, ניקאָליי ריסטאָוו, האָט געזאָגט, אַז

בעת מען האָט אים גענומען אויף אַ פאַרהער, האָט מען אינ־סצעניזירט אַ קאָמעדיע, שיסנדיק כסדר פון אַ ביקס און אויף אַזאַ אופן געפאָדערט פון אים, ער זאָל באַשטעטיקן, אַז אין זיין דאָרף איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט און אַז אינם אויפשטאַנד האָט אָנטיילגענומען איינער מיטן נאָמען ספּירידאָן אישטשענקאָ.

דער באַשולדיקטער אַלעקסיי עפימעסקו פון דיוויזיאַ, האָט געמאָלדן, אַז ביי דער אויספאָרשונג האָט מען אים אי־בערגעלייענט אַ פּראָטאָקאָל, נאָכדעם האָט מען פון אים גע־פאָדערט, ער זאָל זיך אונטערשרייבן אונטן אויף אַ בלאַט פּאַפּיר, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען עטלעכע פראַגן אָפּגעקלאַפּט אויף אַ מאַשין. אָבער וואָס דאָרט איז געווען אָנגעשריבן האָט ער נישט געוווּסט.

צווישן די דאָקומענטן זענען עטלעכע מעלדונגען געווען קאָפּירט אויף אַ מאַשין, דאָס הייסט, צוגעגרייט פריער, איידער דער באַשולדיקטער האָט זיך אונטערגעשריבן. דאָס איז אַ גע־וויינלעכע דערשיינונג ביי דער רומענישער פּאָליציי. וועגן ענלעכע פאַקטן האָבן מיר פערזענלעך געמאָלדן די קרבנות פון דידאָזיקע מאַכינאַציעס, פאַרמישנדיק דערין דעם שעף פון דער דאָפּטאַנער תּפיסה.

אַנדערע האָבן מיר געשילדערט, וויאַזוי ס׳האָט זיך נוהג געווען דער אויספאָרשונגס־ריכטער טודאָר מאַרין. ער האָט גע־דראָט. ער האָט געזאָגט צו די באַשולדיקטע: „איך שווער מיטן צלם און מיט דער עוואַנגעליע, אַז דו וועסט פאַרפוילט ווערן אין תּפיסה. דערדאָזיקער ריכטער, וועלכער האָט געענ־דיקט בלויז אַ פיר־קלאַסיקע פאָלקס־שולע, האָט געצוווּנגען די באַשולדיקטע און די עדות, זיי זאָלן אים אָנרופן פאַרשידענע נעמען, וועלכע ער האָט תּיכּף געלאָזט אַרעסטירן.

אַנטאָני קורטיעוו האָט געגעבן ידיעות וועגן אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון זיין דאָרף. „ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן”, — האָט ער זיך שפּעטער מודה געווען, נאָר ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל מען האָט אים געקלאַפּט איבערן קאָפּ; אַז די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַוועקגעזעצט, איינער

אויפן קאָפּ דער צווייטער אויף די פּיס און אים געשלאָגן מכות־רצח; אַז מען האָט אים די הענט צוגעבונדן מיט שטריק צו די פּיס און ווידער געשלאָגן. ער איז געפאַלן אין חלשות, און ווען מען האָט אים אויפגעמינטערט, האָט מען אים אונ-טערגערוקט אַ פּאַפּיר, ער זאָל אונטערשרייבן. ביי יעדן קלאַפּ האָט מען צו אים געזאָגט: „זאָג דעם אמת". דער זשאַנדאַרם פון דאָרף זשיבריאַן, מיט וועלכן ער האָט געהאַט צו טאָן, האָט געפּירט די אויספאָרשונג, האַלטנדיק אַ פלאָקן אין דער האַנט. ער האָט געזאָגט צו די, וועלכע ער האָט אויסגעפרעגט: „אויב דו וועסט מיר נישט זאָגן דעם אמת, וועסטו עס זאָגן מיין שטעקן".

דער לערער, יאָן ביבורנאַס האָט געמאָלדן: „דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, איז נישט אמת. מען האָט מיר געצוווּנגען, איך זאָל זיך מודה זיין, אַז איך האָב אַריבערגעפירט מענטשן איבערן דניעסטער, אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך, ווייל מיין דאָרף ליגט אויף אַ דרייסיק קילאָמעטער פון טייך. אַלע, וועלכע האָבן געזאָגט עדות צוזאַמען מיט מיר, האָט מען געשלאָגן".

ניקאָליי טשיסיבאַרו האָט געזאָגט: „איך בין נישט געווען אין פאָנטאַניאַ, ווי מען האָט מיך געצוווּנגען איך זאָל זאָגן, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַרן קריגס-געריכט, האָב איך געזאָגט דאָס, וואָס די הערן האָבן געוואָלט".

טעאָדאָר באַקאַנאָוו לייקנט אָפּ אַלץ, וואָס ער האָט גע-זאָגט קעגן די באַשולדיקטע און מעלדעט, אַז דאָס, וואָס שטייט געשריבן אין פּראָטאָקאָל שטימט נישט מיט דערווירקלעכקייט.

ניקיטאַ מירציו, דימיטרי וואַנאָוו און אַנדערע: „קיינער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַני-זאַציע, נאָר מען האָט מיך געשלאָגן, האָב איך אויס מורא גע-זאָגט דאָס, וואָס מען האָט געוואָלט".

סטעפאַן באַיראַקטאַר: „אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט פאַר דער אויספאָרשונג, האָב איך געזאָגט אויס מורא און ווייל מען האָט מיך געשלאָגן". דער קאָמיסאַר האָט אים אויפגעגעבן,

וואָס ער דאַרף עדות זאָגן: „אין 1922, ווערנדיק גערופן דורך ניקאָלאַי מאָרזאַן אין דאָרף פּאָנטאַניאַ, האָב איך באַקומען אַ באַפעל צו אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פון פינף פּערזאָן, כּדי אַרויסצוטרייבן די רומענער פון בעסאַראַביע". דער עדות זאָגט ווייטער: „איך האָב עס געזאָגט, ווייל מען האָט אַזוי געפּאָ־דערט, און ווייל מען האָט מיך געשלאָגן. מען האָט מיר מיט אַ שטעקן געשטאָכן די אויגן און געריסן די וואָנסעס.

מען דאַרף שליסן די ליסטע פון די עקלדיקע פאַקטן, אַ מוסטער פון רעכטלאָזיקייט און אומגערעכטיקייט, און וועלכע מען קען פאַרלענגערן ביז צען מאָל אַזויפיל. ס'איז גענוג צו באַמערקן, אַז אין געוויסע פאַלן האָט מען געהייסן מענטשן זאָגן ריינע אַבסורדן. מען האָט געצווונגען באַשולדיקטע, זיי זאָלן מודה זיין, אַז זיי האָבן געלייענט רעוואָלוציאָנערע מאַ־ניפעסטן. אָבער מען האָט קיינמאָל נישט געקענט געפינען קיין איינציקן שפּור פון דידאָזיקע מאַניפעסטן, וועלכע האָבן אפשר גאָרנישט עקזיסטירט. איינעם ניקאָליי הוזון, האָט מען געצווונ־גען, ער זאָל זיך מודה זיין, אַז אַ שיף מיט וואָפן און אַמו־ניציע איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין איזמאַיל, וואָס ס'איז פּשוט אוממעגלעך.

145 עדות האָבן איינער נאָכן אַנדערן צוריקגעצויגן זייערע ווערטער, און קיינער פון זיי האָט נישט געגעבן קיין שום פּאָזיטיווע ידיעות בנוגע דער אַנטירומענישער פאַר־שווערונג.

וואָס פאַרבלייבט פון דער גאַנצער מעשה מיט דער פאַרשווערונג? דער גאַנצער בנין פון די געצווונגענע באַווייזן ווערן צעשאָטן, ווי אַ קאָרטן־שטוב. עס בלייבט בלויז איבער אַ סיסטעם, אויסגערעכנט אויף צביעות, כּדי פאַרשידענע פּאָלי־טישע אינטריגעס צוגעבן דעם כאַראַקטער פון פּאַטריאָטיזם, פון „אָרדענונג", פון קאָנטער־רעוואָלוציע און כּדי נושא חן זיין ביי די גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווען וואָסאַלן די באַלקאַנישע מלוכות זענען. שוין גאַנץ לאַנג ווי דיזעלבע מיטלען ווערן דאָ באַנוצט, כּדי אויסצוראָטן דאָ דעם קלענסטן

פאַרלאַנג פון אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט. איך דערמאָן זיך, ווי אין יאַנואַר 1919 האָט שוין די צייטונג „אַרדעאַלול" אַרויס־געלאָזט דעם פאַלשן לאָזונג פון אַן אָנגריף: „די מאָלדאַוואַנער גייען האַנט ביי האַנט מיט די באָלשעוויקעס".

* *

*

וואָס טראַכט זיך דער קריגס־ראַט וועגן די אַלע בולטע פאַקטן, וועלכע טויכן אַרויס אַלץ מער און מער אין דעמדאָזיקן סענסאַציאָנעלן פּראָצעס? אָבער האָט מען דען רעכט צו טראַכטן?

אָקאָרשט האָב איך געזאָגט צום פּולקאָווניק מאַקסים: „נישט איך דאַרף אייך דיקטירן, וואָס איר האָט צו טאָן. איך קען אייך נאָר דאָס זאָגן, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט איז אין דער רגע געווענדעט אויף אייך און וואַרט אויף אייער אורטייל. ס'איז זייער אַן ערנסטער ענין".

א זעלטענער טיפּ

אויפצומאָרגנס האָט ה' קאָסטאַ פּאָרו פּאַרטיידיקט. שוין לאַנגע יאָרן, ווי ער פאַרנעמט זיך נישט מיט אַדוואָקאַטור, אָבער דאָסדאָזיקע מאָל האָט ער באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אינעם גרויסן פּראָצעס. ער האָט גערעדט מיט גרויס פּשטות, אָן זשעסטן, אָן מימיק, אָבער מיט דורכדרינגלעכער עמאָציע... ער האָט גערעדט, וויאַזוי מען האָט דורך ענוים געצוווּנגען באַ־שולדיקטע און עדות, זיי זאָלן זיך מודה זיין. ער האָט זיך געווענדעט צו די ריכטער, זיי זאָלן אָפּוואַרפן די באַשולדיקונג, וואָס איז באַזירט אויף אַזעלכע באַווייזן. דער פּאָרזיצער פונם קריגס־געריכט האָט אים איבערגעריסן.

— ה' קאָסטאַ פּאָרו, קענט איר נעמען אויף זיך די אחריות? פאַר אַזעלכע ווערטער וועט איר דאַרפן ענטפערן.

אָכמער דאַרפט איר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט דערמאָנען, ווייל ס׳זענען דאָ אויסלענדער אויפן פּראָצעס.

ה׳ קאָסטאַ פּאָרו איז נישט נתפעל געוואָרן פון דעמדאָזיקן אַרויסטריט. ס׳איז אים מער געגאַנגען אין פאַנאַנדערפּויקן דעם פאַקט, ווי אינם פאַקט גופא, אין וועלכן אַלע זענען געווען פאַראינטערעסירט און אין וועלכן דער ה׳ מאַקסים האָט דעם גרעסטן אָנטייל גענומען. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט עטוואָס אויפגעהייבן זיין שטים, כּדי מיט מער ערנסט צוצוגעבן, אַז ער טראָגט די פולע אחריות פאַר זיינע ווערטער.

אַלע האָבן צוגעפּעסטיקט די אויגן אויפן דאָזיקן זקן, וועמענס איידעלע פּאָזע האָט געשטראַלט מיט אַ מין באַשיידנקייט. ער איז געשטאַנען פאַרן טיש, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, ווו אַדוואָקאַטן, שרייבער, סעקרעטאַרן, זענען געזעסן אויפגעפּרעסט, קוקנדיק אויף אים.

דער מאַן האָט דערוואָרבן אין זיין לאַנד ביי איינע דרך־ארץ און פאַרגעטערונג, ביי די צווייטע — שנאה, דערפאַר, ווייל ער האָט אויפגעדעקט אויף אַ שטורמישן אופן די אכזריות פון די תּפיסות און פון דער רומענישער פּאָליציי און אַטאַקירט די טריומפירנדיקע אומגערעכטיקייטן. דערדאָזיקער דרייסטער מאַן מיטן ריינסטן געוויסן, דער דינער פון אמת, וועלכער איז תּמיד גרייט צו גיין פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע, איז איינער פון די גרעסטע אייראָפּעישע פיגורן. אָבער די שאָוויניסטישע פאַנאַטיקער פון זיין לאַנד באַשולדיקן אים, אַז ער איז אַ שלעכטער רומענער און אַז ער דיסקרעדיטירט רומעניע. אַלע אָרעמע מוחות, וואָס פאַבריצירן דידאָזיקע באַשולדיקונג, דאַרפן פאַרשטיין, אַז קיינער איז נישט אומשטאַנד צו דיסקרעדיטירן אַ לאַנד. אַ גרויס פאָלק ווי דאָס רומענישע פאָלק — און ווי אַלע אַנדערע פעלקער — פאַרמירט אַ גאַנצקייט, איבער וועלכער אַזאַ מין הייפל מענטשן קענען נישט האָבן קיין שליטה. אָבער אויב איינער קען צופעליק דיסקרעדיטירן רומעניע, איז עס דער, וואָס פאַרדעקט, פאַרבאַהאַלט,

אָדער פאַרטיידיקט די מעשים, פון אַ פאַרברעכערישער רעגירונג. אַזאַ מענטש, ווי קאָסטאַ פּאַרו, איז דער גלאַנץ פון אונדזער עפּאָכע און פון זיין נאַציע — און זיינע באַליידיקער באַשטע-טיקן נאָר זיין פּרעסטיזש.

מיט אַ טאָג פריער האָט ער באַקומען אַ געמיינעם דראָונגס־בריוו, צוליב זיינע באַציונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר, בעת איך בין געווען אין רומעניע. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מיין אַוועקפאָר זענען אויף אים אָנגעפאַלן עטלעכע פאַשיסטן אויפן קלוער וואָקזאַל און אויף אַ ווילדן אופן אים צעקלאַפּט דעם קאָפּ — ווייל דערדאָזיקער קאָפּ האָט זיך נישט אַראָפּגעבויגן פאַר דער נידערטרעכטיקער אָרדענונג.

* *
*

אָט דאָס זענען די איינדריקן, וואָס איך האָב באַקומען, שטודירנדיק אויפן אָרט, דעם פּראָצעס אין קישיניעוו.

דערדאָזיקער פּראָצעס איז ריכטיק צוגעטראַכט צום טראַ-גישן פּראָבלעם פונם ווייסן טעראָר. ער אַנטפּלעקט דעם ווייסן טעראָר פולשטענדיק: מיט זיינע פאַרבינדונגען, מיט זיינע מיט-לען, מיט זיינע אינסטרומענטן. ווייל עס געוועלטיקן אָליגאַר-כישע רעגירונגען, וואָס האַלטן זיך אַדאַנק אכזריות, און שטיצן זיך אויף פאַרשידענע קאַטעגאָריעס שלעגער, גרייט אויף אַלץ אין דער וועלט. ווייל ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ קאָאַליציע, וואָס שטיצט די אינטערעסן פון די באַיאָרן, געשעפטס-לייט און געגעראַלן; וועגן אַ רעאַקציאָנערן פּלאַן פון אימפּעריאַ-ליזם און פאַרבינדונג מיט אַנדערע אימפּעריאַליסטישע רעגי-רונגען פון דער וועלט. ס׳איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ווענדעט אָן אַלע מיטלען, כּדי צו פירן אַ מלחמה קעגן דער באַפרייונג פון פעלקער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, בעת מיר זענען אַרויס פון גע-ריכט. ס׳איז געווען קאַלט. די זעלנער זאַמלען אויף די באַ-שולדיקטע, הייסן זיי גיין לענגאויס דער מויער, און נאָכדעם

אין אַן אָפֿענעם שפּאַלט פֿון דער אינערלעכער געביידע. מען וועט דורך די קראַטעס, ווי ס׳ווימלען מענטשן, בעת זיי גייען אַריין איינציקווייז, איינער נאָכן צווייטן; ווייל אידער זיי קומען אַריין אין זייערע גריבער, רעווידירט מען זיי אַלע.

בעת דידאָזיקע מענטשן טרעטן אַריין אין זייערע קאַלטע צעלעס, גייען מיר דורך דורכן טויער פֿונם פּאָרט־שלאָס פֿון דער בעסאַראַבישער הויפּטשטאָט. דאָ מוזן מיר אָפּטרעטן אין אַ זייט פֿאַר אַ מחנה מענטשן, וועלכע מען פֿירט אַריין אין טויער. אין דער פֿינסטער טוען מיר אַ פֿרעג, ווער זיי זענען. איינער פֿון זיי, וועלכן אַ זעלנער שטופּט, האָט געהאַט צייט צו ענטפֿערן: „מיר זענען פֿון גאַלאַץ".

יאָ. אַ נייע פֿאַרשווערונג האָט מען אַנטדעקט אין גאַלאַץ, און ס׳שיטן זיך שוין געפֿאַנגענע. דאָס זענען שוין נישט קיין אָרעמע אַרבעטער פֿון פֿעלדער, דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג, וועלכע בונטעווען זיך, ווייל ערגער ווי ס׳איז קען שוין נישט זיין. צווישן דידאָזיקע מענטשן געפֿינען זיך אויך אינטעלעקטועלע, וועלכע ברידערן זיך מיט די אַרבעטער, קעמפֿן האָבן בײַ האָבן מיט זיי קעגן אַ צעשטערונגס־רעזשים און לערנען דאָס פֿאָלק זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון און פֿאָדערן די רעכט, וואָס ס׳קומט זיי פֿון לעבן. אָט דידאָזיקע, היט די פּאָליציי אויפֿן גאַנצן באַלקאַן און מען שלעפּט זיי אַריין אין זייערע בלוטיקע נעצן. ס׳זענען דאָ בײַ היינטיקן טאָג אַ פֿופֿציק געפֿאַנגענע, פֿאַרשלאָסן אין קאַזעמאַטן, פֿונוואַנען עס דערגייען גאַנץ אָפֿט וויי־געשרייען. קיינער פֿון זיי האָט נאָך נישט געקענט ביז איצט קומען אין קאָנטאַקט מיט אַן אַדוואָקאַט. איך האָב צופֿעליק געוווּסט וועגן זייערע ליידן און וויאַזוי מען באַהאַנדלט זיי. אָבער איך קען דאָ נישט אַרויסזאָגן, וואָס איך האָב געוווּסט און וויאַזוי איך האָב עס געוווּסט.

פֿון דעמאָלט אָן זענען פֿאָרגעקומען נאָך אַרעסטן, אין קישיניעוו, אין בעלץ, אין בענדער (34 פּערזאָן). מען האָט זיי געשמיסן און געשטאָכן די פֿיס מיט אייזנס.

מען האָט זיי אָנגעטאָן יסורים מיט עלעקטערישע שטראָמען, לויט דער מאָדערנער טעכניק. און לויט די לעצטע נייעס האָט מען ווידער אָנגעהייבן צו באַנוצן דעם אַלטן געריכטלעכן מעטאָד. ווידער באַקומט מען אַרויס פון די געפאַנגענע געצוווּנגענע באַשטעטיקונגען, וועלכע זיי לייקענען נאָכדעם אָפּ. אָט וואָרפט מען אַזאַ באַשולדיקונג אויף די אַרעסטירטע: זיי זענען „פּאַנאַטיקער" ווייל זיי האָבן געמאַכט אַ הונגער־שטרייק. איינעם באַשולדיקט מען, ווייל ער האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק און אַ צווייטן, ווייל ער האָט געלייענט די דעמאָקראַטישע צייטונג „פּאַקלאַ".

אָט זענען די רעזולטאַטן פון קישיניעווער פּראָצעס: פון 283 באַשולדיקטע זענען 85 פאַרמשפּט געוואָרן.

די גרעסטע שטראָף האָט באַקומען יוסטין באַטעצעוו: אייביקע קאַטאָרזשנע אַרבעט, ווייל יורידיש עקזיסטירט שוין נישט קיין טויט־שטראָף אין רומעניע.

דריי באַשולדיקטע זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר צוואַנגס־אַרבעט, איינער אויף אַכט יאָר, איינער אויף זעקס יאָר, צען אויף פינף יאָר, צוויי באַשולדיקטע זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר תּפיסה, איינער אויף פיר יאָר, פיר אויף דריי יאָר, איינער אויף צוויי יאָר און צען חדשים, צען אויף צוויי יאָר. די איבעריקע פערציק, וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף פאַרשידענע שטראָפן פון צוויי חדשים ביז איין יאָר, האָט מען באַגנעדיקט. אויף אַלע פאַרמשפּטע האָט מען אַרויפגעלייגט אַ געלט־שטראָף פון טויזנט לעי. די עדות פון דער פאַרטיידיקונג דאַראַנגעראַ, דער בורגמיסטער פון טאַטאַר־בונאַר, זיין געהילף צערער, דער בורגמיסטער פון האַטמאַניוק סעפּצענקו, דער פּאָפּ סאַנדאַלעסקו, דער סענאַטאָר יאַקאָב בעלנאָסאָוו זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין פעלד־געריכט, אַלס אָנטייל־נעמער אין די אויפשטאַנדן.

אין אַ סך קרייזן האָט מען געשמועסט, אַז צוליב

די אויסלענדער, וועלכע האָבן בייגעוועזן אויפן פּראָצעס, האָט מען פאַרקלענערט די שטראָף.

אָבער דאָס, וואָס די שטראָף האָט געקענט זיין אַן ערגערע, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז אָרנטלעכע מענטשן דאַרפן דערפון זיין צופרידן? לאָמיר טראַכטן פון די, וועמען די קאַטאָרזשנע אַרבעט און די תפיסה וועלן אָפּמעקן פון דער וועלט, וועגן די קרבנות, וואָס פוילן מחנותווייו — היינט צו טאָג — אין די העקאַטאָמ־בעס, אין אַ משך פון אַכט יאָר.

אַלזאָ, די מעשה טאַטאַר־בונאַר, דער עפּילאָג פון אַ לאַנגער סעריע פאַרפאָלגונגען און פון רציחות איז נישט פאַר־ענדיקט. אָט הייבן זיך אָן נייע געשיכטעס און זיי וועלן זיך כסדר אָנהייבן אין רומעניע, כּל־זמן אונטער די איצטיקע גע־זעצן וועלן פאַרבלייבן מענטשן, וואָס שטרעבן צו פרייהייט און צו סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אויב מען וועט מיר פאָרוואַרפן, אַז איך בין געקומען קיין רומעניע מיט אַ פאַרטיקן פאָליטישן באַשלוס, וועל איך ענטפערן: אַז אויב איך וואָלט נישט געוועזן קיין רעוואָלוציאָ־נער, וואָלט איך געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, אַרויספאָרנדיק פון דאָרט.

צו די באַלקאַנישע פעלקער

איך בין געווען צווישן אייך. איך האָב געדריקט אייערע הענט: אַרבעטער, פויערים, מענער, פרויען, יונגעלייט, אין לאָקאַלן אָדער אין ערטער, וווּ מען האָט אייך פאַרפאָלגט. מיר האָבן זיך אויפגערעדט אין בוקאַרעשט, סאָפיאַ, בעלגראַד, און בודאַפעשט, אין ווין און צייטנווייז אין פרעמדע לענדער, ווייט פון אייערע היימישע ווינקלען, פונוואַנען איר האָט געמוזט אַנטלויפן, ווי פון אַ מגפה.

באַהערשט דורכן בילד פון אייערע ענוים און פילנדיק דעם דופק פון אייערע הערצער, גלויב איך, אַז פון איצט אָן דאַרף איך אייך זאָגן אָט וואָס: פּראָלעטאַריער, נישט געקוקט אויף עטלעכע איידעלע גייסטער, וואָס שטיצן אייער זאַך, רעכנט נישט אויף דער וועלט, נאָר אויף זיך אַליין! קיין זאַך וועט נישט קומען צו אייך פון אויבן-אָן, סיידן שקרים און קלעפּ. ווי אמת אַמאָליקע מלחמה-קעמפער, וואָס ליידן אויף דער קרענק פון פאָלגן, פאַרלירט דאָס ביסל דרך-ארץ, וואָס ס'איז אין אייערע מאַסן פאַרבליבן צום רעזשים און צו די הערשנדיקע פּערזאָנען, וועלכע נויטיקן זיך אין אייך, כדי אַרויסצוברענגען זייערע שלעכטע מעשים.

אייערע שונאים זענען די הערשער.

די גרויסע אייראָפּעישע סצענע דונערט מיט מליצה וועגן פעלקער-רעכט און וועגן שלום, וואָס ווערט רעציטירט דורך פּערזאָנען, אין קליידער פון באַפּולמעכטיקע און מיניסטאָרן.

איך, אַלס פראַנצויז, ווייס איך, וואָסער טרויעריקע ראָל די אָפיציעלע פראַנקרייך האָט געשפּילט אין אייראָפּע, פון דער מלחמה אָן. איך האַלט עס פאַר אַ כבוד, וואָס אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען בין איך פאַרבונדן מיט אויס־לענדישע חברים, וועלכע שטעמפּלען די פעלערן און די פאַר־ברעכנס פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. חוצדעם האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט דעם געדאַנק אויסצומישן פראַנקרייך מיט די לייט וואָס בייטן זיך אין פּאַריזער פּאַלאַץ. צו זיי באַלאַנגט די פראַנקרייך, וועלכע האָט דערשטיקט די ערשטע דייטשע רעוואָלוציע; וועלכע האָט דערשטיקט די פּראָלעטאַרישע רעוואָ־לוציע אין אונגאַרן און דירעקט געהאָלפן צו באַפעסטיקן ד־הערשאַפט פון די אַלטע זעלנער; וועלכע האָט מיט טריומף געהאָלפן אָנטאָן קייטן אויף די פעלקער פון די באַלקאַנישע מלוכות, פון שפּאַניע, און וועלכע האָט אַלץ געטאָן, אַז דאָס־זעלבע זאָל פּאָרקומען אין רוסלאַנד.

די רעגירונגען פון בראַטיאַנו, וואָלקאָוו, פּאַשיטש, פּאַנ־גאַלאָס, און ביז דאָ נישט לאַנג האָרטיס רעגירונג, זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון פראַנקרייך און פון דער פרייער ענגלאַנד. דידאָזיקע אַלע לייט שמייכלען צו איינאַנדער און שטיצן זיך. איבעריקנס, זענען זיי אַלע ענלעך. יעדער איינער איז די בלוטיקע אָפּשפּיגלונג פון צווייטן. אומעטום פאַרקערפּערן זיי דיזעלבע סיסטעם, דיזעלבע אידעע: פירן אַ קריג מיט די מענטשן פון דאָרף און שטאָט, מיט אַלע כוחות שטערן די אַרבעטער צו רעגירן זייערע פעלנער, אַראָפּקלאַפּן די אָנפירער, הרגענען און שלאָגן די לעבעדיקע.

אייערע מושלים, די דינער פון די גרויסע אינטערנאַציאָ־נאַלע ביזנעס־לייט, זענען אייערע שונאים. דער אינטערנאַציאָ־נאַלער פאַשיזם איז גלייכצייטיק: די ווייסע דיקטאַטור פון דער מלוכה און דער אַרבעטער עקספּלואַטאַר. זיי שטייען אויף דער צווייטער זייט פון די באַריקאַדן. און אייערע שונאים זענען אויך די, וועלכע פאַרוועגדן אַ דעמאָקראַטישן תירוץ, ווי די,

וואָס פאַרווענדן אַ פּאַטריאָטישן תּירוץ, כּדי צו דערוועקן אין אייך אַ געמיינע דיסציפּלין און אַ מיאוסע געהאָרכזאַמקייט.

אייער לאַנד, דאָס זענט איר. דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ באַשטאַנד־טייל פונם לאַנד, פּונקט ווי די ערד־שפּייזערין אַליין. און דער איינציקער וועזנטלעכער פעסטער פּרינציפּ, וואָס טויכט אַרויס פינם מאָדערנעם סאָציאַלן כאַאָס — איז די אחדות פונם פּראָלעטאַריאַט. איך מיין אַלע פּראָלעטאַריער און דעם גאַנצן פּראָליטאַריאַט: איר אַרבעטער, פּויערים, און אויך איר אָנגעשטעלטע און עקספּלואַטירטע אינטעלעקטועלער, און אויך איר יונגעלייט פון די שולן, אין וועמען ס׳לעבט דער יונגער ברויזנדיקער באַוווסטזיין פונם פאָלק אַליין.

דורך אחדות וועט איר זיך באַפרייען פון דער שקלאַפערישער געהאָרכזאַמקייט! כּדי צו הרגענען פּויערים אויף די פעלדער, אַרבעטער אויף די גאַסן, כּדי אַרויסצוטרייבן פון די וווינונגען און אָנצופילן די תּפיסות, דאַרף מען האָבן אַרמייען, און כּדי צו מאַכן אַרמייען, דאַרף מען האָבן אייער הסכּמה. דער בולגאַרישער זעלנער און דער רומענישער זעלנער, פּונקט ווי דער פראַנצויזישער זעלנער — ער איז שולדיק אין די אומגליקן. און די זעלנער זענט איר.

דורך אחדות וועט איר אויף לאָגישע און נאַטירלעכע יסודות איבעראַרבעטן די איצטיקע געזעלשאַפט, וואָס שטעלט זיך צונויף פון מענטשן מיט אַ קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע. אין יענעם טאָג וועט איר פאָלגן אייער אייגענעם גורל.

אָבער ביי היינטיקן טאָג, רומענער, בולגאַרן, יוגאָסלאַוון, מאַצעדאָניער, גריכן, איז אייער אויפגאַבע איינע פון די שווערסטע. אייער גורל איז דער ערגסטער אינם גרויסן תּהו־ובהו, וואָס איז אויף דער העלפט אידעאַליסטיש און וועלכן מיר ווילן, גייענדיק האַנט ביי האַנט איבערשאַפן, אין דערדאָזיקער ציווילער באַפרייונגס־מלחמה, ווו ס׳רוקן זיך אַרויס איינצלנע אַוואַנגאַרדן און וועלכע מען דאַרף איינמאָל אין אַ טאָג אַרויסלאָזן אויף אַלע אַלטע שלאַכט־פעלדער פון ראַסן־מלחמה —

כדי צו צעשטערן [illegible] גלויבן פון רציחה און באַרבאַריזם.

מיר זעען פאָרויס די צוקונפט. אָבער דערווייל פליסט אייער בלוט, און יעדן טאָג דערוויסן מיר זיך וועגן דעם נייעם שטייער, וואָס איר צאָלט דעם הייליקן קלאַסן־קאַמף, און די שמערצן, וואָס מיר פילן, דריקן זיך ליידער פאָרלויפיק אויס אין אַ געשריי פון כעס.

דאָך זענען אייערע אָנשטרענגונגען נישט קיין אומזיסטע. הגם איר וואַקלט זיך, הגם איר זענט צייטווייליק אָנמעכטיק. ס'איז פאַר אונדז אַ זעלטענער ביישפיל. אייער אויסטערלישע עקשנות פון מאַרטירער, — נישט געקוקט אויף טרויעריקע שחיטות, — דערוועקט אונדזער האָפענונג און שטופּט אונדז צו מעשים. אייער האַרטנעקיקייט שטופט אונדז צו אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט, צו פאַראייניקונג און גיט אונדז צו מוט. זי גרייט צו די הערשאַפט פון סאָציאַלער גלייכגעוויכט, וואָס מען קען אָנרופן הערשאַפט פון גערעכטיקייט. זי פאַרשנעלערט די היסטאָרישע אויפלייזונג.

איך, וועלכער איז געקומען צו אייך, כדי צו זוכן בית־עלמינס און ציילן די טויטע, האָב לעבן אייך באַקומען אַ בעסערן באַגריף וועגן אונדזער לעבעדיקן חוב. בעת איך האָב וועגן אייך גערעדט מיט די פּראָלעטאַריער פון פראַנקרייך און צענטראַלער אייראָפּע, איבערגעבנדיק זיי, ווי איר האָט מיך געבעטן, אייערע טיפע גערוסן און באַשרייבנדיק זיי אייערע ליידן, האָב איך געפילט, ווי ביי דידאָזיקע לעקציעס באַקומט דאָס פאָלק אַ בולטערן באַגריף וועגן דער זשעני פון זיין כוח און וועגן די פאָדערונגען פון זיין באַרימטן לאָזונג: מענטשן־פאַרברידערונג אונטערן לבוש פון דחקות, אונטערן לבוש פון אַ זעלנער, און אונטערן לבוש פון בלוט.

31 דעצעמבער 1925.

צוגאָב

צוגאָב

ה׳ ליאַפּטשעוו און זיין לעגאַליטעט

געוויסע אויסצוגן פון דעמדאָזיקן בוך זענען דערשינען אין פאַרשידענע צייטונגען פון פראַנקרייך און אייראָפּע: „קאָ־טידיען", „הומאַניטע", „עוואָלוציאָן" (פּאַריז); „פּעפּל" (בריסעל); „גודאָק" (מאָסקווע); „אַבענד" (ווין); „פּאָריין־עפּערס" (לאָנדאָן); „דער פּאָלק" (אַמסטערדאַם); „געטעבאָרגס האַנדעלס" (גאָטעמ־בורג); „אַרבייטער אילוסטרירטע", „די וועלטבינע" (בערלין); „לאַ ראַזאָן" (בוענאָס־איירעס); „קאַיזאָ" (טאָקיאָ) א. א. וו.

דידאָזיקע אויסצוגן האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסטן מצד די פאָרשטייער אָדער די פאַרטיידיקער פון דער באַלקאַנישער אָפיציעלער מאַכט.

אין דידאָזיקע פּראָטעסטן, אינספּירירט דורך פּאָלעמיק, געפין איך קיין שום זאַך נישט, וואָס זאָל מיר צווינגען כאָטש מיט עפּעס צו ענדערן מיין מעלדונג פון פאַקטן און סטאַטיס־טיק און אויך די באַשלוסן, וועלכע ריידן, לויט מיין מיינונג, פאַר זיך אַליין. קיין שום ערנסטע הכחשות האָט מען מיר נישט קעגנגעשטעלט. איך וויל נישט געבן קיין ענטפער אויף זייערע פאַלשע באַגרינדונגען און איך האַלט, אַז כּל־זמן ס׳וועט נישט זיין קיין נייע אָרדענונג, האָב איך שוין אויף אַלץ פאָרויס אָפּגעענטפערט.

דאָך וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף איין באַמערקונג, וואָס

איז דערשינען אין „טאָן" מצד דער בולגאַרישער לעגאַציע אין פּאַריז, ווי ס'ווערט געזאָגט, אַז איך רייד וועגן דער לאַגע, וואָס באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און אַז ליאַפּטשעוו האָט אַרויפגעפירט בולגאַריע אויפן וועג פון אינערלעכער פּאַציפיקאַציע.

איך קען נישט דורכלאָזן אַזאַ מין באַשטעטיקונג, וואָס איז ווייט פון אמת. כדי אָראָפּצונעמען יעדע צווייִדייטיקייט, וויל איך דערמאָנען, אַז דעם 20 פעברואַר האָט דער קרייז-געריכט אין סילוויען געמשפּט 151 באַשולדיקטע פון אַ „קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע". 31 זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, 12 אויף אייביקע צוואַנגס-אַרבעט, די איבעריקע—פון 15 ביז 6 יאָר תּפיסה. אינם זעלבן טאָג האָט זיך אין סאָפיע אָנגעהייבן אַ פּראָצעס פון די פּאַרשטייער פון דער פויערים-פּאַרטיי און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אויסלאַנד. דערדאָזיקער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט דעם 8-טן מערץ, ווו 27 האָבן באַקומען טויט-שטראָף. אונטער ליאַפּטשעווס הערשאַפט האָט מען לעגאַליזירט די מאָרדן פון די געוועזענע מיניסטאָרן קיריל פּאַוולאָוו און פּ. יאַנעוו. דיביידע מיניסטאָרן האָט מען פריי-געשפּראָכן אין 1925, אָבער מען האָט זיי נאָך עטלעכע חדשים געהאַלטן אין די אונטערערדישע תּפיסות פון דער מלוכה-שוץ, אין סאָפיע. דאָרט האָט מען זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט דעם 17 אַפּריל 1925. דעם 24 אַפּריל איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון יוגנטלעכע קאָמוניסטן, פון וועלכע מען האָט פיר פאַרמשפּט צום טויט. נאָך אַ סך ענלעכע פּראָצעסן זענען פאָרגעקומען אין די טריבונאַלן.

קורץ דערנאָך האָט מען דערמאָרדעט: די ערד-באַזיצער קאָסטאַ יורוקאָוו, איוואַן ספּאַסאָוו און דעם קערפּער, וואָס מען האָט געפונען לעבן באַנקי. „זאָראַ" מעלדעט אונדז, אַז צוויי אַרעסטירטע בירגער האָבן „געפּרווט אַנטלויפן", האָט מען זיי דערשאָסן. איוואַנאָוו, אַרעסטירט אין סאָפיע, איז געשטאָרבן פון קלעפּ. טריאיקוסקי פון באָרינאַ איז סתּם פאַרשוווּנדן געוואָרן. צוליבן סינדיקאַטן-קאָנגרעס האָט מען זיך באַמיט צו

האַלטן אין אַרעסט יאָרדאַן מיטעז, דעם סעקרעטאַר פון די אומ־אָפּהענגיקע סינדיקאַטן און מען שמועסט, אַז די פאַשיסטישע גרופּע גערילאַ, האָט פאַרמשפּט צום טויט די נייַן אָנגעזעענסטע טוער פון די אומאָפּהענגיקע סינדיקאַטן.

איך שטעל אויך פעסט, אַז פון ליאַפּטשעווס אַמנעסטיע האָבן נאָר געגאָסן מערדער און גנבים, אָבער פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן קנאַפּ פון איר געהאַט. ס׳זענען פאַרבליבן בערך 1.100 פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די תּפיסות, צווישן זיי די פאַר־משפּטע פראַנצויזין ה׳ לעזשער, מאַדאַם לעזשער און מאַדאַם ניקאָלאָווא. ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, וויאַזוי מען האָט אויפּ־געגומען די אַנטלאָפענע אַמנעסטירטע. 13 עמיגראַנטן פון דער געגנט קוסטענדיל האָט מען אויסגעהרגעט, ווי נאָר זיי זענען געקומען אין זייערע היימען; דאָסזעלבע וועט פּאַסירן מיט די עמיגראַנטן, וואָס וווינען אין די סביבות פון בורגאַס, ווייל דער גענעראַל יאָסטאָוו האָט זיי אָפּגעמסרט דורך אַן אַרטיקל אין דער רעגירונגס־צייטונג „סלאָוואָ". אַנדערע ווערן באַדראָט און פאַרפאָלגט. דער אַמנעסטירטער קאַבאַטשעוו איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון בולגאַריע, האַלטנדיק, אַז זיין לעבן איז אין סכּנה, א. אז. וו.

אָנשטאָט אַן ענטפער, וועל איך דאָ אייסרעכענען די שוידערלעכע פאַקטן און די אכזריות, וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן בעת די שטאָט־וואַלן אין בולגאַריע, אין פעברואַר 1926 אונטער ליאַפּטשעווס רעגירונג. דידאָזיקע דאָקומענטאַציע האָט אַ וויכטיקע פראַנצויזישע צייטונג איבערגעדרוקט פון דער בולגאַרישער פּרעסע. אין אַ סך פאַלן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער אמת: דורך פּראָטעסטן, וואָס געוויסע חשובע לייט האָבן אַריינגעטראָגן אין מיניסטעריום און דורך מעדיצינישע באַשטע־טיקונגען. איך בין מוסיף, אַז דידאָזיקע ליסטע איז נישט קיין קאָמפּלעטירטע.

ר צ י ח ו ת. — אין באַראָוואַן האָט דער קאַפּראַל נאַקאָוו געשפּאָלטן דעם קאָפּ דעם דעמאָקראַט פּאַרוואַנאָוו.

אין סטאַנימאַקאַ האָט די מיליץ אין מיטן העלן טאָג

דערהרגעט דעם לערער יאַן ספּאַסאָוו, פאַר די אויגן פון בורג-מיסטער, פעטער גראָזעוו.

אַרעסטן — לויטן באַפעל פונם בורגמיסטער פענטשעוו און דעם וויצע-פּרעפעקט, האָבן זשאַנדאַרמען אַרעסטירט דעם פויערים-דעפּוטאַט פעטער מינאָוו, אָנצילנדיק אויף אים זייערע רעוואָלווערן.

אין קריטשים איז אַרעסטירט געוואָרן דער פויערישער ראַטמאַן באָגדאַנאָוו.

אין ראַדאָמיר האָט דער וויצע-פּרעפעקט, אין צוזאַמענ-האַנג מיט די וואַלן, אַרעסטירט סעמיאָנאָוו און וווטשעקאָוון פון פּראָוואַלעניצאַ און נאָך פיר פויערים פון נעגאָוואַנצי. באַכדעם זענען דאָרט פאָרגעקומען אַ סך אַנדערע אַרעסטן.

אין מעליקאַדאַנאָוואָ האָט מען אַרעסטירט פיר פויערישע קאַנדידאַטן.

אין סילוועןן: האָט מען אַרעסטירט אַ סך פויערים פון די שכנותדיקע דערפער און מען האָט זיי געבראַכט צופירן אין שטאָט אַריין. אַן אַגענט, וואָס האָט באַגלייט דעם דעפּו-טאַט מיכאַיקאָוו, האָט צוגעשטעלט זיין רעוואָלווער צו דער ברוסט פון אַן ערד-באַזיצער. אַ וראַנגעל-זעלנער און אַ מאַ-צעדאָניער טעראָריזירן די פויערים. די, וואָס אַגענטן אַרעסטירן און וועלכע ווערן נאָכדעם באַפרייט דורכן פּראָקוראָר, האָבן מורא צו קומען צו זיך אַהיים.

אין טשערווענאַקאָוואָ האָט מען אַרעסטירט דימאָ פּאָ-פּאָוון, וועלכער איז אָוועקגעפירט געוואָרן אין נאָוואָזאַגאָראַ.

אין טשיקען איז אַרעסטירט געוואָרן טשאָבאַן און אורען.

דער גייסטלעכער פונם דאָרף דעוועדער איז אַרעסטירט געוואָרן און די אַגענטן האָבן פאַנאַנדעריאָגט די ווילער.

אין קאָרנאָבאַט האָט מען אַרעסטירט אַכט דעמאָקראַטן.

אין קרומאָוואָ האָט מען אינם טאָג פון די וואַלן אַרעס-טירט דריי קאַנדידאַטן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, לאַזאַ-ראָוון, זיקאָלאַן און סטאַמאָגיאַקאָוון, כדי בסוף מאַכן די ליסטע

פון דערדאָזיקער פּאַרטיי. דער מיטגליד פון דער וואַל־ביוראָ מלאַדענאָוו איז אַרעסטירט געוואָרן.

אין טאַטאַר־פּאַזאַרדזשיק האָט מען אַרעסטירט טצעקאָוון, דעם מיטגליד פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט זיינע זין. אַ סך מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע זענען זיך צע־לאָפן, מורא האָבנדיק פאַרן טעראָר.

אין אַלעקסאַנדראָווא האָט דער בורגמיסטער אַרעסטירט אַנזשעל און פּעטקאָ זשעלעזנאָוו, די אָנפירער פון די ליבע־ראַלן, און האָט נישט געטיילט די ווייַלער קיין וואַל־קאַרטן.

אין זלאַטעץ האָבן זשאַנדאַרמען אַרעסטירט אינם טאָג פון די וואַלן טשאַקאַראָוון און זיין זון און אויך גראָזעווס ברידער.

אין לאָקאָרסקאָ איז אַרעסטירט געוואָרן גונדעראָוו, דער קאַנדידאַט פון דער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער פּאַרטיי.

פּאָליציי האָט בלאָקירט די דערפער קאַלאַטשלי, באַל־טאַדזשי און סאָלאַלי, דראָענדיק די ווייַלער. אַ סך מענטשן האָט מען אַרעסטירט.

אויפן וואָקזאַל אין וועטאָווא האָט מען אַרעסטירט די אַדוואָקאַטן קאַלטשעוו און קאַסטאָוו. דער קאָמיסאַר האָט צוגע־נומען די ביולעטינען פונעם נאַציאָנאַלן ליבעראַלן קאַנדידאַט.

עטלעכע אַרעסטן זענען פאָרגעקומען אין קריטשים. די ליסטעס פון דער אָפּאָזיציע האָט מען פאַרווערט.

אין פּערושטיצאַ האָט מען אַרעסטירט מילושעוון.

אין קאָזשנאַר האָט דער אַדיוטאַנט אַרעסטירט בעליאַ־קאָוון, גראַווכאָווסקין און דימיטראָוון. דער זשאַנדאַרם פון סטאָ־יאַנאָווא האָט באַדראָט מיט טויט יעדן איינעם, וועלכער וועט אַרויסשטעלן אַ פּויערים־ליסטע.

אין מורסאָליעווא האָט מען אַרעסטירט די פּויערישע קאַנדידאַטן און די ליסטע פאַרווערט.

דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אין ביסטריצע.

אין מאַלקאָקאַדיעווא האָט מען אַרעסטירט דעם פּויער

גראַזעוו און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין סטאַראַ-זאַ-גאָראַ.

אכזריות — ה׳ סט. זשאַראָוו, אַ געוועזענער דעפּוטאַט איז אָנגעגריפן געוואָרן לעבן דאָרף דולעוואָ און מען האָט אים שטאַרק צעקלאַפּט דעם קאָפּ.

ערב די וואַלן איז דער בורגמיסטער קאַרשאָווסקי צו-זאַמען מיט וו. קריסטאָוון אָנגעפאַלן אויפן ה׳ וויטשאָ פּעטעוו, דעם געוועזענעם בורגמיסטער. מען האָט אים צעקלאַפּט דעם קאָפּ, אַ האַנט און אָפּגעהאַקט די זייטן.

אויף אַ פויערים פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פלעוונע דעם 29 יאַנואַר, האָט די מאַכט געשלאָגן דעם אַכציק-יעריקן אַטאַנאַסאָוו פון מאַטוויצאַ, דעם פאָרזיצער פון דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג. מען האָט דעם זקן אַוועקגעפירט אין דער פּרע-פעקטור און דאָרט האָט אים אויך געשלאָגן דער וויצע פּרע-פעקט קיקאָוו.

אין קאַלאַראַ האָט דער בריגאַדיר פון דער זשאַנדאַרמעריע און דער קאַפּראַל דעליראַצעוו שטאַרק צעשלאָגן דעם פויער יאָרדאַן אוסונאָוו.

אין דרוגאַן האָט פּאָליציי באַדראָט מיט אַרעסט דעם גע-געוועזענעם מיניסטער באָטעוו, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַמניסטיע. מען האָט אים צוגעשטעלט אַ ביקס צו דער ברוסט.

אין סוטשיצאַ האָבן פּאָליציי-טעראָריסטן געבראַכט אין מאַגיסטראַט געאָרגי טריפּאָנאָוו און מען האָט אים געשלאָגן אין קעגנוואַרט פונם בורגמיסטער.

אין דאָלנאַ-מאַנאַסטיריצאַ האָט מען געשלאָגן דעם פויע-רים-קאַנדידאַט, טריפאָן טריפּאָנאָוו.

אין פּאַליקראַטישע האָט מען די פויערישע קאַנדידאַטן געשלאָגן אָן רחמנות.

אין בערדאַרסקי האָט מען אינם טאָג פֿון די וואַלן צעשלאָגן און פֿאַרוווּנדעט די פּויערים-קאַנדידאַטן.

אין קאָשאַוואַ, האָט מען אַ וואָך פֿאַר די וואַלן אַוועקגעשיקט זשאַנדאַרמען, כּדי צו טעראָריזירן די באַפֿעלקערונג. אינם טאָג פֿון די וואַלן האָבן זשאַנדאַרמען אַרעסטירט די פּויערים-פֿאָרשטייער פֿון וואַל-ביוראָ, פֿלאָראָ פּאָפּאָוו, אַוועקגעפֿירט אים אין מאַגיסטראַט און דאָרט אים געשלאָגן מיט דער ביקס.

אין טשעלאָפּעטשע האָט אַ רעגירונגס-קאָמיסאַר פּאַנטשאָוו געדראָט די פּויערים אויף אַן עפֿנטלעכער פֿאַרזאַמלונג, פֿאָדערנדיק פֿון זיי, זיי זאָלן שטימען פֿאַר דער רעגירונג. די פּויערים-קאַנדידאַטן האָט מען גערופֿן אין מאַגיסטראַט און דאָרט האָט מען זיי אויך געדראָט. אין טאָג פֿון די וואַלן האָט מען זיי שטאַרק געשלאָגן.

דער זשאַנדאַרמעריע-בריגאַדיר פּולעוו און דער פּאָליציאַנט סמאַילאָוו האָט אין דעמירדזשעילי דורך דראָונגען געוואָלט צווינגען די אָפּאָזיציע, זי זאָל נישט אַרויסרוקן אירע קאַנדידאַטן. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז דעם קאַנדידאַט פּעטקאָוו געלונגען אַרויסצושטעלן אַ ליסטע פֿון די פּויערים-קאַנדידאַטן. די פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט האָבן אים אַרעסטירט. מען האָט אים אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער ערד און אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן. נאָכדעם האָט מען אים אוועקגעפֿירט פֿאַר דער ביוראָ, כּדי ער זאָל צוריקציען די ליסטע, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט. ער האָט אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט דער בריגאַדיר פּולעוו צוגענומען די פּויערים-ליסטע און זי פֿאַרברענט פֿאַר זיינע אויגן. (אַ סערטיפֿיקאַט פֿון דאָקטאָר דאַיראָוו, וועלכער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז ער האָט באַקומען קלעפּ אין קערפּער און אין פּנים מיט קאַלטן וואָפֿן).

אין דער נאַכט פֿאַר די וואַלן, האָט מען אין דראַגאָמאַן אַוועקגעשלעפּט אָן אַ זייט דעם אָנפֿירער פֿון די נאַציאָנאַלע ליבעראַלן איוואַן קאָלעוו מיט זיין זון ראַסקאָ און זיי גוט צעשלאָגן.

אין אַלעקסאַנדראָוואָ זענען פיר זשאַנדאַרמען אָנגעקומען ספּעציעל צו די וואַלן, אַרעסטירט און געשלאָגן דימאָ דראַגאָ-יעוו. עטלעכע פּויערים זענען אַנטלאָפן.

אין דורגאַן האָבן זשאַנדאַרמען שטערבלעך צעשלאָגן איינעם סערגי זאַכאַרינאָוו.

אין מעסעמוריאַ האָבן פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען געשלאָגן די פּליטים. אַ דעטעקטיוו האָט דערלאַנגט אַ פּאַטש אַן אַנטלאָפּענעם פון טראַציע, מיטן נאָמען קריסטאָ דערפּאַר, ווייל ער האָט געהאַט די העזה אַרויסצושטעלן זיין קאַנדי-דאַטור.

אין טשיקען האָט מען שטערבלעך צעשלאָגן סאַלי קאַראַ מעכמעדאָוו.

אין בעלי-מעל האָבן יאָרדאַן קריסטעוו און אַ סך ראַט-מענער געהאַט דעמזעלבן אָפּשניט. מען האָט פאַרלאַנגט — זיי זאָלן זיך אָנגעבן אין דעמיסיע. וורבאַנאָוו, ליאַפּטשעוס אַן אָנהענגער, האָט נאָך די וואַלן, צוזאַמען מיט אַ זשאַנדאַרם, געשלאָגן איוואַן ספּאַסאָוו און מאַרקאָ ווידאָוו, וועלכע האָבן געחלשט אונטער די קלעפּ. (אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר).

אין טשערקאַוונאַ האָט מען געשלאָגן מוראַדאַלי איבראַי-מאָוון, כדי ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין קאַנדידאַטור.

אין אָסמאַ־קאַלוגעראָוואָ האָבן פּאָליציאַנטן טעראָריזירט די פּויערים און געשלאָגן דעם קאָמענדאַנט פּעעוו. זיי האָבן אויך געשלאָגן איוואַן לאַזאַראָוו און ביי אים צוגענומען די וואַל-ביולעטינען.

אין קאַרלאָוואָ זענען אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַגענטן, צו-זאַמען מיט פּאָליציאַנטן אַרומגעפאָרן איבער דערפער אויף אַ לאַסט-אויטאָ, טעראָריזירט די באַפעלקערונג, פאַרווערנדיק די קאַנדידאַטן פון דער אָפּאָזיציע, זיי זאָלן זיך שטעלן.

אין פּלאָוודיוו האָט דער קאַפּראַל ליטצאָוו צעשלאָגן דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט דאַפּאָוו.

אין מאַלאַריטצאַ האָט דער קאָמיסאַר ספּונזשעוו געשלאָגן דעם סאָציאַליסט גראָסעוו.

אין בידראַרסקי-גיעראַן האָט מען אינם טאָג פון די וואַלן צעשלאָגן די פויערים־קאַנדידאַטן.

שטרענגע מיטלען פון דער מאַכט — אין גאַבראָוואָ האָט מען די פויערישע אָנפירער פאַרבעטן אין דער אונטער-פּרע-פעקטור. דאָרט האָט מען זיי מיט דראָונגען באַפעלן, זיי זאָלן זיך נישט שטעלן צו די וואַלן.

ה׳ טשורניעוו, אַ דעפּוטאַט פון וואַרנאַ, האָט טעלעגראַ־פירט דעם אינערן-מיניסטער, ליאַפּטשעוון, וועגן די אומדער־הערטע רעגירונגס-מיטלען: „די פּאָליציי-קאָמיסאַרן, אַגענטן, זשאַנדאַרמען, דער סעקרעטאַר פון דער פּרעפעקטור און פאַר-שידענע אַנדערע אָנגעשטעלטע פאַרווערן אַרויסצושטעלן די פויערים-ליסטע, דראָענדיק די פויערים״. ה׳ טשערניעוו גיט צו: „מיר בעטן אייך, איר זאָלט אַליין באַשטימען שטאָט-פּרעזידענטן. מיר פאַרלאַנגען נישט קיין וואַלן״.

אין סושיצאַ האָט מען די מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע פאַרווערט אַרויסצוגיין פון שטוב, בעת די וואַלן.

אין לאָוועטש האָט מען בעת די וואַלן פאַרווערט צו שטימען פאַר דער ליסטע פון די פויערים-פאַריייניקונג.

אין באַלדזשי-אָמור זענען דעם 20 פעברואַר אַ גאַנצע נאַכט פאָרגעקומען רעוויזיעס אין די הייזער פון די אָנגע-זעענע פויערים, ווו מען האָט צוגענומען די וואַל־ביולעטינען און די ליסטעס. אינם טאָג פון די וואַלן איז די סעקציע בלאָקירט געוואָרן און די פּאָליציי האָט נישט דערלאָזן די פויערים זאָלן אַהין צוקומען.

דאָס הויז אין קאָשאַוואַ, ווו מען האָט געדאַרפט אָפּגעבן די שטימען, איז ערב די וואַלן געוואָרן אַרומגערינגלט מיט שטעכעדיקן דראָט און פון אינדערפרי זענען דאָרט פּאָליציאַנטן געשטאַנען אויף דער וואַך. אַלע פויערים האָט מען רעווידירט. מען האָט ביי זיי צוגענומען די וואַל-צעטלען פון דער פויערים-

פּאַרטיי און זיי פאַרביטן מיט צעטלען פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי.

אין באַלדזשי־אָמור האָט מען אינם טאָג פון די וואַלן צעשטערט די פויערים־ליסטע. די פויערישע קאַנדידאַטן זענען צעטריבן געוואָרן דורכן זשאַנדאַרם פון פּאָפּאָוואָ, דימיטרי מאַרינאָוו. נאָכדעם האָבן וואַלד־זשאַנדאַרמען מיט שווערדן אין דער האַנט, אַרומגערינגלט דאָס הויז, ווו ס'האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן און צוזאַמען מיט פּאָליציי נישט צוגעלאָזט אַהין קיין פויערים.

אין קון־בונאַר האָט דער קאָמיסאַר פון דער אונטער־פּרעפעקטור, באָגדאַנאָוו, מיט דער הילף פון זשאַנדאַרמען, פאַרנומען דעם וואַל־לאָקאַל. האַלב זעקס האָט ער געהייסן רופן צו זיך די אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע און זיי געדראָט מיט אַרעסט. ער האָט זיי פאַרווערט אַרויסצושטעלן די אָפּאָזיציע־ליסטע. די מיטגלידער פון וואַל־ביוראָ האָט מען רעווידירט. דער קאָמיסאַר האָט צוגענומען וואַל־רעכט ביי 270 בירגער, און 130 בלויז האָבן געשטימט. (וועגן דעם געפינט זיך אַ פּראָטעסט).

אין עטלעכע ערטער האָט די מאַכט פאַר די וואַלן געהייסן צומאַכן אַלע וווינונגען פון 18 ביז 20 אַזייגער, און פאַרווערט פאַרזאַמלונגען. דאָס איז פאָרגעקומען אין באָראָוואַן, אָרלאָנדאָווצי, בעלי־מעל.

ניקאָלאַי קריסטעוו, דער בורגמיסטער פון סטראָוואָ, האָט באַפוילן, אַז ביז צו אַ נייעם באַפעל, טאָר קיינער נישט פאַרלאָזן דאָס הויז נאָך זיבן אַזייגער. אין זיינעם אַ באַפעל האָט ער געמאָלדן, אַז דאָס אויפזאַמלען זיך אין אַ הויז מער פון צוויי פּערזאָן, וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ געהיימע קאָמעראָל, געווענדעט קעגן דער מלוכה־זיכערקייט, און אַז די באַשולדיקטע וועלן געמשפּט ווערן לויטן געזעץ פון מלוכה־שוץ.

אין סעמערדזשיעוואָ האָט מען בעת די וואַלן דאָס גאַנצע שטעטל געהאַלטן אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד. דער קאָמענדאַנט האָט געמאַכט רעוויזיעס ביי די סאָציאַליסטן, צוגענומען ביי

זיי די וואַל־צעטלען און ס׳רוב פון זיי האָט ער אַרויסגעשיקט אויסערן תחום.

די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט אויסגעאיבט אַ דירעקטן דרוק אויף די ווײלער דורך פאַרשידענע מיטלען: פאַרזאַמלונגען און רעפּעראַטן צום גונסטן פון די רעגירונגס־קאַנדידאַטן. אין דערדאָזיקער ריכטונג האָבן זיך אויסגעצייכנט די פּרעפעקטן פון בורגאָס און וואַלאַדאָליד, די אונטער־פּרעפעקטן פון שומען, פון ראַדאָמיר, פון עסקי־דזשומאַיאַ (דער לעצטער האָט געשלאָגן עטלעכע פּערזאָנען, ער האָט געשאָסן אויפן נאַציאָנאַלן־ליבעראַל הוסיין, 75 יאָר אַלט און האָט אים נאָכדעם אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיין זון).

אין לעניצאַ האָט די מאַכט נאָך די וואַלן אַרעסטירט יאַן גאַזדאָוו, אַ ראַדיקאַל, און מען האָט קעגן אים פאַרפירט אַ פּראָצעס אויפן סמך פון מלוכה־שוץ.

אין מאָדראַנאַ האָט מען נישט דערלויבט די פּויערים צו גיין אויף די ליסטעס פון דער פּויערים־פאַרייניקונג.

אין סטראָעווע־באָגאָעוואָ האָט מען פאַרווערט די פּויערים־ליסטע. דער אַגענט באָגדאַנאָוו האָט באַליידיקט די פּויערים.

אין אַ סך ערטער האָבן פּאָליציאַנטן ערב די וואַלן אַ גאַנצע נאַכט געמאַכט רעוויזיעס אין די הייזער פון געוויסע אָפּאָזיציע־מיטגלידער, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען פּאַפּירן, דאָקומענטן, וואָס האָט זיי דערלויבט אַרויסצושטעלן זייערע ליסטעס און וואַל־צעטלען. דאָס איז פאָרגעקומען אין ווינאָגראַד, אין גאָרני־דאַבניק, אין סטאָב.

אין קאַטונעצע האָבן זיך אַגענטן אַריינגעריסן אין נאַידעבאָווס הויז, מיט רעוואָלווערן אין די הענט. ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. אינם טאָג פון די וואַלן האָבן דיזעלבע אַגענטן צוזאַמען מיט פעלד־זשאַנדאַרמען צעשלאָגן די אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט די ליסטעס פון זייער פּאַרטיי. די ליסטע פון די נאַציאָנאַלע ליבעראַלן איז אַרויסגעריסן געוואָרן פונם פאָרזיצער פון דער וואַל־ביוראָ און צעפּליקט פאַר די אויגן פון אַלע אָנוועזנדע.

אין פאַרשידענע ערטער האָט די מוניציפּאַלע מאַכט גע-פּסלט די וואַל-רעכט פון די אָפּאָזיציע-וויילער און אויף אַזאַ אופן האָט מען זיי געשטערט צו שטימען. דאָס איז פאָרגעקומען אינם קרייז פון אָסמאַן-פּאַזאַר, אין דאָרף טשעלאָפּעטש, אינם קרייז פון טאַטאַר-פּאַזאַרדזשיק, אין דאָרף לעווסקי, נאָוואָסעלצי, קראַמאָלין.

אין מער פון פופצן שטאָטישע געגנטן האָט די רעגירונג פאַרווערט צו פאַררעגיסטרירן די פויערים־ליסטעס.

אין געוויסע ערטער האָט מען פאַרווערט צו שטימען, אָדער מען האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו שטימען אויף די וואַל־צעטלען פון דער רעגירונג-קאָליר (אין בולגאַריע שטימט מען אויף וואַל־צעטלען פון פאַרשידענע קאָלירן).

נאָכמער, די ציפערן פון די רעזולטאַטן, וואָס זענען אָפיציעל פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסטן פון אַלע זייטן.

אָט זענען די מעלדונגען, וואָס קאָסטורקאָוו האָט פאַר־עפנטלעכט אויפן קאָנגרעס פון די ראַדיקאַלן: „די וואַלן פון 14-טן ביזן 21-טן פעברואַר זענען פאָרגעקומען אין באַדינגונגען, וואָס בולגאַריע האָט ביז איצט נישט געוווסט... קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן". („ראַדיקאַל", 8 מערץ).

אָט זענען דריי אָפּשאַצונגען פון פאַרשידענע קוועלן:

ה' וו. טש. קוטשורקאָוו, דער פּאָרזיצער פונם אַדוואָקאַטן־פאַריין אין בולגאַריע, ברענגט אין „ראַדיקאַל" אַ געוויסע צאָל פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז ליאַפּטשעוס רעגירונג האָט לגמרי נישט געענדערט צאַנקאָווס רעזשים און זיך נישט באַמיט צו באַזייטיקן די מעשים-תעתועים פון די „אומפאַראַנטוואָרטלעכע לייט".

דער „נאַראָד", דער אָרגאַן פון די בולגאַרישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, שרייבט, נאָכדעם ווי ער האָט ציטירט געוויסע פאַקטן: „אין צאַנקאָווס צייטן האָט די רעגירונגס-פּרעסע און די בורזשואַזע פּרעסע אָפּגעלייקנט דעם טעראָר פון דער רע־גירונג. נאָכן פאַלן פון צאַנקאָווס קאַבינעט, האָט דיזעלבע

פּרעסע זיך מודה געווען, אַז ביי צאַנקאָווס רעזשים האָט טאַקע געהערשט אַ געוואַלדיקער טעראָר. איצט, זאָגט זי, האָט זיך אונטער ליאַפּטשעווס אָנפירונג, אָנגעהייבן אַ נייע תקופה. אָבער דער אמת איז, אַז סיי אונטער צאַנקאָווס רעגירונג, סיי אונטער ליאַפּטשעווס רעגירונג ווערן אָרנטלעכע מענטשן דער-מאָרדעט, געפּייניקט, פאַרגוואַלדיקט. מיר האָבן דערויף בולטע באַווייזן" („נאַראָד", 17 אַפּריל 1926).

די בולגאַרישע ליגע פון מענטשן-רעכט, וועלכע האָט זיך ביז איצט געשפּילט אין ברוגז מיט דער רעגירונג, האָט אַריינגעטראָגן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע, אַז „זי פּראָטעסטירט קעגן די אכזריותן און אומגערעכטיקייטן, וואָס הערשן איצט אין בולגאַריע". זי באַשטעטיקט, אַז דידאָזיקע מעשים, צוערשט איינצלנע, האָבן זיך נאָכדעם פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצע פּאָליטישע סיסטעם. און זי איז מוסיף: „איבעראַמתן, איז די רעגירונג פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון די פאַרשידענע „קאָנ-ספּיראַטיווע" אָרגאַניזאַציעס און פאַר די אומפאַראַנטוואָרטלעכע פאַרמיטלער.

צום סוף איז כדאי צוגעבן, אַז ליאַפּטשעוו האָט גע-מאָלדן, דאָס ער וועט פאָרטזעצן צאַנקאָווס פּאָליטיק, און בעת ער האָט איבערגענומען דאָס אינערן-מיניסטעריום, האָט ער עפנטלעך דורך דער העכערער מאַכט געדאַנקט דעם אַדמיני-סטראַטיון און פּאָליציייאישן פּערסאָנאַל פאַר דער איבערגע-געבנקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן זיין פאָרגייער.

אַפּריל 1926.

סוף

אינהאלט:

אינם גיהנום פון אייראָפּע . 5

I. אונדזער שליחות 7
II. מען דאַרף שרייען „געוואַלד, מערדער"! . 22
III. די אויסראָטונגס-אָרגאַניזאַציע . . 44
VI. געקרייצטע פעלקער 60
V. די רעגירונג קעגן פאָלק . . . 93
IV. דער תירוץ: אַנטיבאָלשעוויזם . . . 105
IIV. די באַלקאַנישע מינדערהייטן . . . 122
IIIV. די ראָל פון די גרויסע מלוכות... און אונדזער ראָל 122

דער גרעסטער פּאָליטישער פּראָצעס אין דער וועלט 169

אויפן ראַנד פון אייראָפּע 171
וויאַזוי מען אַנעקסירט אַ לאַנד . . . 176
אַ וואָרף מיטן אויג אין די געהיימע אַרכיוון . 177
אַ פאַרזאַמלונג און גענעראַלן 179
אַן אינוואַזיע-אָקופּאַציע 182
די ווילדע מעשים פון דער אַרמיי און פּאָליציי . 185
שפּילן פון די שעפן 187
נישט קיין רעפאָרם, נאָר אַ טעאַטראַלע קאָמעדיע . 192
צו די צרות אַ צושפּיל 196
דער אויפשטאַנד אין טאַטאַר-בונאַר . . . 198
מען פאַרהערלעכט די פּאַרזעעניש . . . 102
עטלעכע אָפּנייגונגען פונם געזעץ . . . 204
דער סוד פונם טעראָר 207
אַ סצענאַר צו גוט צונויפגעשטעלט . . . 211
פאַרעטערישע דאָקומענטן 214
די צו פיינע קאָלעקציע 216
געשרייען פון אמת 219
דורך ענוים רייסט מען אַרויס דעם שקר . . 222
אַ זעלטענער טיפּ 229
צו די באַלקאַנישע פעלקער 235
צוגאָב 241